STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00305

# GEZAMELTE SHRIFTEN FUN YONAH ROZENFELD

Yonah Rozenfeld

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Susan Ballenzweig*
*in memory of*
*Howard Ballenzweig*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאמעלטע שריפטען

פון יונה ראזענפעלד

פערטער
באַנד

ארויסגעגעבען פון דער
יונה ראָזענפעלד קאָמיטע
ניו יאָרק :: 1924

Copyright by
Yona Rosenfeld
1924

# נאָהענטע און ווייטע

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| אַ בריף | 7—26 |
| אין נעבעל | 27—85 |
| נאָך איהם | 87—96 |
| דער אויסוואורף | 97—126 |
| דער פלאָנטער | 127—155 |
| אַ שכן | 157—171 |
| געפאלען אויף א שכל | 173—181 |
| יום־טוב | 183—200 |
| אייביגקייט | 201—209 |
| אין זיך | 211—220 |
| אַ צופאַל | 221—230 |
| די ירושה | 231—239 |
| ער איז נעבאַך אַ מענש | 241—251 |
| אַ פרעמדער | 253—267 |
| אין איין טאָג | 269—283 |
| אין די בערג | 285—288 |

# אַ בריף.

יעקב לייזער, אַ הויכער געזונטער איד, מיט אַ ברייטער ווייַסער באָרד, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסען צוזאַמען מיט די פּאות אַזוי אַז עס האָט געקענט הייסען, אַז ער געהט מיט און אָהן פּאות, האָט אויף דער סטאַנציע ס. אָפּגענומען אַ בריף. דער בריף איז געווען פון זיין שוואָגער, דעם ווייב'ס אינגסטען ברודער. דער לעצטער האָט געלאָזט וויסען דער שוועסטער, אַז איהם האָט אַ גרויס אומגליק געטראָפען: זיין ווייב איז געשטאָרבען איבערלאָזענדיג איהם צוויי קליינע קינדער, דאָס עלטערע פינף יאָהר, דאָס קלענערע דריי יאָהר.

געלייענט האָט ער דעם בריף שטעהענדיג אין מיטען וואָקזאַל, וואו אַחוץ איהם זיינען געשטאַנען נאָך אַ פּאָר אידען און אויך געלייענט בריף, וועלכע זיי האָבען איינצייטיג מיט איהם אָפּגענומען אויף דער פּאָסט. אַחוץ איהם און אַחוץ די אידען, וואָס האָבען געטאָן דאָס זעלבע, וואָס ער, זיינען ביים גרויסען מיט בלעך געדעקטען טיש געזעסען עטליכע גוים און געגעסען שווארץ ברויט מיט זיסע אוגערקעס.

יעקב לייזער האָט צוויי מאָל איבערגעלייענט דעם בריף. דאָס ערשטע מאָל אָהן ברילען, דאָס צווייטע מאָל מיט ברילען. אַזוי איז ער זיך נוהג מיט אַלע בריף, ווען ער געפינט ניט ביים ערשטען מאָל לייענען דאָס, וואָס ער איז גערן צו געפינען.

אויך דאָ, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער בריף איז געווען אַ קורצער און אַן איינפאַכער, האָט זיך איהם נעבעלדיג געדאַכט, אַז ער האָט דורכגעלאָזט, פאַרזעהן עפּעס זעהר וויכטיגעס. האַלטענדיג דעם בריף אין איין האַנט און ניט אָפּגעהמענדיג פון איהם זיינע גרויסע בייזע אויגען, האָט ער מיט דער צווייטער

האָט ארויסגענומען די ברילען פון קאַמזויל־טעשעל, אַריבערגע־וואָרפען די האַלאַבליעס אַריבער די אויערען און האָט זיך פון דאָס ניי פארטיפט אין בריף.

און מערקווירדיג: ער האָט טאַקע ביים צווייטען מאָל לייענען ארויסגענומען אַזעלכעס, וואָס ער האָט פריהער ניט באמערקט. ער האָט אַרויסגענומען, אַז דער שוואָגער וואָלט געוואָלט זיין הע־ניעלע'ן...

פון וואָס ער האָט דאָס ארויסגעדרונגען איז שווער צו פאַר־שטעהן. דער גאַנצער בריף איז באַשטאַנען פון איין יאָמער און קלאָג אויף דעם גרויסען אומגליק, וואָס איהם האָט געטראָפען, נאָר קיין קשיא איז עס ניט: מענשען, וועלכע טראַכטען אַ רייהע יאָהרען וועגען איין זאַך וואָס פארנעהמט דאָס גאַנצע וועזען זייערס, הויבען אָן זעהן האַלוציניאַציעס, זיי הויבען אָן זעהן און הערען דאָס, וואָס זיי באַגעהרען פלאַמענדיג צו זעהן און צו הערען...

„מ'דאַרף צופאָהרען אַהיים" — האָט ער היציג אַ טראַכט געטאָן.

דער פּאָסט־צוג, וועלכער האָט די בריף געבראַכט, איז נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעגאַנגען און געשפּירט האָט זיך אַ שטילע, לייכטע, אומעדיגע פוסטקייט. די רעלסען האָבען געבלאַנקט אַנטקעגען דער ברענענדער זון, וועלכע איז געשטאַנען פונקט אויף דער מיט הימעל, און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי הייס צו זיין פון דער גרויסער ריזיגער משא, וועלכע איז אַריבערגעגאַנגען איבער זיי. פון יע־נער זייט וואָקזאַל זיינען שוין גרייט געשטאַנען איינגעצוימט די פערד אין צוויי גרויסע וואָגענס און די בעל־עגלה'ס האָבען זיך אַרומגעדרעהט מיט די בייטשען אין די הענט אַרום די פּאַסאַ־זשירען, וועלכע זיינען שוין געזעסען אויף די וועגען, זיך געדרעהט אַהין און אַהער, זיך אויפגעהויבען און אַראָפּגעזעצט, און דערביי עפּעס געדעדט. די פּאַסאַזשירען זיינען כמעט אַלע געווען באַ־קאַנטע, טאַקע פון דעם זעלבען שטעדטעל מיט דעם זעלבען נאָמען, וואָס די סטאַנציע רופט זיך אָן. אויף איין וואָגען זיינען אויבען־אָן געזעסען צוויי שווערע אידען, איינער מיט אַ ברייטער פּלאַ־

טשיגער באָרד מיט געדיכטע און ברייטע, ווי פּראַטשעס, גלאַטע פּאות און מיט געשווירענע וואָנצעס. דער איד איז נאַר־וואָס גע־קומען פון דער שטאָדט ק. וואוהין ער האָט אוועקגעפיהרט זיינס אַ אינגעל אין דער ישיבה אריין. נעבען איהם איז געזעסען חיים יואל דער שוחט, אַ הויכער אַ דאַרער איד מיט אַן אונגעוועהנליך בלאַסער נאַז און אונגעוועהנליך שוואַרצער באָרד און וואָנצעס. ער האָט זיך נאַר־וואָס איבערגעזעצט אַהער פון אַ גוי'אישער פוהר, וואָס האָט איהם אַהער געבראַכט צופיהרען פון אַ נאָהענטען דאָרף, וואוהין דער קרעטשמער, אַ איד, האָט איהם געהאַט ארויסגערופען צו קוילענען אַ חולה'וואַטע בהמה, וועלכע האָט געהאַלטען ביים פּגר'ן. אנטקעגען די צוויי אידען איז געזעסען אַ מיידעל מיט אַ קיילעכיג געזונט גלאַנציג פּנים, מיט קליינע שוואַרצע בלישטשענ־דיגע אויגלאַך. זי איז געפאָהרען פון בערדיטשעוו, וואו זי איז אָפּגעוועזען פינף יאָהר „אין דער פרעמד", און איז איצט געפאָהרען אַהיים זיך זעהן מיט די עלטערען, קריגען אַ חתן און חתונה האָבען אָדער גאַר פאָהרען קיין אמעריקאַ. נעבען איהר איז געזעסען אַ יונג וווייבעל מיט אַ פאַרוויקעלט פּנים. זי איז אויך געפאָהרען פון דער שטאָדט ק., האָט זיך דאָרטען געלאַדעט די צייהן.

אויף דער צווייטער פוהר איז געזעסען אויבען־אָן אַן איינ־איינציגער פּאַרשוין, איינער פון יענע פּאַרשוינען, וואָס אַז מ'גיט אַ קוק אויף זיי, ווייסט מען, אַז מ'דאַרף זיך נעבען זיי ניט זעצען, סיידען באין ברירה, אַז ס'איז שוין קיין אָרט ניטאָ. דעם אידען האָט קיינער ניט געקענט. ער איז נאַר־וואָס צוגעפאָהרען אַהער צו דער סטאַנציע מיט פּריצישע פערד „נאַשפּיץ", און אפילו די איזוואָשטשיקעס ווייסען ניט, וועמעס פערד דאָס זיינען... ער איז געזעסען איינגעהילט אין אַן ארבעס־קאָלירטען שטויב־מאַנטעל און געהאַלטען אין איין האַנט אַ גוטען שוואַרצען זיידענעם שירעם, וועלכער האָט געגלאַנצט אנטקעגען דער זון. דערקאָנט האָט מען אָן דעם אידען, אַז ער מוז זיין אַ גביר. מ'האָט עס דערקענט אָן זיין קאַרק און זיין גלאַנציגער קויהל־שוואַרצער באָרד, און באַזונ־דערס אָן זיין שטאָלצער אָדלער־נאַז. אנטקעגען איהם איז גע־

זעסען אַ אידענע מיט אַ טיסטענער שבת'דיגער פאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ, ארונטערגעבונדען אונטער דער גאָמבע, און עס האָבען אָפּגעשטאַרצט צוויי גלייכע שטייפע שפּיצען. פון אונטער דער פאַטשיילע אָפּער האָט ארויסגעקוקט טיף אַנגערוקט אויפ'ן שטערען דער ווייסער טשיפּיק מיט געררוקעוועטע שליאַקעס און קוקענדיג אויף איהר, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ זיצט עפּעס אַ שטיק יום־טוב אויפ'ן וואָגען.

אַנטקעגען אָט דער אידענע נעבען דעם אידען האָט זיך אויפגעזעצט יעקב־לייזער, און נאָך זיין אויפזעצען זיך וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ער דאַרף און מוז אַהיים פאָהרען — אזאַ מין אויפזעצען זיך איז עס געווען...

דאָס ערשטע מאָל אין יעקב־לייזער'ס לעבען, ס'הייסט פון יענער צייט, וואָס ער איז צו זיין שכל געקומען, האָט דאָס איצט געטראָפען, ער זאָל פאָהרען נעבען אַ פרעמדען אידען און ער זאָל איהם ניט פרעגען, ווער ער איז, וואָס ער איז, פון וואַנען ער פאָהרט, וואוהין ער פאָהרט און נאָך וואָס ער פאָהרט. דאָס ערשטע מאָל טרעפט, אַז נעבען איהם זאָל זיצען אַ איד באַשיצט פון דער זון מיט אַ שירעם און איהם זאָל ניט פאַרדריסען וואָס ער בויגט ניט אָן אין זיין זייט דעם שירעם. ער האָט גאָר פאַרגעסען, כמעט ווי ניט געפיהלט, אַז נעבען איהם זיצט אימיצער, און דערצו נאָך אזאַ אימיצער, וואָס איז שטאַרק עהנליך געווען אויף אַ וואַלד־סוחר (וואַלד־סוחרים האָבען עפּעס באַזונדערע, אייגענאַרטיגע פּנימ'ער). ער האָט פאַרגעסען ניט בלויז אָן איהם, נאָר אָן דער גאַנצער וועלט, אָן אַלע מסחרים. ער האָט נאָר געקלעהרט וועגען בריף און וועגען זיין טאָכטער העניע'ן...

יעקב־לייזער איז אַ בעל־הבית אַ איד, און אַ בעל־הבית אַ איד הייסט ביי אידען אזעלכער, וואָס לעבט פון ווינט. עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען, ער זאָל זונטאָג ארויספאָהרען פון דער היים און זאָל וויסען, וואוהין ער פאָהרט, נאָך וואָס ער פאָהרט אַרום אויף די נעהענטסטע סטאַנציעס, לאָזט ניט דורך איין צוג, און ביי וועמען ער וועט „כאַפּען" עטליכע רובעל. ער דרעהט זיך

ביי וועלכען ער זאָל ניט זיין, און פון דעם וואָס ער דרעהט זיך אַרום אויף די סטאַנציעס און פון דעם, וואָס ער באַגעגענט ווי אַ וואַך־מייסטער אַלע באַהנען האָט ער פּרנסה. מ׳קען ניט זאָגען, אַז ער האָט זי בריווח, נאָר ער האָט זי אויף אַזוי פיל, אַז מ׳קען זאָגען, אַז ער לעבט זיך בעל־הבת׳יש. פאַראַן סוחרים פון וועלדער און מעקלער פון וועלדער. יעקב לייזער איז איינער פון די לעצטע נאָר פון דריטען ראַנג. ער איז איינער פון יענע שלים־מזל׳דיגע מעקלערס, וועלכע האָבען זינט זיי לעבען אַליין קיין געשעפט ניט אויסגעפיהרט, נאָר זיי קומען תמיד אָן צום גרייטען. ער דאַרף נאָר דערשמעקען, אַז יאָקעל פייבוש און גרונם האַלטען אין שליסען אַ געשעפט, רוקט ער זיך אַריין אין מיטען און ער באַקומט שוין זיין „פּעט״. די מעקלערס גיבען איהם פּשוט אָפּטשעפּ־געלט. און אַזוי לעבט ער זיך אַלע יאָהרען. אמת, עס טרעפט אַמאָל, אַז ער פיהרט אַליין אויך „אַ געשעפטעל״, אָבער גאָר ניט קיין באַדייטענדע. עס געלינגט איהם אַמאָל אויסצומעקלערען אַ „דיעליאַנקע״ פון אַ פּאָר הונדערט בוימער, ער קריגט אַ סוחר׳ל אויף עטליכע וואַגאָנעס ברען־האָלץ, אָדער ער שטעלט צו פוהרען אויף אַרויס־צופיהרען דאָס מאַטעריאַל פון וואַלד אַרויס.

דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע פּאַרדינסטלאַך, וואָס קיין עושר קען מען דערפון ניט ווערען. אויף פּרנסה איז דאָ. אָבער קומט אויס, למשל, חתונה צו מאַכען אַ בתולה, קנייטשט זיך דער שטערען... און אפילו אַזעלכע געשעפטלאַך זיינען ניט אַלע וואָך בנמצא. איז מילא כאַפּט מען אַ גמילות־חסד. דאָס איז אויך אַ שטיקעל געשעפט. אַ שטיקעל געשעפט איז עס דערפאַר, וואָס ניט אַלעמען דאַרף מען אָפּגעבען. ער גיט נאָר אָפּ אַזעלכע מלוים, מיט וועלכע ער האָט ניט און קען ניט האָבען קיינע פאַרבינדונגען, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס האָבען קיין שייכות ניט צו קיין געהילץ, און לייט ער ביי זייניגע רעכענט ער עס אַריין אין פאַרדינסט אַריין...

ער איז שוין אפילו אַ געוויסע צייט, איינצייטיג, ווי ער איז געווען מעקלער, אויך געווען קאָלעקטאָר פון וואַרשעווער לאָטריי־צעטלאַך, נאָר דאָס געשעפט האָט ער ליקווידירט אין איין האַלב

יאָהר, ווייל קיין איינער פון די, וואָס האָבען גענומען ביי איהם די צעטלען, האָט אפילו דעם קרן ניט געוואונען. ער האָט שוין אפילו געפרואווט דאָס מזל זיינס אויף שדכנות, נאָר ער האָט זיך אָפּגע־זאָגט איינגאַנצען דערפון פון יענער צייט אָן זינט זיין טאָכטער העניע האָט זיך מיט א פּאָר יאָהר אריינגעשניטען אין דריטען צעהנדליג... ער האָט פּשוט ניט פארגונען צו שדכנ'ען פרעמדע שדוכים אין דער צייט, ווען ביי איהם זיצט קיין עין הרע אַן איבערגעוואַקסענע בתולה...

יעקב־לייזער'ן וואָלט גאָרנישט געפעהלט, ווען ער זאָל נישט האָבען דאָס מיידעל אויפ'ן קאָפּ. גרוי און אַלט מאַכט זי איהם... תמיד איז ער בייז, אויפגערעגט און דער גאַנצער וועלט א שונא, באזונדערס יענע גליקליכע עלטערען, וואָס האָבען חתונה געמאַכט און וועלען אָהן שוועריגקייטען חתונה מאכען די טעכטער זייערע... ער איז פון אַלעמען פארהאסט טאַקע דערפאַר, וואָס מ'פיהלט אין איהם א שונא, נאָר אין אמת'ן איז ער גאָרנישט קיין שלעכטער מענש. ער וואָלט יעדערען אַלעס פארגונען, ווען גאָט זאָל איהם נאָר העלפען אראָפּצוּוואַרפען די חרפּה פון קאָפּ...

יעקב־לייזער האָט שוין כמעט פארלוירען די האָפנונג אויס־צוגעבען זיין העניעלע'ן. ער קען גוט זיין „סחורה״. וואָלט ער באזעסען א גרעסערען קאפּיטאַל, וואָלט ער נאָך אזעלכע צרות נישט געהאַט. נישטאָ אזא סחורה, וואָס מ'זאָל עס פאַר געלט נישט קענען פארהאַנדלען. וואָס קלעקען אָבער זיינע פינף הונדערט רובּליאָוויטשעס! חתונה־הוצאות און קליידער, איז ער פּטור פונ'ם געלט. און נדן?... צוריק מיט יאָהרען איז אזא סומע געווען א גאַנצער אוצר. מ'האָט געקענט חתונה מאַכען דריי טעכטער מיט אזא קאַפּיטאַל, און היינט איז עס קלעק!...

דער וואָקזאַל איז שוין ווייט געבליבען פון הינטען, נאָר האָט אָבער ניט געלאָזט פארגעסען אָן זיך: עס האָבען זיך פון צייט צו צייט געלאָזט הערען טרעלען פון פייפלאַך־סיגנאַלען פון מעשענע טרובקעס און זעלטענער — א קורצער מעכטיגער פייף פונ'ם לאָקאָמאָטיוו. פון ביידע זייטען שליאַך זיינען צוואוואָרפען, ווייט

און ברייט איבער די פעלדער, געשטאַנען פויערים באָרוועסע מיט אַריבערגעוואָרפענע לייווענטענע העמדער איבער די לייווענטענע הויזען מיט בלויזע צושויבערטע קעפּ און געפּאַכעט מיט קאָסעס, וועלכע האָבען געבלאַנקט אַנטקעגען דער הייסער צושמאַלצענער זון. פון יעדען פאַך האָט זיך געלאָזט הערען אַן אַנגענעהמער „שיק" און עס איז צוגעוואַקסען אַ לעדיג שטיקעל אָרט, וואָס האָט געמאַכט אַ טרויעריגען און דאָך אַנגענעהמען איינדרוק. אויף די לעדיגע ערטער, וואו עס האָבען געשטעקט און געגלאַנצט, ווי שפּילקעס די פאַרשניטענע שטרוי, זיינען געשטאַנען איינס פון דאָס אַנדערע אַרומגעגאָרטעלטע גאַרבען מיט די קעפּלאַך אַרויף און דאָ און דאָרטען — פאַסטוכער מיט טשערעדעס הרחבה'דיג צושפּרייט, און עס האָבען געפלאַטערט ווײַדלען אין דער לופטען...

עס איז געווען סאַמע צייט פון שניט, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס האָט זיך פון ערגעץ קיין געזאַנג ניט געהערט; ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אַרבייט איז געטאָן געוואָרען שטיל, פּאַמעלאַך און רוהיג, האָט זיך דאָך געשפּירט, סיי אין דער לופט, סיי אויף דער ערד, עפּעס אַ מין שטילער, ליבער, האַרציגער יום־טוב. עס האָט זיך געשפּירט אַ יום־טוב פון מענשליכער פּראַצע, אַ יום־טוב איבער דעם, וואָס נאַטור מיט מענש גיסען זיך צונויף, אַרבייטען געמיינזאַם, קורץ, אַ יום־טוב פון אַרבייט, פון פיל אַר־ביים. און אַ יום־טוב קען עס זיין נאָר דעמאָלט, ווען די זון ברענט און באַקט, טריקענט די אָפּגעשניטענע תבואה. און גע־פיהלט האָט זיך, אַז די לעצטע האָט עהרליך, פּראָסט, כמעט פויעריש, מיט איהר גאַנצער הייסער ליבע דערפיהלט דעם חוב איהרען... טרויעריג איז נאָר דאָס, וואָס ניט אַלע קלאַסען מענשען פיהלען דעם יום־טוב, וואָס ניט אַלע נעמען אין איהם אַן אַנטייל, וואָס ניט אַלע פיהלען די ליידען און פריידען פון'ם ערד־אַרבייטער, פונקט ווי דער לעצטער פיהלט ניט און קען גאָר קיין באַגריף ניט האָבען וועגען אַ יעקב לייזער'ן און נאָך אַזעלכע אידען, וואָס דרעהען זיך אַרום די באַהנען מיט שטעקלאַך און מיט שירעמס אין די הענט און האָבען דערפון פּרנסה, עסען אַלע שבת ווייסע

חלה און פיש מיט פלייש, און אויב אזא איד, ווי יעקב־לייזער קען זיך נאָך ווי עס איז פאַרשטעלען, וואָס הייסט אזעלכעס פיזישע ארבייט, קאָן זיך א פויער אויף קיין פאַל ניט פאַרשטעלען, וואָס עס הייסט אזעלכעס קאָפּ־דרעהעניש. ער ווייסט ניט און וועט קיינמאָל ניט וויסען דעם טעם פון האָבען א פאַרזעסענע בתולה און דערצו נאָך א באַלעבאַטישע בתולה, וואָס קאָן ניט חתונה האָבען מיט אבי וועמען, מוז דוקא נעמען אזעלכען וואָס זאָל ניט האָבען קיין מלאכה אין דער האַנט, מוז דוקא נעמען א לײדיג־געהער, וואָס זאָל לעבען פון ווינט.

— אפשר וועט איהר זיך מטריח זיין א ביסעל אַנבויגען דעם פּאַרעסאָל אין מיין זייט אריין, — האָט יעקב לייזער געזאָגט, דערפּיהלענדיג, ווי דער קאָפּ שפּאַלט זיך איהם פון היץ. — ס'ברענט, דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין!

* * *

העניע איז געזעסען אין געבויטען סוכה'לע, וועלכעס איז באַשטאַנען איין העלפט פון דינע אויסגעשלעווטע ווייס־אויסגעפּארבטע ברעטלאַך און די צווייטע העלפט פון גלאָז. די היץ איז דאָ געווען אומערטרעגליך, אזא מין היץ, וואָס קאָן נאָר מעגליך זיין אין אזא מין סוכה'לע, וואָס דריי ווענט באַשטעהען פון גלאָז און פון דינע ברעטלאַך. די לופט איז דאָ געווען בלענדענד ליכטיג, ווי א צוגליהטע דורכזיכטיגע מאַסע. די פּאָדלאָגע איז געווען אזוי הייס, אז ס'איז אוממעגליך געווען אויף איהר אראָפּצושטעלען א באָרוועסען פוס. אַן אומצאָהלבאַרע קאָלעקציע פון פאַרשיידענ־פאַרביגע פליגען האָבען געארבייט מעשים, האָבען זיך קופּעס־ווייז געדרעהט אין דער לופטען, איינציגווייז געקלאַפּט אין די שויבען און געשריגען, געליאַרעמט. זיי זיינען פּשוט משוגע געוואָרען פון גרויס וואָרעמקייט. העניע איז געזעסען אויפ'ן רויטען קאַנאַפּקעלע, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן דער שטוב־וואַנט, — די איינציגע וואַנט, וועלכע איז געווען קיהל, איין מאָל דערפאַר, וואָס זי האָט זיך געפונען אין שאָטען און צווייטענס, דערפאַר, ווייל זי איז געווען אויסגעפּרייסט. זי איז געזעסען האַלטענדיג א פוס

אונטער זיך, פון וועלכען ס'האָבען נאָר ארויסגעקוקט די טריט, פארדעקט מיט א שווארצען זאָק מיט א מערעזשע אויף די פינגער. דער צווייטער פוס, א לאַנגער, א דארער, איז אראָפּגעהאנגען. אונטער דעם פוס זיינען געשטאנען א פּאָר אלטע, אָפּגעריבענע פון אויסווייניג און קויטיגע פון אינווייניג, קאַלאָשען. אויפ'ן צווייטען עק קאנאפּע, וועלכע איז געווען משופּע אָנגעגאָסען מיט זונען שיין, איז געלעגען א סאקסאָקענער טולעפּ און א גרויע בורקע און די ביידע ווארימע מלבושים האָבען אונטער דער הייסער זון גאָר אַן אנדער פּנים געהאט. עפּעס ניט דעם, וואָס ווינטער, עפּעס האָבען זיי געהאט א רחמנות'דיג, אָפּשטויסענדען אויסזעהן און עס האָט זיך ניט געוואָלט גלויבען, אז עס איז פאראן אזא צייט אין יאָהר, וואָס מ'קאָן טראָגען אויפ'ן לייב אזא שווערע האָריגע משא.

העניע איז געזעסען אומבאַוועגליך; אין גאַנצען קערפּער האָט זיך געשפּירט א פוילע, העסליך הייסע מידיגקייט. דאָס פּנים, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אָלעס ארום איהר האָט געגליהט, איז דאָך קאלט און בלאס געווען, אָהן א טראָפּען בלוט. די אויגען, אינגאנצען עהנליך אויפ'ן פּאָטער'ס, פארגליווערט טעמפּ, ווי ביי א פיש. קענטיג, אז דאָס מיידעלשע פייער איז שוין לאַנג אויסגעלאָשען, אויסגעגליהט געוואָרען. אין די אויסגעדארטע לאַנגע הענט מיט בלויע אָדערען, האָט זי געהאלטען א האָר-נאָדעל, איהם געבויגען מיט די דארע לאַנגע פינגער, געבויגען און אויסגעגלייכט, אויסגעגלייכט און געבויגען, און פון צייט צו צייט איהם אריינגערוקט אין מויל אריין, געריבען די יאַסלעם אָדער גאָר איינגעקלעמט די הינטערשטע ליפּ און געמאַכט פון איהר א ווינשעלע. געקוקט האָט זי דורך דער אָפענער טיר, וועלכעס איז פון דריי זייטען פאגראָזעט מיט זשערעדעס און וואו וואו עס זיינען געוואקסען קארטאָפליעס שוין לאַנג אָפּגעבליהטע, קאטשאנעס, וועלכע האָבען געהאלטען אין בליהען, ארויסלאָזענדיג פון זיך קרומע גלאנציג-פייכטע, ווי ביי ציגען, בערדלאך; דאָרטען זיינען אויך געוואקסען בוראקעס, פאסאָליעס, ארומגעדרעהט אויף טיטשקעס, אויך וועלכע עס האָבען זיך פון צייט צו צייט געשטעלט

פייגעלאך, דרעהענדיג זיך און פרעהליך פלאַטערענדיג מיט די פליגעלאך. קורץ: אין דעם גאָרטען איז אַלעס געוואקסען, ווי בכלל אין אידישע גערטנער, איינגעזעצט פון כל־ערליי קרייטיכצער געדיכט איינגעזעצט איינס נעבען דאָס אנדערע אויף אַ קליינעם שטח ערד.

העניע איז געווען איינע פון יענע מיידלאך, וואָס האָבען די גאַנצע ארבייט זייערע שוין אָפּגעטאָן אין דער יוגענט. די ארבייט פון אַ קליין־שטעדטעלדיג מיידעל — אויסנעהען, העפטען — איז אַן ארבייט אַזאַ, וואָס ווען זי וואָלט אפילו ניט געווען אָפּגעטאָן געוואָרען, וואָלט זי איצט אויך ניט געהאַט, וואָס צו טאָן, דערפאַר וואָס ביי אַזאַ מיידעל פארנעמט שוין אַזאַ ארבייט גאָר קיין אָרט ניט...

זי קוקט אמאָל מיט אַן איראָניש שמייכעלע, דורכגעוועבט מיט בענקשאַפט אויף די אויסגעהעפטע האנטיכער מיט די אויס־גענעהטע בוכשטאבען צום גראַם: „ליצאַ אוטירויי, מעניא ווספאָ־מינייי"; אזוי קוקט זי אויך אויף די אויסגעאַרבייטע טישטאכלאך און אויסגעהעפטע בילדער, וואָס הענגען אויף די ווענט: אַ „מזרח", אַ „לשנה טובה תכתבו", אַ לשנה הבאה בירושלים", און באַזונ־דערס רופט ביי איהר ארויס אַ שמייכעל דער „שטשעגאָל" מיט'ן צווייגעלע אין פיסק. זי פלעגט דערביי אָפּזיצען גאַנצע טעג און דאָס מיט אַזאַ ערנסטקייט, ווי עס וואָלט גוואלדיג נוציליך געווען, ווי זי וואָלט זיך אָהן די אַלע זאַכען גאָרניט געקענט באַגעהן. שעה'ן לאַנג איז זי אָפּגעזעסען ביי דער ארבייט, אַ פאַרזונקענע אין סאַמעט־ווייכע נעבעלדיגע געדאַנקען, און געדרעהט האָבען זיך דאָרטען פרעמדע, נאָר זעהר נאָהענטע פנימ'ער, פאַר וועלכע די גאַנצע ארבייט איז, כאָטש ניט ווייסענדיג, דאָך פיהלענדיג געטאָן געוואָרען...

היינט איז זי אזוי פויל. ניטאָ אַזאַ ארבייט, וואָס זאָל פאַר איהר אָנציהענד זיין. היינט טוט זי נאָר דאָס, וואָס מ'מוז.

זי איז געזעסען פאַרזונקען אין מידע, נאָר לייכטזיניגע גע־דאַנקען. אין אַזעלכע היצען און ביי אַזאַ ליכטיגקייט טראַכט זיך

ניט קיין שווערעס, עס טראכט זיך כמעט פון גאָרניט... איהר איז ניט געווען ניט אומעטיג און ניט פרעהליך... עס האָט איהר גאָר ניט געפעהלט און זי האָט ממילא גאָרניט פארלאַנגט... איהר איז נאָר הייס געווען. זי האָט געקאָנט זיצען אין שטוב, וואו עס איז געווען אביסעל קיהלער, האָט איהר אָבער די היץ אויך ניט געאַרט. זי איז ביי זיך ניט קיין צובאַלעוועטע... ניט אמאָל! א געשעפט!

העניע איז איין און איינציג קינד אין שטוב. זי האָט נאָך צוויי שוועסטער און א ברודער. איין שוועסטער א חתונה געהאַט, וואוינט אין א דאָרף, האָט א האַלב טוץ קינדער, אַלע אַזעלכע געזונטע, באוואַקסענע, מיט פארברענטע פנים'ער. די שוועסטער איז איינגאַנצען מיט א יאָהר אכט עלטער פון איהר, נאָר האָט שוין „בלאָפּקעס" אזוי גרויס, ווי די מוהמע... דער שוואָגער מיט'ן עלטסטען בן קומען א פּאָר מאָל אין יאָהר צופאָהרען אויף די יריד'ען און זי פיהלט זיך עפּעס אזוי מאָדנע אין דער געגענוואַרט פון איהר שוועסטער'ס זוהן, אז זי איז תמיד גערן, ער זאָל וואָס גיכער אוועקפאָהרען. דער ברודער, אינגער מיט א פּאָר יאָהר פון דער שוועסטער, אויך א חתונה געהאַט, וואוינט אין אדעס, און אין דער זעלבער שטאָדט געפינט זיך די אינגערע שוועסטער, שוין אויך א מיידעל אין די יאָהרען, נאָר א ביסעלע „אויסגעשפּילטער" פון איהר.

די מוטער האָט זיך ארומגעדרעהט אין קיך, האָט פון צייט צו צייט אָפּגעדרויבעלט מיט דער גרויסער שטומפּיגער האַק שפּענדלאַך פון דער גרויסער שייט האָלץ, וואָס איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער שוואַרצער געגריבעלטער ערד אָהן פּאָדלאָגע און האָט צוגעלעגט צום פייער, וואָס האָט געברענט אויפ'ן פריפּעטשאָק. זי איז דאַר און קליין וואוקסיג, דאָס פּנים אין קנייטשען ווי אָפּגעבאַקטער עפּעל. פון העמד, וועלכעס איז אויסגעשניטען עטוואָס וויים פון האַלז (זי געהט אָהן א בלוזע) שטאַרצען צוויי ביינער ארויס, און צווישען די ביינער און האַלז צוויי טיפע גריבער. די הענט, וואָס קוקען ארויס פון די פּרייע, קורצע ארבעלאַך, וועלכע

גרייכען כמעט ביז די עלענבויגען, זיינען דאַר און געל, די הויט זעהט אויס אַזוי דין צו זיין, אַז עס דאכט זיך, ווען מ׳ריהרט זיך צו צו זיי, וואָלטען זיי זיך אָפּגעשיילט.

די אַלטע איז אין כעס אויף דער טאָכטער, וואָס זי טוט גאָר־נישט. „טילקאָ” וואָס זי פארשפּרייט די בעטען און „דראָפּטשעט” אָפּ די פּאָדלאָגע. אָזאַ מיידעל קיין עין הרע!...

„וואָלט זי מיר כאָטש אַ שטיקעל האָלץ אָפּגעהאַקט”, טראַכט זי פאַרדראָסיג. זי האָט וואָרטשענדיג אָפּגעשווימט דאָס טעפּעל, אַ וואָרף געטאָן דעם שוים וואַסער און איז מיט׳ן לעפעל אריינ־געגאַנגען צו דער טאָכטער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל צווישען דער עס־שטוב און דער סוכה, האָט בייז געקוקט מיט איהרע קליינע אויגעלאך, וועלכע האָבען געגלאַנצט פון פייער און אויסגעזעהן אויסערגעוועהנליך שאַרף און יונג און ווי פאַר זיך אויסגערופען:

— זיצט!

העניע האָט זיך אויף איהר צושריגען:

— וואָס אַרט דיך, אַז איך זיץ? וואָס לאָזט עס דיך ניט רוהען? און צוגעגעבען, ווי זי וואָלט גערעדט צו אַ זייטיגען מענ־שען: — ס׳אַרט איהר ניט, וואָס איך טו גאָרניט, ס׳אַרט איהר נאָר, וואָס איך זיץ... אַ מאַמע!

די אַלטע, אַז איהר פאַרדריסט עפּעס, פאַרלעגט זי די הענט אויף דער ברוסט און שווייגט. איין אויגעל, דאָס רעכטע, מאַכט זי עטוואָס צו און פּאַמעלאַכקע, פאַר זיך אַליין ניט באַמערקענדיג, ניט אַראָפּנעמענדיג דאָס אויגעל פון דעם, אויף וועמען ס׳פאַר־דריסט איהר, הויבט זי זיך אָן צורוקען מיט דער פּלייצע אַרונטער, קען זיך אַזוי אָפּרוקען אָן אַרשין אַנדערהאַלבען. אויך איצט האָט זי דאָס זעלבע געטאָן. און קיין זאַך קאָן אַזוי העניע׳ן ניט אויפ־רעגען, ווי די משונה׳דיגע טבע דער מאַמע׳ס, דאָס רוקען זיך אויף הינטען. זי האָט אָהן ווערטער אויסגעצויגען די רעכטע האַנט, האָט אָנגעשפּיצט אויף דער מוטער דעם אָנווייז־פינגער, האָט אַ שפּיי געגעבען און איז אַרויסגעשפּרונגען פון סוכה׳לע אין גערטעל

אריין און האָט זיך דאָרטען אוועקגעזעצט אויף א בייט צווישען די געדיכט אָנגעשטאָכענע טיטשקעס, ארומגעדרעהט מיט גרינע בלעטער...

---

די מאַמע און די טאָכטער ווייסען, אז ווען דער מאַן, דער טאַטע, קומט אהיים אין מיטען וואָך, מוז זיין עפּעס וויכטיגעס. ער קומט אהיים דעמאָלט, ווען ער „כאַפּט" א גרעסער פּארדינסטעל און האָט ניט קיין ראיעלען מענשען, וועמען ער זאָל קענען גע־טרויען דאָס געלט, ברענגט ער עס אליין צופיהרען. אויך איצט, זעהענדיג איהם צופאָהרען, האָבען זיי זיך דערפרעהט, מיינענדיג, אז ער האָט געבראכט געלט, נאָר דערזעהענדיג זיין ערנסט פּנים (אז ער ברענגט געלט שמייכעלט ער), האָבען זיי פארשטאַנען, אז זיי האָבען זיך אָפּגענאַרט, און ביידע, די מאַמע מיט דער טאָכ־טער, האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט פאַרשענד־פרעגענדע בלי־קען: וואָס קען דאָס זיין?

זיי האָבען ביי איהם אויף דער קיך־טיר צוגענומען די זאכען, די מוטער דאָס רענצעלע, די טאָכטער דעם גראָבען פארשטויבטען פּאַלטאָ, וועלכען ער פיהרט מיט זיך אפילו אין די גרעסטע היצען, און אריינטראָגענדיג עס אין שטוב האָט זיך געדאכט, אז זיי, די מאַמע מיט דער טאָכטער, זיינען געקומען פון וועג, ניט ער. העניע האָט באַלד ארויסגעטראָגען דעם פּאַלטאָ און איהם אויפ־געהאנגען אויף דער סוכה־טיר. די מוטער האָט ארונטערגערוקט דאָס רענצעל אונטער'ן בעט און אלע דריי זיינען זיך נאָכדעם צונויפגעקומען אין עס־שטוב, האָבען געקוקט איינס אויף דאָס אנדערע און געשוויגען.

יעקב־לייזער האָט אראָפּגעוואָרפען דעם פארשטויבטען קאַש־קעט, האָט זיך ארומגעווישט דעם שטערען, דעם האַלז, דאָס פּנים מיט א קויטיג טיכעלע, צוגעגלעט די באָרד אנטקעגען שפּיגעל, וועלכער איז משופּע געהאנגען אויף דער וואַנט אונטער דער סטעליע, און אויסדרעהענדיג זיך מיט'ן פּנים צו דער ווייב און טאָכטער, געזאָגט:

— אַ הײַץ! דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין!...
אזוי ווי אַ קאַלך־אויוועז! — און האָט ברייט אָפּגעבלאָזען פון זיך.

— אַן אומגעריכטער גאַסט! — האָט מלכה־לאה (אזוי הייסט די אַלטע) געזאָגט, קוקענדיג אויף איהם מיט פאַרשענד־בלישטשענ־דיגע אויגעלאַך, און ער, ווי ער וואָלט עס באמערקט, האָט שטיל, פּאַמעלאַך און טרויעריג אַ מורמעל געטאָן:

— האָסט אַ בריף פון דיין משה'ן!...

דאָ איז ביי דער מאַמען און טאָכטער פאָרגעקומען אַ מאָדנער מישמאַש אין די קעפּ. אינ'ם טאָן, מיט וועלכען די ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרען, האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז דער בריף איז ניט קיין פרעהליכער, און זיי האָבען זיך דערשראָקען. איינ־צייטיג איז זיי אָבער פרעהליך געוואָרען פון דעם געדאַנק, אַז ער וואָלט איבער'ן בריף, וואָס דאַרטען זאָל ניט זיין, ניט געקומען, געקענט געוועזן איבערשיקען, און אַז יאָ געקומען, האָט ער זיכער געלט פאַרדינט. דאָ איז זיי אָבער אומעטיג געוואָרען: וואָס פאַר אַ שרעקליכער בריף מוז עס זיין, וואָס זאָל האָבען געמאַכט אויף איהם אַזאַ ווירקונג, אַז ער קען אפילו קיין פרעהליכע מינע ניט באַווייזען?... איז זיי ווידער פרעהליך געוואָרען: אויב ס'איז טאַקע אַזאַ טרויעריגער בריף, איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס ער באַווייזט ניט קיין פרייע מינע, איז דאָך קיין וואונדער נישט, וואָס ער קען אפילו ניט אָנזאָגען די בשורה פון דעם פאַרדינטען געלט... לאַנג האָט זיך דאַרטען געפּלאָנטערט ביי זיי אין די קעפּ, אזוי לאַנג, ביז ער האָט איהם דאַרטען אָפּגעזוכט אין אַ גאַנצען פּאַק בריף און איבערגעגעבען העניע'ן, און ווי די לעצטע האָט איבערגעלייענט די ערשטע שורה „לאחותי היקרה מרת מלכה־לאה שתחיה" האָט זיך ביי דער אַלטער אזוי פאַרדרעהט דער קאָפּ, אַז זי האָט שוין גאָרניט געוואוסט, וואָס מיט איהר טוט זיך. זי האָט פאַרגעסען סיי אָן דעם בריף, סיי אָן דעם געלט, האָט זיך אזוי ווי אַ שעפּסעלע, וואָס געהט אראָפּ פון זינען אין אַ הייסען זומער־טאָג, צוגערוקט, צוגעליאַשטשעט צו דער טאָכטער, אונזיניג

געפינטעלט מיט די אויגען און דאָס גאַנצע פּנים האָט אויסגע־דריקט אַ מיאוס־עקעלהאַפטע גרימאַסע.

יעקב לייזער האָט זיך אָנגעהויבען אַרומצודרעהען איבער דער שטוב, האַלטענדיג די הענט טיף פאַררוקט אין די הויזען־קעשענעס. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען דער ווייב און טאָכטער און געקוקט אויף זיי מיט שטרענג פאַר־שענדע אויגען: ער האָט געוואָלט וויסען, דערקענען, צי פאַלט זיי נישט איין דאָס, וואָס איהם איז איינגעפאַלען, און געוואָלט אַז דאָס זאָל וואָס גיכען געשעהן.. ער האָט נישט געוואָלט בלייבען איינזאַם, אַליין טראַכטען וועגען אַזאַ שווערער פאַרפלאָנ־טערטער זאַך, אַ זאַך, וואָס איז, נאָך זיין מיינונג, כמעט ווי געשעהן, ד. ה., איידער נאָך ביי איהם אין מוח האָט זיך פאַר־מולירט אַ וועלכע עס איז פאָרשטעלונג, ווי אַרומער דאָס קאָן געשעהן...

— אַזאַ אומגליק! אַזאַ אומגליק! — האָט די אַלטע מלכה לאַה אויסגערופען בליפּענדיג, און געווישט מיט'ן קורצען קויטיגען קליידעל די אויגען, דאָס פּנים, און געשנייצט די נאָז. און יעקב לייזער, ווי ער וואָלט געוואָלט באווייזען, אַז איהם אַרט עס נישט ווייניגער פון איהר, האָט געפונען פאַר נויטיג אַ פּאָר מאָל צו זאָגען:

— אַזאַ בילד!... אַזאַ שעהנע!... הער נאָר! הער נאָר! —

און אין דער צייט געקוקט אויף זיין טאָכטער, וועלכע איז איצט מיאוס געווען פאַרקרימט און די אויגען האָבען מאָדנע געבלים־טשעט פון אונטער די טרערען, און באַדויערט האָט ער נית יענער, דער געשטאָרבענער, וואָס איז געווען בילד־שעהן, נאָר דער טאָכטער, דער לעבעדיגער, וואָס איז אַזוי דאַר און מיאוס, און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז נאָר אַ דאַנק דעם האָט ער דאָס מאָראַלישע רעכט צו טראַכטען וועגען אַזאַ זאַך, וואָס האָט זיך אין אַזאַ מאָמענט נישט געפּאַסט צו טראַכטען...

די אַלטע איז אָהן צווייפעל געווען שטאַרק געריהרט פון ברו־דער'ס אומגליק, די פּלימעניצע אויך, נאָר דאָך האָבען זיי אָבער אויף קיין מינוט נית געקענט פאַרגעסען אָן זייער אייגענעם בלו־

טיגען אינטערעס... אין דעם, אַז דער מאַן, דער טאַטע, האָט פּאַרדינט געלט, האָבען זיי ניט געצווייפעלט... נאַרישקייטען... ער וועט דאָך ניט געהן ליגען הוצאות דעם בריף צו ברענגען... ס'איז דאָך ניט מעהר, ווי אַ שוועגערין... יע... ס'טוט זיי ביידען זעהר וועה די הערצער: אַזאַ טייערע שוועגערין!... אַזאַ טייערע גוטע מוהמע...

אודאי פּאַסט איהם איצט נישט צו ריידען וועגען דעם... אַז ער שווייגט מוזען זיי דאָך אודאי שווייגען... נאָר פּאַרדינט האָט ער... האָט אַ סך פּאַרדינט... אַזאַ טייערע שוועגערין, אַזאַ טייערע גוטע מוהמע... ער פּאַרדינט אַזוי פיל, וויפיל ער האָט נאָך קיינמאָל ביז אַהער נישט פּאַרדינט (דוקא!), אפשר עפּעס אַ פינף הונדערטער!...

די לאַגע איז פון מינוט צו מינוט געוואָרען אומערטרעגליכער און דערגאַנגען אַזי עס אַזוי ווייט, אַז עס האָט זיי ביידען, אי דער מאַמע, אי דער טאָכטער, אָנגעהויבען צו פאַרדריסען יוזיפ'ן ברודער און פעטער... און שווייגען האָט מען דאָך געמוזט... געמוזט שווייגען וועגען דעם, וואָס האָט לעצטענס פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע וועזען זייערס... מ'האָט נאָר געקענט שרייען, ליאַרעמען וועגען דעם, וואָס האָט שוין כמעט אויפגעהערט צו אַרען... די אַלטע איז שוין בייז געוואָרען אויף'ן אַלטען, זי האָט געטראַכט: מילא, איהר פּאַסט ניט צו פרעגען... ס'איז איהר ברודער, איהר שוועגערין, נאָר ער, וואָס לייגט ער זיך אַזוי אַוועק... זעה נאָר, ווי ער דרעהט עס זיך אַרום! זעה נאָר, ווי צוטראָגען ער איז!... פּאַסט עס איהר דאָך ניט! האָט זי באַדאַרפט באַווייזען, אַז איהר אַרט עס נאָך מעהר... האָט זי געמוזט געוואַלדעווען און ליאַרעמען: „וועה צו דער שוועגערין!... אַזאַ יונגע בוימעלע!“ דאָ איז שוין ווייטער דער אַלטער בייז געוואָרען: זעה נאָר ווי זי לייגט זיך עס אַזוי אַוועק פאַר דער שוועגערין... דער ברודער וועט אודאי קיין אַנדערע נישט קריגען... און געמאַטערט האָט איהם דאָס געוויסען, וואָס ער קאָן אין אַזאַ צייט, ווען דאָס ווייב באַוואַשט זיך מיט טרערען, טראַכטען וועגען דער טאָכטער'ס

תכלית... און ווי ער וואָלט מוזא געהאַט, דער געדאַנק זאָל ניט אַדורכבליזען, האָט ער אָנגעצויגען אויף זיך אַ שרעקלאַכען טרויער, קונציג אָנגעצויגען, אַזוי ווי דאַס ווייב, אַזוי ווי די טאָכטער, און געקנאַקט האָט ער די פינגער און געמורמעלט:

— ... אַזאַ שטראָף!... אַזאַ שטראָף!... צוויי יונגע יתומים... אַזאַ שטראָף! אַזאַ שטראָף פון זיין ליבען נאָמען!...

אָנוויינענדיג און אָנשרייענדיג זיך, מעהר וויפיל עס האָט זיך געגלוסט וויינען און שרייען, איז דאָך די אַלטע ענדליך אַנשוויגען געוואָרען. דאָס פּנים האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעלייטערט, ניט לאָזענדיג קיין שפּור פון טרויער... דער אַלטער האָט עס באַמערקט און אַ טראַכט געטאָן: אָט וואָלט דאָס געווען פון איהר אַ חכמה, זי זאָל זיך אַנשטויסען אויף דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעשטויסען, און דערלאָזענדיג אַזאַ מעגליכקייט איז אויך זיין פּנים לויטער געוואָרען. דאָס האָט ווידער באַמערקט די אַלטע, און ביי איהר איז שוין קיין צווייפעל ניט געבליבען, אַז ער האָט פּאַרדינט געלד, און זי האָט זיך דערמאָנט אָן טעפּעל, האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט זיך אויף איהם מיט וואַרמעס ניט געגרייט... נאָר מילא, קיין אומגליק נישט, זי וועט מאַכען אַ צושפּייז... ביי מאַנעסען איז דאָ גוטע טאַראַנקעס מיט גראָבע, פעטע רוקענס, וואָס לייכטען זיך אַנטקעגען דער זון... דאַרף מען קויפען אַ פישעל... דערווייל אָבער דאַרף מען אַריינגעהן אין קיך אַ קוק כאַפּען צום טעפּעל... פון פייער מוז שוין אודאי קיין „דוך" ניט זיין... זי וויל געהן, נאָר קאָן אָבער ניט... שעמט זיך... העניע האָט געטראַכט: זי וועט פאַהרען קיין לוצק, זיך לאָדען די ציין, וועט זיך דאַרטען אויפנעהען צוויי קליידלאַך, איינס אַ גראַנעטענס, וואָס איז היינט זעהר אין דער מאָדע.. דאָס צווייטע?

— דאָס צווייטע וועט זי שוין דאָרטען זעהן אויפ'ן אָרט.

אין שטוב איז געווען שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס זשומען פון די פליגען, וועלכע זיינען פשוט משוגע געוואָרען און געאַרבייט מעשים פון גרויס וואוילטאָג. פון דרויסען האָט זיך געהערט דאָס פרעהליכע קרעהען פון די יונגע הענדלאַך און דאָס

קרעהען האָט מעהר פון אַלעס געגעבען צו שפּירען, אַז דער זומער האַלט אין רעכטען „ברען”, סאַמע צייט, ווען אַלעס, וואָס איז פּאַרזייט אין פריהלינג, און אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען, וואָס זיינען אין יענער צייט געבוירען געוואָרען, האָבען שוין דערגרייכט יענע עלטער, אין וועלכער יעדעס מין פאַר זיך איז שוין בכח פּאַרטצוזעצען דאָס, וואָס ווערט שוין פּאַרטגעזעצט זייט טויזענטער יאָהרען און ביי קיינעם פון זיי איז ניט מעגליך אַ וועלכע עס איז סבה, וואָס זאָל זיי קענען אָפּהאַלטען דערפון...

עס האָט זיך געפיהלט אַ אָפענהערציגע, הערליך־זיסע צוגאַסענע בענקשאַפט, און אַלעס, וואָס האָט זיך געפונען אונטער'ן פרייען הימעל, איז עפּעס געווען פאַרזונקען אין איין הייסען ברענענדען פאַרלאַנג, און יעדעס מין האָט אויף זיין שפּראַך אויסגעדריקט זיינע ליידענשאַפטען, און אויסגעדריקט מעכטיג־שאַרף, הויך, און דאָ אין שטוב זיינען געשטאַנען דריי מענשען און האָבען געשוויגען... עס האָט זיך געגליסט ריידען, נאָר מ'האָט געשוויגען... עס האָט זיך געגלוסט פריילאַך זיין, נאָר מ'איז פאַלש אומעטיג געווען, און די פאַלשע אומעטיקייט האָט יעדען באַזונדער געפרעסט און געשטיקט, און ערגעץ וואו נאָהענט, נאָר ווייט פון זייערע געדאַנקען און געפיהלען, האָט זיך עפּעס גע־בלאַנקעט אַ דורכזיכטיגער שאָטען פון אַ געשטאָרבענעם. ער האָט זיך געבלאַנקעט, ווי נאָך אַ לאַנג פאַרגאַנגענעם חלום פון דעם זעלבען אינהאַלט, וואָס מען געדענקט איהם ניט, וועלענדיג איהם געדענקען, וואָס מ'טראַכט פון איהם, ניט וועלענדיג פון איהם טראַכטען, און אין דער איינגעהאַלטענער שטילקייט און אין דער היץ, וואָס האָט זיך אריינגעגאָסען דורך די צוויי פענסטער און אָפענע טיר, האָט זיך געדאַכט, אַז אימיצענס אַ מיאוס'ער, הייסער, גוואַלדיג־אומעטיגער און שרעקלאַך־גרויסער געדאַנק האָט זיך דאָ אין שטוב צוגאָסען, — אַ געדאַנק, וועלכער האָט פאַר־איינינגט אין זיך דאָס סאַמע מיאוס'טע, עקעלהאַפטסטע און עגאָאיסטישע, וואָס מענשען פאַרמאָגען אין זיך...

פון קיך האָט זיך דערהערט אַ גערודער. די אַלטע, צופרידען

פון דעם צופאל, איז אריינגעלאָפען אהין און געטראָפען א פולע קיך מיט עופות, חזרים און הינט, וועלכע האָבען זיך איינצייטיג, ווי זי האָט זיך באוויזען, א לאָז געטאָן צו דער אָפענער טיר. די הינט, שווייגענדיג; די חזירים, כרוקענדיג; די עופות, ליאַ־רעמענדיג און פאטשענדיג מיט די פליגעל. אן אנדערש מאָל וואָל־טען די אלע באשעפענישען באגלייט געוואָרען מיט קללות און שטיקער העלצער. איצט האָט זי נאָר יוצא געווען דערמיט, וואָס זי האָט, צומאַכענדיג די טיר, געשריען: „א קיש, אין דער ערד אריין!” און איז צוגעגאנגען צום טעפעל, וואָס איז שטיל פארהילט אין א שווארצען קיהלען אומעט געשטאנען ארומגעלייגט מיט שווארצע האָלאָוועשקעס, וועלכע האָבען פון צייט צו צייט שטיל און אומעטיג געלאָזט הערען א לייכטען דינעם טראַסק, און אונטער זיי האָט געבליסטשעט א גליהענדע קויל, איבערגעצויגען מיט א לייכטען גרינגען אש, וואָס איז באַלד פארשוואונדען געוואָרען פון איהר ערשטען בלאָז.

— וואָס זשע טראכסטו עפּעס, א? — האָט דער פאָטער געפרעגט דער טאָכטער נאָך דער מוטער'ס אוועקגעהן, ארויפליי־גענדיג ביידע הענט אויף איהר קאָפּ, און געגלעט די האָר, וועלכע זיינען אין דערמיט געווען פארקעמט מיט א שרונט..

העניע האָט נאָכ'ן פאָטער'ס צערטליכקייט ניט געצווייפעלט, אז ער האָט פארדינט געלט, ווייל נאָר דעמאָלט ווען ער פארדינט געלט, באווייזט ער איהר אזא צערטליכקייט. זי איז זיכער געווען, אז אָט באלד וועט ער מיט איהר נעמען ריידען וועגען עפּעס זעהר וויכטיגעס. עס איז איהר שוין געלעגען אויף דער צונג צו פרעגען, וויפיל ער האָט פארדינט, נאָר אויף דעם אָרט האָט זיך אן אנדער פראגע ארויסגעכאַפּט:

— טאַטע, מוזט שוין גוט זיין הונגעריג?...

— נו, מהיכא תיתא! — האָט ער געענטפערט, אָפּדרייענדיג זיך פון איהר.

העניע איז אריינגעלאָפען אין קיך מיט'ן געדאנק צו זאָגען דער מאַמען, אז דער טאַטע איז הונגעריג. נאָר זי האָט זי דאָרטען

ניט געטראָפען, און שטעהענדיג אַ ווײלע, שלאָגענדיג זיך מיט דער דעה, צי זי זאָל צוריק ארײנגעהן אין שטוב, צי זי זאָל בלײבען ווארטען אויף דער מאַמען, האָט זי זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דער געשטאָרבענער מומען און לעבעדיגען פעטער מיט די צווײ יתומים, און אָן אומדרײטליך־נעבעלדיגער אומעט, וואָס איז ניט געווען עהנליך אויף דעם אומעט, ווען מ'דענקט פון אַ געשטאָרבע־נעם, נאָר אַ פיל טיפערער, מעהר ריהרענדער, האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזען איהר'ס... אין פארגעסען האָט זי אָן פאָטער'ס הונגער, פארגעסען, נאָך וואָס זי איז אהער ארײנגעקומען, און האָט ווילד אָנגעקוקט דער כיוטער, ווען יענע איז מיט אַ שײנענדיג פּנים ארײנגעקומען מיט אַ פישעל אין האנט, און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דער טאַטע פּלוצלונג אראָפּגעפאַלען?...

די פראגע איז געבליבען הענגען אין דער לופטען.

# אין נעבעל

## ערשטער קאַפּיטעל.

עס טרעפט מ'צינדט אָן צוויי: אַלץ איינע ליכט, צוברענט זיך איינע ליכטיג און פרייליך, די צווייטע טונקעל און שמעלצט זיך. נאָר אומבאמערקט ווערט דאָס פייער פון דער שמעלצענדער ליכט אַלץ העלער און פרעהליכער, הויבט אָן אַלץ זעלטענער און זעלטענער צו שמעלצען און יענע הויבט פּלוצים אָן אונטערצוטריס־טשען, עס הויבט זיך אָן צו גיסען פון איהר אַ טרער נאָך אַ טרער, און זי שטאַרבט מיט אַ פריהצייטיג, צושמאָלצענעם טויט... אזוי טרעפט עס אָפט ביי מענשען, אזוי האָט עס דאָ ביי די צוויי ברידער געטראָפען. דער עלטערער ברודער, דוד, האָט באַלד נאָך דער חתונה פאר אַ פּאָר הונדערט רובעל, וואָס ער האָט גענומען נדן, געמאַכט אַ קרעמעל, און עס איז אוועק זעהר גוט. פון יאָהר צו יאָהר האָט דער מענש דוד אָנגעהויבען צו וואַקסען און זיך צושפּרייטען אין דער לייננ און אין דער ברייט. דאָס ערשטע האָט ער פאַרגרעסערט די קראָם, נאָכדעם האָט ער געפונען אַ דוחק אין אַ צימער, האָט מען פון דער קיך געמאַכט אַ צימער, און פון'ם קאַמער — אַ קיך, און פון שטאַל אַ קאַמער, און צוגעבויט אַ נייע שטעלכעל. אין אַ יאָהר אַרום, ווען גאָט האָט איהם מיט אַ קינד געבענשט, איז שוין ווידער ע נ ג געוואָרען, און ווידער אַמאָל דיזעלבע קאָמבינאַציע: פון קיך, וואָס איז פריהער געווען אַ קעמערל — אַ צימער; און פון קעמערעל, וואָס איז פריהער געווען אַ שטעלכעל — אַ קיך, און פון דעם שטעלכעל געמאַכט אַ קאַמער. און די אַלע זומערען האָבען זיך אין שטוב, און אויסער דער שטוב, זיך געדרייט בעל־מלאכות און ס'האָבען געדרימזשעט די פענסטער, זיך געטרייסעלט די ווענט און די סטעליע האָט געטריכטשעט און געווען איז חושך: אָנגעוואָרפען, אָנגעמיסטיגט

און קיין זאַך איז ניט געשטאַנען אויף די ערטער ווי ס'האָט גע־דאַרפט שטעהן. און דאָך איז עס געווען אנגענעם און ליב און אין דעם טאַראַראַם, כמעט אומבאמערקט פאַר איהם, פאַר'ן בעל הבית, זיינען אונטערגעוואַקסען צוויי קינדער, דאָס עלטערע אַ מיידעלע און דאָס אינגערע אַ אינגעלע, ביידע שעהנע לויטערע קינדער, וועלכע האָבען זיך אַזוי גרינג אויפגעהאָדעוועט ווי גרינג די שטוב האָט זיך געבויט...

אין דערזעלבער צייט איז דעם צווייטען ברודער, וואָס האָט געהייסען חיים, גאָרניט גוט געגאַנגען, און ער האָט דוקא געטאָן אַ בעסערען שידוך, גענומען מעהר נדן, אַ שעהנערע מיידעל און פון אַ פיינערע משפחה; האָט ער דאָס ערשטע יאָהר געקויפט „דיעלאַנקעס", איז גראַדע געווען אַ נאַסער ווינטער, האָט דאָס ארויספיהרען די סחורה געקאָסט אַזוי פיל וויפיל די דיעלאַנקעס האָבען געקאָסט. האָט ער מיט די „ארויסגעקראָכענע" פאַר רובעל אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט פעל, איז דאָס אויך ניט אַוועק שיקעלדיג, ווייל פעל־הענדלער זיינען פאַר איהם געווען זעהר פיל, וואָס זיינען געווען מעהר בקי אין דעם מסחר, און זיינען דאָך אויך קיין גבירים ניט געווען. נאָר דאָך איז ניט געווען אויסגע־שלאָסען קיין מעגליכקייט, אַז ער וואָלט זיך מיט דער צייט ארויפ־געארבייט, נאָר דאָ האָט אַן אומגליק געטראָפען: ביי איהם איז אַ קינד אומגעקומען, און דאָס האָט איהם שוין גאָר אומגעוואָרפען פון די פיס; איהם איז שוין צופיל געגאַנגען מיט דער פוטער אראָפּ, און דעם ברודער איז שוין צו גוט געגאַנגען.

די ברידער האָבען סוף כל סוף אויפגעהערט צו געהן איינער צום אַנדערען (די ווייבער האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט צו געהן איינס צו דאָס אַנדערע). איינער האָט ניט געקענט צוזעהן דעם ברודער'ס דלות און דער צווייטער דעם ברודער'ס עשירות. נאָר אַז מען האָט זיך געטראָפען אין גאַס, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און גערעדט. נאָר אָפטער האָט מען זיך געזעהן אין בית המדרש ביים דאַווגען, און געהאַלטען האָט זיך איינער צום אַנדערען אַזוי ווי עס האַלטען זיך פרעמדע גוטע פריינד, אָדער ווי אייגענע

שונאים, וואָס געפינען פאר נויטיג איבער א געוויסער, פארביידען אומפארשטענדליכער סיבה, זיך באהאלטען מיט דער שנאה.

---

## צווייטער קאפּיטעל.

ווען דוד האָט גאנץ פריה די קראָם געעפענט, האָט ער דער־הערט א גערודער ביים ברודער אין שטוב, וואָס האָט געוואוינט אקעגענאיבער דעם שליאך. ער האָט זיך א ווײלע איינגעהערט און א טראכט געטאָן: א נייע אומגליק!

ער איז אריינגעגאנגען צום ברודער אין שטוב און דאָרט קיינעם ניט געטראָפען. ס'איז געווען פרעמדלאך, אומעטיג. אזא איינדרוק מאכען יענע שטיבער, וואו מען געהט אריין אין איינ־צעלנע אויסנאמספאלען, באזונדער ביי אן אייגענעם, מיט וועמען מען איז ברוגז און מען קומט זעלטען אהין ווען אריין.

ער האָט זיך געלאָזט ווייטער געהן, נאָר אין דער צייט האָט זיך איהם אנטקעגען א טיר געעפענט, און ס'איז אריינגעקומען רבקה, די שוועגערין זיינע, מיט א פארבונדרענעם קאָפּ און מיט פארוויינטע אויגען. דוד האָט באמערקט, אז ער האָט זי מיט זיין פלוצימדיגען וויזיט איבערראשט, און אז ער איז איהר דאָ איננאנ־צען איבעריג.

רבקה האָט איהם געענטפערט אויפ'ן „גוט־מאָרגען", און האָט זיך איינצייטיג דערמאָנט, אז פונקט אזוי, מיט אזא אויסדרוק, איז דוד אריינגעקומען, ווען איהר קינד איז צוריק מיט א יאָהר געשטאָרבען.

זיי זיינען א פאָר מינוט געשטאנען שטיל שווייגענדיגע, און איבער זייערע קעפּ האָט זיך געבויגען און געטרעסטשעט די סטעליע פון די טריט, וואָס האָבען געטראָטען אהין און צוריק איבער לענג און ברייט. דאָ ערגעץ פארשטיקט און פארגליווערט געוואָרען, און פון ערגעץ, פון א צווייטען אָרט, האָבען זיך ווידער די זעלבע טריט געלאָזט הערען צוזאמען מיט שטימען פון רייד און ווערטער פון געשפּרעכען. עפּעס האָט אימיצער גערעדט און א צווייטער —

אָהן ווערטער, מיט פאַרדומפּענע קולות, זיך איבערגעוואָרפן איין קול פון איינעם צו איינעמס אַ קול פון אַ צווייטען — אַזעלכע אומרוהיגע, אויפגערעגטע, צוזאַמענגעמישט מיט שווערע בוידעם־טריט.

— איהר ווייסט שוין פון אונזער אומגליק? — האָט רבקה אַ פרעג געטאָן.

— יע, איך שטוים זיך אָן, — האָט דוד געענטפערט.

ביידע האָבען זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, און רבקה, אויפ־געלעבט און דערפרישט פון דעם, וואָס דער ברוגז'ער שוואָגער איז ביי איהר אין שטוב, וואָס איז דאָך געקומען אין אַן עת צרה, האָט זיך אָנגעשפּאַרט דעם פאַרבונדענעם קאָפּ אויף אַ האַנט און געזאָגט:

— איהר וועט מיר גלויבען. איך האָב ביינאַכט געהערט דורכ'ן שלאָף טריט אויפ'ן בוידעם, און בין געווען זיכער, אַז דאָס חלום'ט זיך מיר. און באַגינען, ווי איך האָב נאָר די אויגען געעפענט, האָב איך אויפגעוועקט חיים'ען און געזאָגט צו איהם: „חיים, שטעה אויף און כאַפּ אַ קוק אויפ'ן בוידעם".

— איז חיים אויבען? — האָט דוד אַ פרעג געטאָן...

— ניין, חיים איז אַוועקגעלאָפען נאָכ'ן אוראַדניק.

דוד האָט זיך אָנגעהויבען אַרומצודרייען איבער דער שטוב, האַלטענדיג די הענט אין די קעשענעס פון זיין קורצען רעקעל, וואָס ער האָט געטראָגען ביז צו די קני, און האָט געטראַכט מיט שברי לב: „גאָט'ס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דעם פּאָר פאָלק".. פאַראַיאָהרען ערשט איז ביי זיי אַ קינד אַוועק־געקומען, און איצט איז געשעהן אַ צווייטער אומגליק, מען האָט אַראָפּגע'גנב'עט די פעל פונ'ם בוידעם.

— אינגאַנצען ביז איינער, גאָרניט, קיין איינע ניט געלאָזען?

ער האָט געוואוסט, אַז מ'האָט גאָרניט געלאָזט. נאָר געפרעגט האָט ער דערפאַר, ווייל ביי זיי געהט אָן אַ רוגז.

— אפשר וועט זיך נאָך אָפּזוכען די גנבה.

ער האָט ניט געגלויבט אין דעם, און וואָלט עס אין אַן אַנדער פאַל, ווען ניט דער רוגז צווישען זיי, ניט געזאָגט.

— מיין מזל איז ניט אַזעלכער, — האָט רבקה געזאָגט מיט אַ טרויעריג קול, — ביי לייטען טרעפט עס אויך אמאָל, נאָר ניט ביי אונז.

דוד'ן האָט זיך געדאַכט, אַז מיט דעם „ביי לייטען" מיינט זי דאָס איהם, און ער האָט זיך ווייטער און ווידער שלעכט געפיהלט, און זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער, האָט ער צוגעקוקט ווי עס וואַקסט אַ רעדעל ארום דער שטוב, און געהערט ווי דאָס רעדעל רעדט ווענען די צוויי ברידער, ווענען איהם און חיים'ען, און ווי איינעם (איהם) געהט עס אַזוי גוט, און דעם צווייטען (חיים'ען) געהט עס אַלץ מיט דער פוטער אראָפּ. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי ווי באַלאַגערט פון אַלע זייטען: דאָ אין שטוב, הינטער זיינע פּלייצעס, איז געזעסען רבקה און האָט אומעטיגשטיל געשוויגען, און דאָרט אין דרויסען — פון די פילע מענשען, וואָס האָבען גערעדט און איהב געהאַלטען אין די מיילער. אָבער רבקה'ס שטילשווייגען האָט איהם מעהר געקרענקט, און ניט ווילענדיג איז איהם אויפ'ן געדאַנק געקומען זיין ווייב רייזעל. וויפיל רייזעל וואָלט עס אויסגעשריען און איינגעלייגט די וועלט, ווען ביי איהם וואָלט אַזאַ אומגליק געטראָפּען. ער האָט דערפאַר אַליין פאַר איהר, פאַר רבקה'ן, אַ מין דרך־ארץ געפיהלט, און זיך מעהר דורכגעזאפּט מיט איהר אומגליק. ער פיהלט אַלעמאָל עפּעס אַ מין דרך ארץ פאַר איהר, באַזונדערס איצט, אַ דאַנק איהר שעהן בנעומות'דיג האַלטען זיך אין אַזאַ עת צרה, און פונקט ווי אויף להכעיס האָט דאָס אומגליק געדאַרפט טרעפען ווען ביים ברודער, ביי דוד'ען, האָט זיך געהאַלטען אין פאַרענדיגען דער נייער שפּייכלער, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט הינטער דער שטוב. און אין שטוב אַליין האָט מען געשפּאַליערט די ווענט און געפאַרבט די פּאָדלאָגע. עס האָבען פון די צעפּראַלטע, מיט קאַלך באַשפּריצטע פענסטער, אַרויסגעשטראָמט דאָס געזאַנג פון די בעלמלאכות, וואָס האָבען דאָרט געזונגען.

דוד'ן האָט געשניטען אין יעדען אבר דאָס זינגען זייערס, און ער איז גרייט געווען ארויסצולויפען פון שטוב און זיי פארמאַ־כען די מיילער זייערע. נאָר סאַי ווי, עס האָט אָהן זייער זינגען אויך געריסען די אויגען דער פארנעם פון דער שטוב פון זיינער, וואָס האָט מיט באנייטער און צוגעבויטער פרישקייט געגעבען צו זעהן און צו פיהלען, אז ס'וואקסט דאָרט א שטוב א נגידישע, אז זי וואַקסט פון יאָהר צו יאָהר אין דער לייננ און אין דער ברייט. אז דאָרט ווערט באפעסטיגט א הרחבה'דיג באלעבאטיש לעבען.

דאָ איז אריינגעקומען דוד'ס מיידעלע, האָט געזאָגט „גוט־מאָרגען" דער מוהמע, און גלייך געזאָגט צו דוד'ען:

— טאטע, די מאַמע רופט דיך!

ער איז געווען זעהר צופרידען פון דעם, וואָס דאָס קינד איז איהם געקומען רופען. ס'איז איהם זעהר ענג געווען מיט דער ברוגז'ער שווענערין לענגער צו פארבלייבען. ער האָט ניט געהאט מיט איהר אזעלכע באציהונגען פון וואָס צו ריידען, און דערצו נאָך אין אזא עת צרה. ער האָט א קוק געטאָן אויף איהר, געפיהלט, אז ער האָט עפּעס גערארפט זאָגען, און ניט געזאָגט, איז ער פּאַמעלאך, שטיל, טריט ביי טריט פון שטוב ארויס.

צווישען דעם נייגעריגען עולם, וואָס האָט זיך צונויפגע־קליבען, ווי אויף א בייז וואונדער ארום חיים'ס שטוב, איז שוין אויך געווען וואָליע דער סאָלדאט; העכער מיט א קאָפּ פון אלע פארזאמעלטע האָט דער קאָפּ זיינער זיך ארומגעדרעהט צווישען פיל אנדערע קעפּ און ער האָט שוין געזאָגט חכמות און געמאַכט פריילאך און צום לאַכען דעם ארומיגען פארזאמעלטען עולם. ער האָט אָפּגעשפּעט און אָפּגעלאַכט פון אלע יענע וואָס האָבען שעהנע ווייבלאך און זיך גע'בריה'ט צו באווייזען, אז די אלע וואָס האָבען שעהנע ווייבלאך זיינען גרויסע לא יוצלח'ס, און גלייך אָנגעוויזען אויף דוד'ן, וואָס האָט זיך געלאָזט אריבערגעהן פון ברודער צו זיך אין שטוב:

— אַט נעמט אזא פארזעהעניש, אזא פּאטשורע, ווי זיין רייזעלע, — און באגלייט דוד'ן מיט'ן בערעזען שטעקעלע, וואָס

ער האָט ביי זיך געהאַט, באַגלייט אין פּלייצע אריין און גערעדט אין פּלייצע, — אַ ווייבעלע, דאָס איז אַ שלאַק, דאָס איז אַ צרה, אַז ניט געדאַכט זאָל זי ווערען.

דוד האָט עס געהערט, און דער האָט עס גערעדט, אַז יענער זאָל הערען, און באַגלייט דוד׳ן ביז אין טיר אריין:

—אַ גלייכען, האַ, רייזעלע צו רבקה׳ן. יאַק וואָראָנאַ דאַ סווינייאַ. טראַסציאַ יעהאָ סאַבאַטשי מאַטערי. פוי זאָל זי ווערען. איך וואָלט פון איהרע הענט קיין שטיקעל ברויט ניט געגעסען.

— און זי האָט פּאָרט אַ שעהנעם מזל.

— אַלע פאַסקודניצעס האָבען שעהנע מזלות.

פאַר דער צייט האָט זיך דאָרט פון ווייטען חיים מיט׳ן אוראַדניק באַוויזען. פון ווייטענס האָט מען געזעהן און געהערט ווי חיים רעדט עפּעס היציג, ווי ער וואַרפט מיט די הענט אין שרייט. דוד איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר צו הערען וועגען דער גנבה. הגם ער האָט דערקענט פון ווייטען פון חיים׳ס געהן, אַז די גנבה האָט זיך ניט אויפגעזוכט, איז ער דאָך געבליבען שטעהן וואַרטען, אום צו פרעגען ביי חיים׳ען, צו באַווייזען איהם, אַז כאָטש מען איז ברוגז, אינטערעסירט עס איהם דאָך צו וויסען וואָס עס הערט זיך.

דער אוריאַדניק איז געגאַנגען מעשה נאַטשאַלניק, געהאַלטען דאָס הענטעל פון דער שווערד, וואָס איז געהאַנגען אָן אַ זייט. עס האָט אַראָפּגעגלאַנצט פון איהם דאָס בלעכעל אויפ׳ן ראַנד פון היטעל און ס׳האָבען געגלאַנצט די קנעפּ, דער לאַקירטער פּאַסעק אויף זיינע לענדען ,די כאַליעוועס פון די שטיוועל האָבען געבליצט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די זון שיינט פון זיינעטוועגען בכדי עס זאָל אַראָפּשיינען פון איהם אַלעס, וואָס האָט געשיינט.

מיט דערנענטערען זיך פון חיים׳ען מיט דעם אוראַדניק, איז דערוויל דער עולם געוואַקסען. עס האָבען זיך צונויפגעקליבען אידען און גוים מיט ציגאַרען און ליולקעס אין זייערע מיילער, און אַלע האָבען אין גוטער שטימונג גערעדט פון דער גנבה, און

אַלע זיינע געווען צופרידען, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט פון וואָס צו ריידען, און אַז עניין פון וואָס זיך צונויפקלייבען, און איבער אַלעמענס קעפ האָט געשיינט און געוואַרימט די זון, און וואָליע דער סאָלדאַט האָט געשאָטען מיט אידישע און גוי׳אישע ווערטלאַך, און ווען דער אוריאַדניק האָט זיך גענומען דערנענ־טערען, האָט ער האַלב־לצנות׳דיג און האַלב־ערנסט אויסגערופען: ציט, נאַטשאַלניק אידע!

דוד איז אַקעגען געקומען חיים׳ען:

— נו, וואָס הערט זיך?

חיים האָט יואַש׳דיג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַריינגעלאָפען אין שטוב אַריין.

און דער אוריאַדניק האָט אָנגעהויבען צו צוקלאַפּען מיט דעם שווערד און שיידעל אין די פּיס אַריין — איינעם און דעם צווייטען.

— נו ראַזאַידים, טשעוואָ ניע ווידאַל!

און דאָרט, ביי דוד׳ן אין שטוב, האָבען מענשען געאַרבייט און געזונגען, און עס האָבען געהילכט די קולות זייערע אין הוילקייט און פּוסטקייט און אין באַנייאונג פון שטוב, און עס האָבען אַריבערגעקוקט אהער צופראַלטע, באַשפּריצטע און באַ׳חנ׳־דעלטע מיט די שפּריצלאַך חן פון נייקייט, חן פון יוגענט און חן פון אַ צופרידענער, זאַטער און פאַרפונדעוועטער באַלעבאַטישער שטוב.

---

## דריטער קאַפּיטעל

ביי חיים׳ען איז נאָך געבליבען אַ קליינער קאַפּיטאַל, אַזאַ קאַפּיטאַל, וואָס קיין געשעפט קאָן מען מיט איהם נישט מאַכען, דערפאַר אָבער אַזעלכער, וואָס מען האָט געקאָנט פאַהרען קיין אַמעריקאַ. חיים׳ען האָט זיך אָבער קיין אַמעריקאַ נישט געגלוסט צו פאָהרען; ערשטענס, ווי אַזוי, וואו און ביי וועמען לאָזט מען איבער דאָס ווייבעל; און, צווייטענס, האָט זיך איהם נישט

נעגלוסט פאָהרען דערפאר, וואָס דעם עלטערן ברודער זיינעם איז דאָ אזוי גוט געגאנגען....

חיים האָט אָבער קיין אַנדער אויסגאנג נישט געהאט: ער האָט געמוזט פאָהרען קיין אמעריקא.

די פראגע איז געבליבען הענגען אין דער לופטען, און דערפאר האָט ער זיך א לענגערע צייט אָפּגעהאלטען און נישט געזאָגט דער ווייב, אז ער האָט באשלאָסען צו פאָהרען קיין אמע־ריקא; ווייל באלד וואָלט די פראגע ארויסגעשוואומען.

און זי, רבקה? ער האָט באשלאָסען פריהער איבערצוריידען וועגען דעם מיט'ן ברודער.

חיים האָט דעם ברודער געטראָפען גאנץ פריה אין בית־המדרש. ער איז זיך געזעסען אויבען־אָן, אין מזרח־זייט, ארומ־געגארטעלט, און שטיל, בעל־הבית'יש אריינגעקוקט אין עין־יעקב. דאָס פנים זיינס איז געווען פריהמאָרגענדיג, פריש און אידיש־בלאָס. און די בלויע אויגען האָבען געהאט א פרומען גאָטס־פאָרכטיגען גלאנץ. א חוץ דוד'ן זיינען דאָרט געווען נאָך א פּאָר אידען, וואָס האָבען אויך געווארט אויף א מנין. איינער האָט זיך ארומגעדרייט מיט'ן צונויפגעלייגטען טלית אויף אן אקסעל, מיט א סידור אין די הענט, און כאָטש צו קיין מנין האָט שוין קיין סך נישט געפעלט, האָט זיך דאָך געדאכט, אז ס'איז נאָך קיינער נישטאָ. די עטלאכע אידען האָבען זיך פארלאָרען אין דעם גרויסען בית־המדרש, און יעדען איינציגען האָט זיך געדאכט, אז ס'פעלט מעהר, ווי ס'האָט אין דער ווירקליכקייט געפעלט...

עס איז געווען פריהמאָרגענדיג שטיל, פריהמאָרגענדיג רוהיג. און שטיל פארטראכט זיינען געשטאנען די שטענדערס מיט די אויסגעקריצטע נעמען. די זון האָט אין די מזרח־פענסטער אריינגעקוקט און די גאנצע שטויביגע פּאָדלאָגע איז געווען מיט זון־קעסטעלאך באדעקט, און פון די אויבערשטע פארשיידענ־פארביגע שייבלאך זיינען איבער'ן גאנצען בית־המדרש געווען צואוואָרפען שטיקער, קליינע שטיקלאך און ברעקלאך, גרינע, רויטע, געלע און בלויע פארבען. ביי איינעם א איד, וואָס איז

אנטקעגנען מזרח געזעסען, איז דאָס גאַנצע פּנים געווען בלוי און געהאַט האָט ער עפּעס אַ מין פאַנטאַסטיש־לעכערליך אויסזעהען. חיים האָט מקנא געווען די אַלע אידען, אַלע האָבען איהם אויס־געזעהען פאַר גליקליכע מענשען, וואָס זיצען זיך רוהיג אויף די ערטער און דאַרפען אין ערגעץ נישט פאָהרען, און גליקליכער פאַר אַלע — דער ברודער, וואָס איז זיך איינער אַליין אין מזרח־וואַנט געזעסען. ניין, ער האָט נישט געקאָנט גלייך צוגעהן צו איהם, עפּעס האָט איהם אָפּגעהאַלטען.

ער האָט אוועקגעלייגט דעם טלית און תפילין אויף אַ שטענדער, האָט פארדויכערט אַ פּאַפּיראָס און, געבענדיג אַ פּאָר שטאַרקע ציה, איז ער צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— גוט־מאָרגען!

דוד האָט הערציג געענטפערט און מיט ברייט־צועפענטע אויגען געקוקט אויף איהם און איהם באַטראַכט: חיים אַזוי פריה אין בית־המדרש — איז עפּעס ווידער נישט געשעהן?.. ער האָט פאַרבויגען אַ שפּיץ פון אַ בלעטעל און פאַרמאַכט דעם ספר...

חיים איז אַ פּאָר מינוט געשטאַנען אָהן לשון. ניין, ס'איז שוין גאָרנישט אַזוי גרינג געווען צו זאָגען, ווי איהם האָט זיך געדוכט. דוד האָט עס באַמערקט. ער האָט באַמערקט, אַז חיים האָט איהם עפּעס צו זאָגען און קאָן נישט. יע, זיכער. אַנדערש וואָלט ער דאָך אַזוי פריה אין בית־המדרש נישט געווען און דאָס הארץ האָט אַזוי אומרוהיג געקלאַפּט.

— ווייסט, ברודער, — האָט חיים פּלוצלונג אויסגערופען, — איך האָב באַשלאָסען פאָהרען קיין אַמעריקא...

דוד האָט זיך אַ כאַפּ געגעבען, ווי ער וואָלט זיך פאַר די ווערטער דערשראָקען. אַן אומדייטליך־נעבעלדיגער אומעט האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזען זיינס. ער איז געשטאַנען און אַ ווײַלע געקוקט אויפ'ן ברודער, ווי ער וואָלט געוואַרט, יענער זאָל נאָך עפּעס זאָגען און עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין ערגער פון'ם ערשטען...

— האסט באשלאסען ? — האט ענדליך דוד געפרעגט, און געדאכט האט זיך איהם, אז ניט דאס האט ער געוואלט פרעגען...

— איך האב באשלאסען, — האט חיים מיט א זיכערען טאן אויסגערופען, און דער פעסטער באשלוס איז גראד פעסט געווארען נאכ'ן ברודער'ס פרעגען.

— נו, און דיין רבקה ? — האט דוד א פרעג געטאן. און אויפ'ן ארט איז איהם איינגעפאלען, אז ער האט דאס ניט באַדארפט פרעגען.

— איך מוז פאהרען ! — האט חיים אויסגערופען, אזוי שטיל, אז קיין זייטיגער זאל ניט דערהערען. ער איז געווען אויפגערעגט. דער ברודער האט עס ניט באדארפט פרעגען, אויף אזוי פיל קיין שכל ניט האבען... די קארט איז, דאכט זיך, אן אפענע : דאס ווייב קאן ער מיט זיך ניט נעמען, און אז ניט נעמען, מוז ער זי דאך איבערלאזען, און לאזען — ביי ועמען ? דוד האט דאס געדארפט פארשטעהן...

און דוד האט טאקע פארשטאנען. נאר איהם האט זיך איבער עפעס אומפארשטענדליכעם ניט געלאזט גלויבען, אז רבקה זאל זיין ביי איהם.

— דיין רבקה, אויב זי וועט נאר וועלען, וועט בלייבען ביי מיר, — האט דוד געזאגט. און א פייער האט זיך באוויזען אין זיינע בלויע, ווייכע, כמעט קינדערשע אויגען.

א לאנגע שווער־דריקענדע פויזע.ביידע האבען געשפירט, אז מען דארף עפעס ריידען, אז מען האט נאך עפעס צו זאגען, באזונדערס האט עס דוד געשפירט. ער האט צולעצט געזאגט מיט מעהר מוט און אנטשלאסענקייט.

— דיין רבקה וועט זיין ביי מיר... דערפון איז גאר ניטא וואס צו ריידען... אין דעם וועט קיין מניעה ניט זיין... נאר אפשר וואלסטו זיך נאך באטראכט... אזא ווייטע מדינה !...

צו זיי איז צוגעשטאנען אליהו דער שוחט און געזאגט :

— לייגט טלית און תפילין ! מיר האבען שוין א מנין !

***

דוד האָט אָפּגעגעבען דער שוועגערין א באַזונדער צימער. דאָס צימער איז אַמאָל געווען א שטעלכעל, נאָכדעם א קיך און צולעצט א צימער. געשמעקט האָט דאָ, ווי אין דער גאַנצער שטוב, מיט פרישען סאָסנאָווען האָלץ און מיט פרישער קאָקאָס-פאַרב.

דאָס ווייבעל האָט א פּאָר טעג געוויינט נאָכ'ן מאַן, וואָס איז אַוועקגעפאָהרען. די ערשטע טעג האָט ניט זי, ניט די שוועגערין און ניט דער שוואָגער געוואוסט, וואָס פאַר א פאָרם דאָס לעבען וועט דאָ אָננעמען נאָך איהר קומען אַהער. אַלע דריי האָבען נעבעלדיג געפיהלט, אַז דאָס לעבען מוז איצט אַנדערש ווערען, יעדער פון זיי האָט דאָס געפיהלט אויף אַן אַנדער שטייגער. יעדער באַזונדער האָט עס פאַרגענומען זיך צו האַלטען אַזוי, אַז מען זאָל מיינען, אַז מען איז איינער פון צווייטען שטאַרק צו־פרידען. באַזונדערס האָט זיך דערצו אָנגעשטרענגט די בעל־הבית'טע, וועלכע האָט א נאַכט אָפּגעוויינט, בעת דער מאַן האָט איהר געזאָגט, אַז ער נעמט רבקה'ן צו זיך, און געשריען, אַז זי וויל זי דאָ ביי זיך אין שטוב ניט האָבען...

ניט ערגער פון איהר האָט זיך אָנגעשטרענגט רבקה, וועלכע האָט עטלאָכע טעג נאָכאַנאַנד געוויינט און זיך בעסער געוואונשען דעם טויט, איידער געהן צו דער שוועגערין אויף קעסט.

דוד אַליין איז געווען עפּעס ניט אַהער און ניט אַהין. ער אַליין האָט ניט געוואוסט, צי איז ער צופרידען, וואָס די שוועגערין האָט זיך באַזעצט אונטער זיין דאַך, צי ער איז אומצו־פרידען... און געדרייט האָט זיך איהם נעבעלדיג אין מח... עפּעס איז געשעהן... ניט דאָס, וואָס דער איין-און-איינציגער ברודער איז אַוועקגעפאָהרען קיין אמעריקא, און ניט דאָס, וואָס די שוועגערין איז אַריבער צו איהם, נאָר עפּעס אַנדערש, עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער קאָן ניט באַגרייפען, און אַז אי דעם ברודער'ס אַוועק־פאָהרען, אי דער שוועגערינ'ס קומען צו איהם איז געשעהן נאָר צוליב דעם, כדי דאָס, וואָס ער קאָן ניט באַגרייפען, זאָל געשעהן...

ווען די שוועגערין רבקה האָט זיך, נאָכ'ן מאַנ'ס אַוועקפאָהרען,

אריבערגעצויגען צו איהם, האָט דוד מיט אַ ציטעריגען קול געזאָגט צו זיין ווייב:

— רייזעל, איך בעט דיך, פאַרגעס וואָס ס'איז צווישען אייך געוועז... אַלץ איינס, זיין וועט זי דאָך זיין, האַ! דארפסטו בלייבען אַ שלעכטע? אַ מעהר, ווייז איהר, אַז דו ביזט צופרידען, און לאָז ניט זיין אַזוי ווי מיט יענער בהמה, וואָס גיט מילך און קערט עס אויס, און מיר ועסטו פארשפאָרען יסורים... פאַרשטעהסט, ס'איז דאָך מיין ברודער'ס ווייב, איך האָב מעהר קיין ברידער ניט און האָב ניט מעהר קיין שוועגערינס, מאַך אַזוי, אַז זי זאָל זיך דאָ פיהלען ווי ביי זיך אין שטוב, וועלען מיר יוצא זיין אי פאר איהם, אי פאר לייטען, אי פאר גאָט. — און שפּעטער מיט עטלאכע מינוט איז ער אריינגעגאנגען צו דער שוועגערין און האָט מיט דעמזעלבען טאָן און מיט דיזעלבע ווערטער, נאָר קירצער, געזאָגט צו דער לעצטער:

— רבקה, איך בעט אייך... איך בעט אייך, איהר זאָלט דאָ זיין, אַזוי ווי ביי זיך אין שטוב... אייך וועט דאָ גאָרניט פעלען... פארגעסט די נארישקייטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען אייך מיט מיין רייזלען. — געשטאַנען אַ פּאָר מינוט, געפּיהלט, אַז ער האָט נאָך עפּעס צו זאָגען, נאָר מעהר ווי אַ חוץ „גאָט וועט העלפען" האָט ער גאָרניט געזאָגט, און האָט פארלאָזט דאָס צימער.

דאָס ווייבעל האָט זיך אין אַ פּאָר טעג ארום בארוהיגט. זי איז אַלץ אָפטער און אָפטער ארויס פון איהר צימער, געזעסען אין שטוב אָדער אין קראָם, און איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען צוגעלאָזטער צו די קינדער, און אין צוויי וואָכען ארום איז סאַי ביי איהר, סאַי ביי דער שוועגערין און שוואָגער פארשוואונדען געוואָרען יענע אומהיימליכקייט און ניט־געוואוינהייט, וואָס מענשען פון צוויי באזונדערע פאַמיליעס פיהלען איינס צום צווייטען, ווען זיי מוזען לעבען צוזאַמען. יעדער פאר זיך האָט אָנגעהויבען צו לעבען אַזוי ווי ער האָט געלעבט ביז אַהער... ס'זיינען אויך פארשוואונדען צווישען די צוויי ווייבלאָך די איבעריגע צערט־

ליבקייטען, ווייל קיינער פון זיי האָט עס שוין מעהר ניט נויטיג געהאַט. מ'האָט זיך שעה'ן־ווייז ניט געזעהן, און קיינעם איז ניט איינגעפאַלען, אַז מען האָט זיך באַדאַרפט זעהן. און האָט מען זיך יע געזעהן, האָט מען ניט געשמייכעלט איינס צום צווייטען און ניט געזוכט עפּעס צו זאָגען איינס דעם אַנדערען, ווי דאָס איז פאַרגעקומען די ערשטע טעג.

רבקה איז פון דער נאַטור געווען אַ ריין־ציכטיגע ווייבעל, און באַלד ווי איהר איז אַראָפּ דער ערשטער שטיין פון'ם האַרצען, האָט עס זיך באַלד באַוויזען: מיט פּאַפּירלאַך, מיט האַנדטיכער און טיש־טעכלאַך האָט זי אויסגעפּוצט דאָס צימער, און אַליין האָט זי זיך צוויי־דריי מאָל אין טאָג צוגעקעמט און פאַרפלאָכטען די מאַטע־שאַטענע לאַנגע האָר, וועלכע זי האָט אויפ'ן האַלז און נאַקען פאַרדרעהט אין אַ קובליק. זי האָט אויך אַ פּאָר מאָל אין וואָך געביטען די בלוזקעלאַך (ווי ביי זיך אין שטוב), קורץ — זי האָט געטאָן אַלץ, וואָס ריינע, ציכטיגע, דערצו שעהנע פרויען באַדאַרפען און מוזען טאָן. איהרע שוואַרצע, גרויסע אויגען האָבען זייער פריהערדיגען גלאַנץ באַקומען, און אויף די טונקעל־מאַטע באַקען האָבען זיך צוריק באַוויזען די טונקעל־ראָזע פלעקען; פון דער נאַטור געווען אַ לעבעדיגע, אַ ריהרעוודיגע; געשוועבט, געמאַכט אַ ווינט אין שטוב, און וואו זי איז געשטאַנען, געזעסען אָדער געלעגען, האָט זיך די גאַנצע אַטמאָספערע אַרום איהר גע־ביטען. געלעבט האָט אַרום איהר אַלץ, און געשפּירט האָט זיך אַרום איהר עפּעס אַ מאָדנער אנגענעהמער ריח. זי איז געווען דער מוסטער פון דער ווירקליך־צערטליכער אָרדנונג, געשפּירט האָט זיך אַרום איהר און אין איהרע ד' אמות עפּעס אַ מין שטיל־רייצענד נחת־רוח'דיג געמיט, יענס פאַרבאָרגענע, אונדייטליכע, נאָר טיף־שפּירענד געמיט, וואָס פאַרכאַפּט אַזוי אָפט דעם אָטעם פון מאַנס־פאַרשוין...

— וואָס זאָגסטו, וואָסער אַ מין ריינקייט ביי איהר! — האָט דוד אַ פּאָר מאָל אין טאָג זיך געטיילט מיט זיינע איינדריקען מיט רייזלען.

— נו, וואָס ווילסטו? אַ מענש האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן, — האָט דאָס ווייב ניט גאַנץ גלייכגילטיג געענטפערט. נאָר ער האָט געפיהלט, אַז ניט דאָס איז עס אינגאַנצען, אַז דאָס, וואָס איז דאָרט ביי איהר אין צימער, האָט גאָרניט צו טאָן מיט איהר לײדיג ארומגעהן... די מוסטערהאַפטע אָרדנונג וואָס איז געווען ביי איהר אין צימער, האָט דאָס ווייבעל שפּעטער אָנגעהויבען אַריבערטראָגען אויך צו זיי אין שטוב אַריין. דאָס האָט זי געטאָן ניט ווי אַ דינסט, חלילה; און ניט דערפאַר, וואָס זי האָט זיי, איהרע בעלי־טובות געוואָלט צופרידענשטעלען. זי האָט פּשוט ניט געקאָנט לײדען, וואָס אַלץ איז דאָרט געווען אַזוי, ווי עס וואָלט ניט געקאָנט זיין ביי איהר אין איהר אייגענער שטוב. נאָך איהר מיינונג איז דאָרט קיין זאַך ניט געשטאַנען אויף דעם אָרט, וואו עס האָט געדאַרפט שטעהן, און אַלץ, וואָס איז פון איהר אָדער דורך איהר געטאָן געוואָרען, איז געווען וואויל, גוט און שעהן. מיט דער צייט האָט די גאַנצע שטוב גאָר אַן אַנדער פּנים באַקומען. אומעטום אויף יעדער זאַך, אין יעדען ווינקעלע האָט זיך געשפּירט דער גייסט פון דעם רײנעם שעהנעם ווייבעל. און די בעל־הבית'טע? זי האָט זיך שוין גאָר פרעמד געפיהלט אין דער נייער אָרדנונג — גלייך ווי זי וואָלט שוין גאָר ביי זיך אין שטוב ניט געווען. די נייע אָרדנונג האָט איהר נישט געקאָנט נישט געפעלען, נאָר איהר איז נישט געפעלען דאָס, וואָס אַנדערע קוועלען־אָן דערפון...

די שליטה פון דעם פרעמדען ווייבעל האָט זיך שוין צופיל געשפּירט, אפילו די דינסט האָט דער נייער בעל־הבית'טע אָנגעהויבען קוקען אין מויל אַריין, האָט מיט אַ באַהאַלטענער צופרידענקייט געפאָלגט אַלץ, וואָס דאָס ווייבעל האָט איהר געזאָגט.

דינה'לע, אַ בלאָנדע, אַ וויסינקע, עהנליך צו אַ קוקלע, איז דער מוהמען נאָכגעגאַנגען פוס־טריט. זעהט אויס, אַז אין דעם ווייבעל איז שוין עפּעס צופיל קינדערשעס געווען, וואָס דאָס קליינע קינד איז אַזוי צוגעקלעפּט געוואָרען צו איהר. דאָס קליין ברעקעל מיידעלע איז פּשוט געווען פאַרליבט אין דער מוהמען:

ווען די לעצטע האָט זיך צוגעקעמט די האָר אַנטקעגען שפּיגעל, איז זי געשטאַנען אָן אַ זייט און, אַ פאַרגאַפטע, מיט איהרע שעה־נע בלויע אויגען פאַר׳חלום׳ט, געקוקט אויף דער מוהמעס קאָפּ, און אויפ׳ן רונדען פּנים איז געווען צוגאָסען אַ שמייכעלע. און געשטאַנען איז זי אַזוי שטיל, ווי דאָ וואָלט עפּעס געטאָן געוואָ־רען אַזעלכעס, וואָס דערביי דאַרף מען שווייגען. און ווען יענע האָט געענדיגט די אַרבייט איהרע און אויף איהר אַ שמייכלענ־דיגען קוק געוואָרפען, ווי זי וואָלט געזאָגט: אַיאָ, שעהן? — איז דעם קליינעם קינד אַריין די פאַרב אין פּנים און אין די אויג־לאָך האָט זיך אַ פייערעל באַוויזען. און דאָס ווייבעל, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען דעם קינד׳ס נשמה׳לע, האָט אַלע מאָל, ווען זי האָט זיך אויסגעפּוצט, אַרויפגעזעצט דינה׳לען אויפ׳ן טיש און האָט מיט אַ קינדיש־ווייבליכער ליבע אויך דער קליינער צו־קעמט די הערלאַך און דערביי אָפט געפרעגט: „אפשר פאַר־פלעכטען דיר אַ צעפּעלע?" און געפרעגט האָט זי דאָס נישט דערפאַר וואָס זי האָט אַזוי געוואָלט טאָן, נאָר זי האָט געמיינט אויסצולאַכען די מאַמען איהרע, וואָס האָט פריהער געהאַט דאָס קינד פאַרפלאָכטען אַ צעפּעלע, און דינה׳לע האָט זיך דערפון אָפּ־געוואָרפען, כאָטש זי אַליין האָט נישט געוואוסט, וואָס עס איז שעהנער: אַ צעפּעלע, צי לעקעלאַך, אָדער איהר געפּעלען לע־קעלאַך בלויז דערפאַר, וואָס די מוהמע האָט גראד געזאָגט, אז אַזוי איז שעהן.

ווען די אַרבייט איז געווען געענדיגט, האָט די מוהמע צוגע־טראָגען דער פלימעניצע דעם שפּיגעל נאָהענט צו איהר פּנים, אַזוי נאָהענט, ווי נאָר אַ קינד קאָן ליב האָבען, און איהם גע־האַלטען אַזוי לאַנג, ביז יענער איז ניט נמאס געוואָרען צו שפּיג־לען זיך. נאָכדעם האָבען זיך ביידע ארומגענומען, היים צוקושט און ביידע זיינען כמעט ווי מיט איין געדאַנק, מיט איין געפיהל אַריינגעגאַנגען אין קראָם, וואו עס זיינען געזעסען טאַטע־מאַמע. יענע האָבען געקוקט אויפ׳ן קינד און זיך געשמאָלצען, און פון צייט צו צייט האָט מען אויך געוואָרפען אַ קוק, אַ באַזונדערען

קוק, א פיל דייטליכען, אויף'ן ווייבעל, און דעמאָלט איז ביי ביי־דען אויסגעלאָשען געוואָרען דאָס פרעהליכע פייער אין די אויגען; עפּעס איז זי שעהן געווען, אזוי שעהן, אז ס'האָט געמוזט אור־מעטיג ווערען ווען מען האָט געקוקט אויף איהר און געטראַכט פון איהר שעהנקייט. זיי האָבען זי פריהער אויך געקענט פאַר א שעהנער: דעמאָלט איז זי אָבער ביי זיי אין שטוב נישט געווען, נאָר איצט דערפאַר, וואָס זי איז ביי זיי, אונטער זייערע פליגעל, האָט זיך ביידען געדוכט, אז זי טאָר דאָ אזוי שעהן ניט זיין... גלייך ווי דערמיט, וואָס זי איז שעהן, האָט זי אימיצען אַן עולה געטאָן...

און די עולה איז געפונען געוואָרען.

דער מאַן איז אוועקגעפאָהרען מעבר לים און איהר ליגט אין קאָפּ זיך צו פּוצען.

---

## פערטער קאַפּיטעל.

אין זעקס וואָכען אַרום נאָך חיים'ס אוועקפאָהרען, איז פון איהם אָנגעקומען א בריף, אין וועלכען ער האָט פּרטים'ווייז באַ־שריבען דעם וועג, וואָס איז גאָרנישט געווען קיין גלענצענדער, נאָר ער איז בשלום געקומען אויף'ן אָרט, און ער דאַנקט דעם ברודער און די שוועגערין פאַר דעם גרויסען חסד, וואָס זיי טוען מיט איהם און זיין ליבער פרוי. ער וועט דעם חסד קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

געלייענט די בריף האָט פריהער רבקה פאַר'ן שוואָגער און פאַר דער שוועגערין און דערביי געגאָסען מיט טרערען פאַר גרויס פרייד, נאָכדעם האָט דוד געלייענט פאַר זיין ווייב און פאַר זיין שוועגערין, און אויך ביי איהם זיינען געשטאַנען טרע־רען אין די אויגען, און רייזעל, וועלכע איז כלל נישט געווען פון די וויינענדיגע נשמות, האָט אויך געפונען פאַר נויטיג צו לאָזען א פּאָר טרעהרען. דינה'לע, וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטען מיט א

הענטעל אָן דער מוהמעס קליידעל און קיין אהנונג נישט געהאַט, וואָס ס'איז דאָ פאַראַן צו וויינען, ווען ס'איז אָנגעקומען פון פעטער א בריף. זי האָט אויך געוויינט, קוקענדיג אויף דער מוהמען. נאָר איין מאָטעלע איז געזעסען אויף דער פאָדלאָגע און זיך געשפּילט מיט א ליימענער קאַץ, האָט געמיאַאוקעט צו איהר און מיט די נעגעלאך געשקראָבעט איהרע אויסגעפּאַרבטע אויגען.

---

דאָס, וואָס דוד האָט צו זיך אריינגענומען די שוועגערין, האָט זיך דערויף קיינער נישט געוואונדערט, ווייל אַלע האָבען גע־וואוסט, אז ער האָט א גאָלדען האַרץ. צי האָט דען געטראָפען, אימיצער זאָל אויסשטרעקען די האַנט און דוד זאָל אָפּזאָגען? ווייסט דען נישט דאָס גאַנצע שטעדטעל, וואָס פאַר א סקאַנדאַלען רייזעל מאַכט איהם אַלע דאָנערשטאָג דערפאַר, וואָס ער באָרגט אָרימע ווייבער ווייצענע מעהל אויף שבת? זי איז שוין איינמאָל א מרשעת, אָט די רייזעלע, זי לאָזט דאָך איהם דאָנערשטאָג אין קראָם נישט אריין. זי האָט איהם אַפּילו איינמאָל אויף א גאַנצען טאָג אין שטוב פאַרשלאָסען.

זי איז שוין איינמאָל א שלאַק אָט די רייזעלע, מיט די ראָבע קעצענע אויגען. דוד האָט דאָס ערשט רעכט דערשפּירט פון יענער צייט אָן, וואָס רבקה איז אריבער צו איהם. אך! רבקה איז גאָר אַן אַנדער סאָרט ווייבעל... ער האָט געזעהן, געשפּירט, אז אַלץ, וואָס רבקה רעדט, וואָס רבקה טוט, איז גוט און וואויל... אזוי דאַרף מען רעדען און אזוי דאַרף מען טאָן... ער וואָלט גאָר געוואָלט וויסען, אויף וועמעס צד איז זי, רבקה, ווען ער קריגט זיך מיט רייזלען. דאָנערשטיגע טעג איז רבקה געשטאַנען אין קראָם, האָט געהאָלפען ענטפערען די קינדער, און זעהר אָפט איז איהם אויסגעקומען געבענדיג אָדער עפּעס פון איהר נעה־מענדיג זיך אָנריהרען אָן איהרע הענד, און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך אָן איהר אָנגעריהרט, איז נישט אוועק אומבאַמערקט. און געפיהלט האָט ער עס א גאַנצען טאָג און געלעבט אונטער דעם

איינדרוק, ווי עס וואָלט מיט איהם געטראָפען אויסערגעוועהנ־ליכעס.

אין איינעם א דאָנערשטאָג האָט צווישען מאַן און ווייב אויסגעבראָכען א מחלוקת, וואָס האָט שוין גאָר זיין גלייכען ניט געהאט. די מחלוקת האָט דאָס מאָל אויסגעבראָכען איבער זיינער א מומען, אן ארימע אלטיטשקע אין קינדערשען וואוקס, וועלכע איז געקומען נאָך א פאָר פונט ווייצענע מעהל אויף שבת. רייזעל האָט זיך אוועקגעשטעלט אויס'טענה'ען מיט דער אלטער, פארוואס זי געהט ניט צום צווייטען פלימעניק, וואס האָט אויך א קראָם און האָט אויך מעהל. די טענות קומען פאָר אלע דאָנערשטאָג, און אלע דאָנערשטאָג גיט זי איהר מעהל און וואָלט מסתמא איצט אויך געגעבען, נאָר שלעכט איז געווארען, וואס דוד האָט זיך אריינגעמישט.

— איך פרעג דיר נאָר איין זאך: וואָס זיינען די טענות? סוף־כל־סוף גיסטו דאָך איהר, נאָך וואָס־זשע דארפסטו איהר אומזיסט בלוט צאפּען?

רייזעל האָט אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָר גרויסע אויגען. ניין. זי האָט איהם שוין גארנישט פארשטאנען, דעם דוד'ען. ער איז שוין גאר נישט ביי זיין קלאָרען פארשטאנד, דער מאַן איהרער. ווי קאָן מען דאָס אלע דאָנערשטאָג שענקען א אידענע מעהל אויף שבת און דערצו נישט טאָרען זאָגען א ווארט?

— געהט אייך געזונטערהייט! — האָט רייזעל ענדליך אויסגעלאָזט דעם כעס איהרען צו דער אלטער, — ניטאָ ביי מיר קיין מעהל פון אייערטוועגען!

— געזונט זאָלסטו מיר זיין, טעכטערעל מיינס! — האָט די אַלטע מיט א ציטעריגער שטים געזאָגט, — א געזונט דיר אין דיין איטליכס אבר אריין.

— מומע! — האָט דוד אויסגערופען, אוועקלייגענדיג א האַנט אויף איהר אקסעל, — געהט אהיים, איהר וועט האָבען מעהל אויף שבת.

— אַ געזונט דיר אין דיין איטליכס אבר אריין! — האָט די אַלטינקע מיט אַ מוטערליכער צאַרטקייט געזאָגט, ארונטערגע־מענדיג דאָס טאָרבעלע אונטער דער שאַל.

— אַלטע חניפה׳ניצע! — האָט רייזעל אויסגעשריען, טופּענדיג מיט די פיס. איהר זאָלט שוין ארויסגעהן פון דאַנען!

— רייזעל! — האָט דוד אויסגערופען מיט אַ צובראָכענער שטים, און דערביי האָט זיך אַ בלאַסקייט צוגאָסען איבער זיין פּנים. — רייזעל!... פון מיין שטוב האָט מען נאָך קיינמאָל קיין מענשען ניט געטריבען. דו טרייבסט מענשען פון שטוב... וועסט פארזינדיגען יאָהר און טעג... מיין שטוב פארשוועכסטו!

— גוואַלד, וואָס צוזעצטו מיר די גאַל?! — האָט רייזעל אויסגעשריען. — איך בעט דיך, זאָלסט שוין ארויסגעהן פון קלייט, אַז ניט, וועט אַלצדינג, וואָס ליגט דאָ אויף דער סטאָיקע, דיר פליהען אין קאָפּ אריין.

— ביסט אַן ארורה! — האָט דוד ווי פאַר זיך געמורמעלט, ניט וויסענדיג, וואוהין די אויגען אהינצוטאָן פון חרפּה פאַר רבקהן...

— רבקהלע, וואָס שווייגט איהר? — האָט זיך רייזעל צו איהר געווענדעט מיט אַ בעטענדיג־וויינענדיג קול.

רבקה האָט געשוויגען. אַ לייכט טרויעריג שמייכעלע האָט זיך אויף איהרע טונקעל־רויטע ליפּען צוגאָסען. זי האָט זיך אויס־געדרעהט מיט׳ן פּנים צו די פּאָליצעס און עפּעס דאָרט אָנגעהויבען איבערצופּלייגען פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערען. זי האָט דאָרט גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן, און עס האָט געטייטשט, נאָך מעהר, ווי געזאָגט, — „איך מיש זיך ניט״ און רייזלען איז דאָס געווען ווי אַ פּאַטש אין פּנים.

דוד איז געשטאַנען מיט איין האַנט אין קעשענע און געקוקט אויף איהרע רונדע שמאָלע אַקסלען, און שטיל, טיף אין זיך פון איהר נחת געשעפּט. איהם האָט זיך געדוכט, אַז אפּעס שכל׳דיי־

געם, בעסערס וואָלט קיינער ניט צוגעטראַכט... אַה! ער האָט גאָר ביז אהער ניט געוואוסט, וואס פאר אן אוצר דער ברודער זיינער פאַרמאָגט... ווען ער וואָלט דאָ געווען, דער ברודער, וואָלט ער איהם יעדען אבער אויסגעקושט דערפאר, וואס ער האָט זיך אזא בריליאַנט אָפּגעקליבען...

רייזעל האָט קרום געקוקט אויף רבקה׳ן; זי האָט אויך פאַר־שטאַנען, אז רבקה טוט גוט, וואָס זי מישט זיך ניט, און דעריבער האָט עס איהר נאָך מעהר פאַרדראָסען... זי האָט געטראַכט: „שטעהט זיך, ווי א באָק". און די אַלטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט דער שאַל איבער׳ן קאָפּ, און האָט געשאָטען ברכות אויף זייערע קעפּ:

— קינדערלאַך, געזונט זאָלט איהר מיר זיין! א געזונט אייך אין איטליכען אבער אריין.

א גאַנצען טאָג זיינען מאַן און ווייב ברוגז געווען. רבקה האָט זיך זעהר אומבאַקוועם געפיהלט דערפון, וואָס דוד האָט גערעדט צו איהר דאָס, וואָס ער האָט געווען באַדאַרפט ריידען צו רייזלען, און ממילא איז שוין אויסגעקומען, אז א דאנק דעם, וואָס זי איז דאָ, קאָן ער אויספיהרען זיין ברוגז מיט׳ן ווייב. און דערפאַר האָט זי זיך שטרענג פאַרהאַלטען צו דעם שוואָגער, האָט איהם אפילו א פּאָר מאָל ניט געענטפערט, ווען ער האָט ביי איהר עפּעס געפרעגט, און צו רייזלען, פאַרקערט, געוויזען זיך פריינדליכער און צוגעלאָזטער.

פרייטאָג אין דער פריה, ווען רייזעל איז פאַרנומען געווען אין קיך און דוד מיט רבקה׳ן זיינען אין קלייט געשטאַנען, האָט דוד פּלוצלינג א פרעג געטאָן:

— זאָגט, רבקה, בין איך ניט גערעכט?...

זי האָט א ווייל געקוקט אויף איהם מיט גוטע, שמייכלענ־דיגע אויגען און אויף לעצט אָהן ווערטער א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ: יאָ, גערעכט!

## פינפטער קאַפּיטעל.

ס'איז שוין אזוי באַשערט געווען, אז חיים זאָל דאָרט אין אַמעריקא ניט מאַכען קיין „ביזנעס", און רבקה זאָל דאָ בלייבען אויף אן אומבאַשטימטער צייט. אין צווייטען בריף, וואָס איז אָנגעקומען פינף וואָכען נאָכ'ן ערשטען, האָט זיך חיים שוין געקלאָגט אויף אַמעריקא, געשריבען, אז מען דאַרף דאָ האָרעווען מיט'ן ביטערען שווייס ביז מען פאַרדינט דעם דאָלאַר, און אז אין רוסלאַנד דאַרף מען קושען די שטיינער. נאָך דעם בריף האָבען זיך אין דעם קרייזעל פון די שוועגערינס און שוואָגער באַנייט די זעלבע באַציהונגען, וואָס אין די ערשטע טעג, ווען רבקה איז אהער אריבער; עס האָט זיך ווידער באַשאַפען די געקינסטעלטע פריינדליכקייט. רייזעל, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס איהר האָט געקרענקט, וואָס רבקה'ס נסיעה איז אָפּגעלייגט געוואָרען אויף אן אומבאַשטימטער און לענגערער צייט, ווי זי האָט פריהער גערעכענט, האָט טאַקע דעריבער, ווייל ס'האָט זי אזוי געקרענקט, געפונען פאַר נויטיג צוגעלאָזטער ווערען צו דער שוועגערין. דוד'ן? — איהם האָט עס הנאה געטאָן. און דערפאַר, וואָס ער האָט געוואוסט, אז הנאה טאָן דאַרף עס ניט, אז, פאַרקערט, רבקה'ס טובה איז, זי זאָל וואָס גיכער אַוועקפאָהרען — האָט ער זיך מיט דעם געפיהל באַהאַלטען. און רבקה האָט זיך אָנגעשטרענגט און געמאַכט אזא מינע, ווי איהר וואָלט גאָרניט איינגעפאַלען, אז ס'קאָן אימיצען ארען, וואָס איהר זיין דאָ האָט זיך פאַרצויגען, פאַרצויגען לענגער, ווי מען האָט גערעכענט. אויפריכטיג איז נאָר געבליבען דינה'לע, וועלכע האָט זיך פאַר דער צייט אזוי צוגעבונדען צו דער מומע'ן, צוזאַמען מיט איהר געגעסען, געשלאָפען און אין אלץ איהר נאָכגעטאָן, ווי א מאַלפּע. האָט שוין אפילו רייזעל קנאה באַקומען און אָפּט ניט געלאָזט דאָס קינד צו דער מומע'ן.

* * *

צווישען יאָ און ניין זיינען דערווייל איבערגעלאָפען דריי חדשים זינט חיים איז אוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקא, נאָר

אַלעמען האָט זיך געדוכט, אַז עס איז שוין פיל צייט אַריבער. און געדוכט האָט זיך אַזוי דערפאַר, וואָס אַוועקגעפאָהרען איז ער זומער, און איצט איז שוין ווינטער. און פונקט, ווי מ'איז דאָרט, איבער'ן פאַרפרוינענעם טייך געפאָהרען פעסט און זיכער, ווי אונטען וואָלט גאָר קיין שרעקענדיגע טיפקייט ניט געווען, אַזוי פעסט און זיכער איז זיך געגאַנגען דאָס אַלטעגליכע לעבען ביי דוד'ן אין שטוב... דוד האָט זיך אפילו צו־גוט געפיהלט... ביי איהם איז כסדר געווען יום־טוב'דיג אויף דער נשמה... נאָר בּיסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבען שפּירען, אַז אונטער זיינע פיס עפּענט זיך עפּעס אַ טיפער אָפּגרונט... ער האָט אין איהם ניט געקאָנט אריינקוקען... אין אַ געדיכטער פינסטערניש האָט זיך זיין מוח געטרונקען... אין איהם און ארום איהם האָט זיך אָנגעהויבען שפּירען אַזעלכעס, וואָס האָט קיין נאָמען ניט געהאַט, אַזעלכעס, וועגען וואָס עס לאָזט זיך ניט טראַכטען, נאָר עס גיט זיך צופיהלען. און איינס האָט ער דייטליך געשפּירט: אַז זינט רבקה האָט זייער שוועל איבערגעטראָטען, איז רייזעל פאַר איהם געוואָרען ניט דאָס, וואָס זי איז ביז דאַן געווען... זיין געפיהל פון אַ מאַן צו אַ ווייב איז פאַרלוירען געגאַנגען...

רייזעל האָט עס ניט געקאָנט ניט באַמערקען, נאָר זי האָט שטיל אין זיך געליטען, געקוקט אויף'ן מאַן מיט פאַרשענדרע אויגען, עפּעס געזוכט, און נישט געוואוסט, וואָס זי וויל געפינען.

דוד האָט עס באַמערקט. ער האָט באַמערקט איהרע בלאָנ־דזשענדיגע בליקען און אין זיך האָט ער איהר געענטפערט: יאָ, האָסטו טאַקע אין מיר וואָס צו זוכען, נאָר איך וויים ניט, צי וועסטו וואָס געפינען. איך זוך עס אַליין און געפין עס ניט...

ס'איז געוואַקסען אַ געדריקטע, געשפּאַנטע שטימונג און ביידע האָבען די סבות פון דער נעדריקטער שטימונג ניט געזוכט ביי זיך נאָר איינס ביים אנדערען. זייער זוכעניש איז ענהליך געווען צו דעם, ווי איינער פאַרשטעלט פון זיך די ליכטיגקייט מיט זיין אייגענעם שאָטען און זוכט די סבה אויסער זיך...

רבקה האָט די אָנגעשטרענגטע באַציהונג צווישען מאַן און

ווייב אויפגענומען אויף איהר חשבון: מען וויל זי דאָ ניט ליידען, קריגט מען זיך, מן הסתם, איבער איהר, גריזשעט מען זיך איינס דאָס אנדערע, ווי דער שטייגער איז ביי אזעלכע פאַלען. זי האָט שרעקליך געליטען דערפון... מילא — פון רייזלען האָט זי אנדערש ניט ערוואַרט, אָבער דוד! ווארום קוקט ער ניט אין איהר זייט אריין? ער אויך וויל זי דאָ ניט ליידען! ניין, דאָס איז שוין אומערטרעגליך. זיין אין א שטוב איבעריג, אנגע־ווארפען...

זי האָט זיי אנגעהויבען אויסצומיידען. גאנצע טעג איז זי געלעגען אָדער געזעסען ביי זיך אין צימער, האָט זיך אָפּגעזוכט ארבייט, כלומרשט אזא ארבייט, וואס זי מוז טאָן בלויז ביי זיך אין צימער. שוואגער און שוועגע־ין האָבען דערקענט, אז זי האָט אראפּגעלאָזט דעם קאָפּ, נאָר זיי האָבען זיך ניט זעהענדיג געמאכט. דינה׳לע, באמערקענדיג, אז די מומע איז עפּעס אָנגע־ברוגז׳ט און איז צו איהר קעלטער געוואָרען, האָט זיך אויך אָנגע־הויבען בלאָזען. בלויז מאָטעלע, מיט די שטענדיג אויסגעשמירטע בעקעלאך פון שאָקאָלאד, — ער איז זיך געבליבען נייטראַל. און ער, מאָטעלע, איז געוואָרען די צענטראַלע פיגור אין שטוב, דער איינציגער „מענש", צו וועלכען מען האָט געקאָנט ריידען וואס מען האָט געוואלט, וואס איז געקומען אין מויל אריין. אלע זיינען צוגעלאָזטער געווארען צו איהם, באזונדערס רבקה; עפּעס איז עס אזוי אויסגעקומען, אז כל זמן אלץ איז געווען פיין און וואויל, האָט זי געקאָנט גוט זיין צו דינה׳לען, צו דער, וועלכע זי האָט אויף אן אמת ליב געהאט און וויבאלד די גוטע פריינדליכע בא־ציהונגען צווישען איהר מיט׳ן שוואָגער און שוועגערין האָבען זיך געביטען, מוזען זיך בייטען די באציהונגען צו די קינדער... דוד האָט די פארענדערונג באמערקט און ניט געוואוסט, ווי דאָס צו טייטשען און עס האָט איהם עפּעס געבעלדיג שטיל פארדראָסען... ער האָט דינה׳ן ליב געהאט בעסער, ווי מאָטעלע׳ן.

איינמאָל ביינאכט האָט זיך דוד׳ן גע׳חלומ׳ט: חיים איז געשטאָרבען און אנטקעגען איהם אין בעט (וואו דאָס ווייב מיט׳ן

קינד זיינען געלעגען), ליגט רבקה מיט'ן זעלבען קינד, נאָר ס'איז רבקה'ס און... זיינס... און רבקה וויינט... דוד האָט זיך אויפגע־כאפּט א דערשראָקענער, א נאסער פון שווייס. אין א ווײלע ארום האָט זיך רייזעל אויפגעכאפּט און ביידע האָבען זיך האלב־אויפגעהויבענע ערשטוינט אַנגעקוקט און ביידע צוגלייך האָבען דריי מאָל אויסגעשפּיגען און נאָכדעם איינס ביים אַנדערען גלייכ־צייטיג געפרעגט:

דיר האָט זיך עפּעס גע'חלומ'ט?

— איך וואָלט געמעגט שווערען, אז דו האסט געוויינט פון שלאָף — האָט דוד לאנגזאם געזאגט, — און געוואָלט האָט ער, אז דאָס זאָל האָבען ניט פארגעקומען און זי זאָל איהם זאָגען, אז זי האָט ניט געוויינט

— געוויינט? — האָט זי, ווי פאר זיך געפרעגט, — איך געדענק ניט.

ביידע האָבען צוריק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ אויף די קישענס, און עס איז געוואָרען נאָך שטילער, ווי איידער זיי האָבען זיך אויפגעכאפּט... עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס כראָפּען פונ'ם קינד און ביידע זיינען צופרידען געווען, וואָס זיי ריידען דאָס...

עס איז געווען זעהר שפּעט אין דער נאכט, אָבער צו פריה צום אויפשטעהן. פון דעם לאָמפּ, וואָס איז אין עס־שטוב אויפ'ן טיש געשטאַנען, טיף אַריינגעדרעהט, איז אין שלאָף־צימער אַריינגע־פאַלען א טונקעל־נאכטיגע שיין, איינע פון יענע שיינען, וואָס מען זעהט דערביי גאָרניט, נאָר דאָך הייסט דאָס ניט פינסטער.

פון דרויסען האָט זיך געלאָזט הערען א קרעהען פון הענער, און דאָס קרעהען האָט אייך געגעבען צו פיהלען, אז ס'איז שוין זעהר שפּעט אין דער נאכט און צו פריה צום אויפשטעהן. און אויך אין דער שטילקייט האָט זיך עס געשפּירט: עס איז געווען אזוי שטיל, אז מען האָט געהערט פון הינטער'ן פענסטער, וואָס האָט ביידע בעטען צוטיילט, ווי פון צייט צו צייט איז עפּעס דורכ־געלאָפען, שטיל מיט דראָבנע טריטעלאך, ווי אימיצער וואָלט גע־

שווינד מיט עטליכע שטעקעלאַך ליכט אינ׳ם האַרט געטראָטענעם שניי אָנגעקלאַפּט...

דוד האָט זיך לאַנגזאַם און שטיל אָנגעהויבען אָנטאָן... ער איז כמעט ווי זיכער געווען, אַז רייזעל שלאָפט ניט, און דאָך האָט ער איבער עפּעס אומקלאָרעס געפונען פאַר נויטיג זיך שטיל צו האַלטען.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין עס־שטוב, האָט ער דערפיהלט, אַז אין דרויסען איז אַ שטאַרקער פראָסט. דערזעהענדיג די ווייס־אָנגעפרוירענע פענסטער, איז איהם נאָך קעלטער און אימה׳דיגער געוואָרען. ער האָט אַרויסגעדרעהט דעם לאָמפּ און, אַ קוק געבענדיג אויפ׳ן זייגער, אַז ס׳איז שוין גאָר ניט פריה, ווי ער האָט געמיינט, איז ער געווען צופרידען, וואָס ער איז אויפגעשטאַנען און געטראַכט: „זעהר גוט, — מען דאַרף אויפוועקען דאָס מיידעל, זאָל זי איינ־הייצען די הרובעס".

אין קיך אַריין האָט מען געמוזט דורכגעהן רבקה׳ס צימער, און דערפון איז איהם עפּעס איצטער שווער דער מוח געוואָרען. ער איז אַלע טאָג אויפגעשטאַנען פריהער פאַר רבקה׳ן און איז אַלע פריהמאָרגען דורכגעגאַנגען דעם צימער, נאָר איצט, נאָכ׳ן חלום, איז עס איהם אַזוי שווער געווען; ער האָט ניט געוואָלט טראַכטען פונ׳ם חלום, עס האָט זיך אָבער געטראַכט. ער האָט נעבעלדיג גע־פיהלט, אַז דער חלום איז עפּעס אַ מין אויסגוס פון יענע שטילע, אומדייטליכע, פאַרמלאָזע לײַדען, וואָס מאַטערען איהם זינט רבקה האָט זיין שוועל אַריבערגעטראָטען...

די טיר צו דער שוועגערין אין צימער אַריין איז געווען אָפען, און ער האָט אַריינגעשטעלט אַהינצו אַ פוס. ער האָט אָבער דעם צווייטען פוס פון דער זייט שוועל ניט געלאָזט ווייטער געהן, און ניט געוואוסט האָט ער, צי וואָלט ער דרייסטער געגאַנגען, ווען ער זאָל וויסען, אַז זי שלאָפט ניט, צי פאַרקערט... ער האָט נאָר איינס געפיהלט: אַז איהם איז שרעקליך שווער דורכצוגעהן דאָס צימער.

ער האָט זיך איינגעהערט: עס איז געווען שטיל, היימליך־שטיל און היימליך־פינסטער... צוויי אָטעמס האָבען זיך געלאָזט

הערצן : ער האָט זיי לייכט דערקענט... רבקה׳ס... דינה׳לעס... און געפיהלט האָט ער צום קינד, וואָס איז מיט רבקה׳ן אין איין בעט געשלאָפען, אזא מין איידעלע, צארטע, ליבע און אַן אויסער־געוויינליך אומרוהיגע...

— דוד ?...

ער האָט זיך ניט אָפּגערופען.

— דוד ?...

יאָ !...

ער האָט זיך פארשעמט, וואָס ער גנב׳עט זיך דאָ אין צימער און האָט זיך אזוי שלעכט דערפיהלט, וואָס ער האָט זיך אויפ׳ן ערשטען מאָל ניט אָפּגערופען...

— איך בין, דאכט זיך, געגאַנגען אזוי שטיל, — האָט ער זיך, שטאמלענדיג ווי אַ אינגעלע פאר׳ן רבי׳ן פארענטפערט... און...

— איך שלאָף שוין לאַנג ניט ! — האָט איהם רבקה בא־רוהיגט און דער קול איז טאַקע געווען אזעלכער, ווי זי וואָלט שוין לאַנג וואך געווען.

די פּאָר ווערטער אין דער שטילקייט, ביינאכט, אין דער פינ־סטער, און באזונדערס נאָכ׳ן חלום, האָט זיך איהם געדאכט, האָבען עפּעס אַ טיפען, רייכען אינהאַלט... ער איז געשטאַנען, ער איז כמעט ווי זיכער געווען, אַז זי האָט איהם עפּעס נאָך וואָס צו זאָגען. ער איז אזוי זיכער געווען, ווייל ער האָט עפּעס געוואָלט רעדען, נאָר ניט געוואוסט וואָס... האָט זיך איהם פון דינה׳לען געגלוסט רעדען ?...

— די קליינע שלאָפט ?... — האָט ער פלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— אזוי ווי אַ טייבעלע, — האָט רבקה גלייך געענטפערט. — אַ פארגעניגען צו הערען, ווי זי אָטעמט.

זעהט אויס, אַז ניט וועגען דינה׳לען האָט ער רעדען געוואָלט, ווייל ער איז ניט צופרידען געבליבען פון זיין פראַגע.

ער האָט זיך לעצטענס פון אָרט געריהרט און שטיל דורכגע־גאַנגען דאָס צימער, האָט לאַנגזאַם געעפענט די טיר אין קיך אריין.

דאָרט האָט ער דעם לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אין מיט קיך, אַרויסגעדרעהט און אַ רוף געטאָן:

— מינצע!

פון הינטער דער האַריגער קאָלדרע אפיר האָט זיך אַ צושווי־בערטער קאָפּ אַרויסגעוואָרפען. און געזאָגט האָט דוד צום קאָפּ:

— שטעה אויף! הייץ איין די הרובעס, ווייל אין דרויסען איז אַ סמאַליענדיגער פראָסט!

אין אַ פערטעל שעה ארום האָט שוין געפלאַקערט איןביידע הרובעס, און געשפּילט האָט זיך אויף דער גלאַנציג רויטער פאָד־לאָגע אַ פרעהליכע ראָזע שיין, און אויך שטיקער ווענט, אַנטקעגען די פיר־קאַנטיגע לעכער פון הרובע, זיינען מיט דער זעלבער שיין באַגאָסען געוועזן...

דאָס מיידעל האָט דערצעהלט דעם בעל־הבית, אַז אין דרויסען „ברענט" און ער האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט, און דאָך ניט געהערט, וואָס זי רעדט. געהערט האָט ער בלויז: „דער דאָך האָט אַ קנאַק געטאָן". וואָס אַזעלכעס? — „דער דאָך האָט פון פראָסט אַ קנאַק געטאָן"... ער האָט ניט פאַרשטאַנען, נאָך וואָס דערצעהלט זי עס איהם, וואָס געהט עס איהם אָן?

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטוב און האַרציג פרום גע־דאַווענט „פון פאָרענט", האָט זיך געזעצט פון צייט צו צייט און פאַרקוקט אין איין הרובע און אין דער צווייטער, און דער גאַנצער פאָדערשטער קערפּער טייל זיינער איז אָפּגעגאָסען געוואָרען מיט אַ שרייענד ליכטיגער, שטאַרק באַוועגליכער און פרעהליכער שיין, און געדוכט האָט זיך, אַז דוד'ס געזיכט איז אויך עפּעס לעבעדיגער געוואָרען — פרייער, לייכטזיניגער.

שפּעטער האָט זיך דוד אָוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון שלאָף־צימער און געפרעגט ביי רייזלען:

— שלאָפסט? — און געפרעגט האָט ער מיט אַזאַ טאָן, זי זאָל מיינען, אַז ער מיינט, אַז זי שלאָפט.

— ניין, האָט זי קורץ געענטפערט.

ער איז צוגעגאַנגען נאָהענט צום בעט און ווידער געפרעגט:

— וויפיל איז שוין, אז פון חיימ'ען איז קיין בריף ניטאָ ?... —
און עפּעס איז איהם געווען מאָדנע — איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אי פאַר זיך, אי פאַר'ן ווייב עפּעס פאַרלייקענען געוואָלט און דעריבער האָט ער עס געפרעגט, און אַ פאַרזונקענער אין דעם „עפּעס" האָט ער געוואַרט אויף איהר ענטפער.

— כ'וויים ?... וואָס איז דען ?

— גאָרניט, גלאַט אַזוי... איך פרעג עס...

— אָבער וואָס עפּעס פּלוצלינג פרעגסטו ? — איז זי אַן אומרוהיגע צוגעשטאַנען צו איהם.

ער האָט ניט געענטפערט, האָט מיט שווערע טריט פאַרלאָזט דאָס צימער, האָט זיך אָוועקגעזעצט אויבען־אָן ביים טיש אויף דער האַרט־געבעטער, מיט שוואַרצער צעראָטע איבערגעצויגענער גרויסער קאַנאַפּע, האָט זיך מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אָן איהר הויכער, בייכיגער וואַנט, פאַרלעגט אַ פוס איבער אַ פוס און אומעטיג שווער זיך פאַרטראַכט, קוקענדיג אויף דעם ברענענדיגען לאָמפּ.

צווישען די לאָדען האָבען זיך אומבאַמערקט צוויי שטילע, בלאַסע פּאַסקעס באַוויזען און דערהערט האָט זיך פון דרויסען יענער געהיימניספול שטילער גערודער, וואָס לאָזט זיך תמיד הערען, ווען עס הויבט אָן צו טאָגען... דאַכט זיך, קיינער איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען, ס'האָט זיך נאָך אין ערגעץ קיין טיר, קיין לאָדען ניט געעפענט און דאָך איז עס שוין גאָר ניט די שטילקייט, וואָס ביינאַכט... עפּעס גאָר אַן אַנדערע, אַן אומרוהיגע, אַ נערוועזע.

דוד, דערזעהענדיג, אַז עס טאָגט, איז אַריינגעגאַנגען אין דער קאַלטער, פינסטערער קראָם, וואו אין אַ ווינקעל האָבען זיך געבלייבט אַ פּאָר זעקלאַך מעהל. ער האָט אַראָפּגענומען די גרויסע אייזערנע שטאַנג פון דער בלינדער טיר, נאָכהער געעפענט די גלעזערנע און צולעצט די דריטע טיר פון סוכה'לע און איז שטעהן געבליבען אַ פאַרגאַפטער : די גאַנצע נאַטור איז געווען איינגעהילט אין ווייסען, און געדאַכט האָט זיך, אַז אויף דער ערד, אויף בוימער און הייזער איז אַ פאַנטאַסטישער טאָג נעכטיגען געבליבען.

געבליבען נעכטיגען פון אָוועגט... א ווייסער טאָג, נאָך ניט קיין ליכטיגער...

עס האָט געטאָגט! עס האָט געטאָגט פון דער ערד, פון הייזער און פון בוימער; פון אונטען ארויף האָט געטאָגט; יעדעם ווינקעלע, יעדעם שפּעלטעלע, וואוהין דער פראָסט האָט נאָר געקאָנט דערלאַנגען, — האָט געטאָגט, און דער הימעל, דער ריינער, קאַלטער, קלוגער הימעל האָט זיך געדרימעלט און מיט אמאָל אָן אויג געעפענט א רויט, קאַלט און קלוג אויג. און א ראָזע שמייכעל האָט זיך אין שטאָל-האַרטער ריינער גליווער-לופט צוגאָסען. פון מינוט צו מינוט איז דער מזרח אַלץ ליכ-טיגער און רויטער געוואָרען. דאָס שטיק פייער איז זיך צעוואָקסען און צושמאָלצען. בייז און בלענדענדיג-ליכטיג האָט עס מיט קאַלטע דרינגענדע שטראַלען דעם הימעל געשטאָכען און געדאַכט האָט זיך, אז דער פראָסט האָט זיך אַנטקעגען דעם שטיק פייער נאָך דרייסטער, שטאַרקער דערפיהלט. און געוואָרען איז די לופט אויסערגעוויינליך דורכזיכטיג און אויסערגעוויינליך רוהיג, ווי גלייך ס'וואָלט שוין גאָר אינגאנצען קיין לופט ניט געווען, נאָר בלויז פראָסט.

דער הימעל איז געווען בלוי און טיף, האַרט און קאַלט, און געדוכט האָט זיך, אז די גאַנצע נאַטור האָט א מין קאַלטען יום-טוב אָפּגעריכט, אָדער דער פראָסט האָט א מין אומצעהל-יעהריג יובילעאום געפייערט, איז אויך די זון צו דעם יום-טוב געקומען, א יונגע, א פלאַמענדיגע.

ערגעץ, ניט ווייט און ניט נאָהענט, האָט זיך א מחנה קראָהען ארום א שפּיץ פון א הויכער אָסיקע געדרייט און גע-קראַקעט. פון פיל קוימענס האָבען זיך איילענדיג רויכען געריסען. פון צייט צו צייט האָבען זיך דאָ און דאָרט געהערט קרעכצען, הילכיגע טריט איבער'ן פארגליווערטען שניי.

דוד'ן האָט עפּעס א שטומע ווייטאָגדיגע בענקשאַפט דורכ-גענומען... דאָס אידיש-בלאַסע געזיכט איז נאָך בלאַסער און אידישער געוואָרען און דאָס בלאָנדע רונדע בערדעל איז איצט

אנטקעגען די שטעהענדיגע שטראַלען פון דער זון נאָך העלער געוואָרען, כמעט דעמזעלבען קאָליר, ווי דאָס געזיכט, באַקומען. די בלויע, ווייכע אויגען האָבען פרום באַוואונדערט גאָט'ס קאַלטע וועלט, ווי ער וואָלט עס דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען געזעהן, ווי ער וואָלט זיך פּלוצים אין אַ נייער אומבאַקאַנטער סביבה דערבליקט... דאָס הארץ איז אַזוי ווייך געווען, אַזוי רעליגיעז געשטימט, אַז ער האָט שוין אפילו אָהן פאַרדרוס געקאָנט קוקען אויף דעם שילד פון זיין קאָנקורענט, וואָס האָט זיך פּונקט איהם אַנטקעגען אַ באַקאַליי־קראָם געעפענט.

דוד האָט אויפגעמאַכט די לאָדען; געבריהט האָבען איהם אין די הענט די קאַלטע אייזענס, געקלעפּט זיך צו די וואַרימע פינגער, ווי פון אַ קלעפּיגער פליסיגקייט געשמירט.

זעהט אויס, אַז דוד האָט זיך אַביסעל אינדרויסען פאַרזאַמט, ווייל ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, זיינען אַלע, חוץ רבקה'ן, געווען אויף די פיס. דער קליינער מאָטעלע איז אין איין העמדעל געזעסען אַנטקעגען לאָך פון הרובע. דאָס העמ־דעל אַריבערגעצויגען איבער די טריט, געציטערט דערפון, וואָס איהם איז געווען קאַלט אין פליַיצעלע און געשמייכעלט, וואָס פון פאָרענט האָט איהם דאָס פייער אַזוי וואַויל געוואַרעמט. דינה'לע איז געשטאַנען ביים טיש אַנטקעגען שפּיגעל אין די שיך־און־זעקעלאך, אין אַ קורץ אונטערשטע קליידעלע, וואָס האָט אויסגעזעהן אַרום איהרע פיסעלאך, ווי אַ שירעמעל, און האָט זיך מיט די נאַקעטע, פאַרגליווערטע, פולע הענטלאך, מיט אַ גרויסען שוואַרצען קאַם (דער מוהמע'ס קאַם) צוקעמט די בלאָנדע לעקעלאך... רייזעל איז געווען אין קיך, און פון דאָרט האָט זיך געלאָזט הערען איהר האַרט־שטאָלענער קול.

— די מוהמע שלאָפט נאָך? — האָט דוד געפרעגט ביי דער קליינער, און געפרעגט האָט ער עס, ערשטענס, צוליב דעם, וואָס רייזעל האָט דאָרט אין קיך געשריען, און, צווייטענס, דאַריבער, ווייל ער האָט געוואָלט וויסען, צי האָט ער גוט געטאָן, וואָס ער האָט אַ הר לאָדען ניט געעפענט...

— ניין, זי ליגט אַזוי! — האָט דינה׳לע מיט אַ פאַרשלאָ־פען קול׳כעל געענטפערט.

ווען רייזעל איז אַריינגעקומען אין קורצען מילטענעם רויטען הינטער־ראָק און מיט אַ נאַסען פּנים, האָט זי דוד פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. מאָדנע עפּעס איז זי איהם אינגאַנצען אויסגעקומען; ווייט און פרעמד, ווי ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל ביי זיך אין שטוב דערזעהן, און רייזעל האָט, אָראָפּכאַפּענדיג דעם האַנדטוך פון דער וואַנט, ביי־זלאַך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? — האָסט מיך ניט דער־קענט? און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבען: וואָס דרעהסטו זיך אַרום אַזוי ווי אַ נעכטיגער? וואָס עפענסטו ניט די קלייט?

— און אַ ווייז געבענדיג מיט׳ן פינגער אַנטקעגען, צום קאָנטור־רענט: — אודאי, יענער זיצט שוין מן הסתם אַ פּאָר שעה אין געהאַקטע וואונדען...

— ווי דו עפענסט נאָר די אויגען, אַזוי עפענסטו דאָס מויל!

— האָט דוד שטיל, אָבער מיט עקעל געזאָגט, און זי האָט מיט כעס געענטפערט:

— איידער זיך אַרומצודרעהען איז אפשר ניט גלייכער דאָס קינד אָנטאָן? עס זיצט דאָך נעבאַך אַ נאַקעטע און ציטערט.

ער האָט אַ פּיל באַדייטענדען קוק אויפ׳ן קינד געוואָרפען, דערמאָנענדיג זיך אין חלום, און עס צוגערופען צו זיך...

דאָס דינסטמיידעל איז אַריינגעלאָפען מיט אַ קאָכיגען סאַ־מאָוואַר, לאָזענדיג נאָך זיך אַ גלאַנציג טייכעלע אויף דער רויטער פּאָדלאָגע, פון וועלכען עס האָט זיך איבער דעם גאַנצען וועג גע־צויגען אַ פּאַרע. זי האָט איהם אַ שטעל געטאָן אויף דער מע־שענער טאַץ, וואָס איז שוין געשטאַנען צוגעגרייט אויפ׳ן טיש, און דערביי האָבען אַלע גלעזער, וואָס זיינען צוזאַמען געשטאַנען, געמאַכט אַ גלעזערנעם געוואַלד.

מ׳איז געזעסען און געטרונקען טיי, פון די מיילער, גלעזער און שאָלען און פּונ׳ם סאַמאָוואַר האָט געגעבעלט אַ פּאַרע, וואָס האָט זיך דוקא בולט געוויזען אַנטקעגען דער זון, וואָס האָט בשעת

מעשה געמאָלט ליכטיגע, פאַרגאָלדעטע קעסטעלאַך אויפ'ן טיש און דער פאָדלאָגע. אַלע פיר, די גרעסטע און די קלענסטע, וואָרעם אָנגעטאָן און מיט קאַלטען וואַסער אָרומגעוואַשען — האָט זיך געפיהלט אויף זיי די פריהמאָרגענדיגע פרישקייט. רייזעל און דוד האָבען שטיל און אומעטיג געשוויגען. דער לעצטער האָט לאַנגזאַם געטרונקען די טיי, און פון צייט צו צייט פאַרלאָפען מיט אַ קוק אויף רייזלען, און זי אויף איהם, און קענטיג איז געווען אַז זיי האָבען פון עפּעס צו ריידען, נאָר עפּעס אַזעלכעס וואָס איז שוין גלייכער צו שווייגען. און ביידע האָבען געגאַרט צו האָבען רבקה'ן ביים טיש און גלייכצייטיג זיינען ביידע געווען צופרידען, וואָס זי איז נישטאָ...

דוד איז אין דעם פריהמאָרגען אויסערגעוועהנליך צאַרט געוועזען צו די קינדער: האָט פון ביידען קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט, זיי געגלעט און אויף זייערע קינדערשע פראַגען באַלד און גערן געענטפערט; געענטפערט אפילו דעם קליינעם אויף דער פראַגע:

— טאַטע, פאַרוואָס האָסטו אַ באָרד און די מאַמע נישט?

דוד האָט זיך צושמייכעלט און געזאָגט: אַזוי האָט גאָט באַשאַפען; אַ טאַטע דאַרף האָבען אַ באָרד און אַ מאַמע ניט.

רייזעל האָט איילענדיג אויסגעזופּט די טיי פון שאָלכעל און איז אַריינגעלאָפען אין קלייט. אין עטליכע מינוט אָרום האָט זיך רבקה אויף דער שוועל פון עס־שטוב באַוויזען, האָט מיט אַ לייכטען נייג „גוט־מאָרגען" געזאָגט דוד'ן, נאָר דוד האָט ניט געהערט, איהם האָט זיך פּשוט פאַרדרעהט דער קאָפּ, זי דערזעהענדיג... עפּעס האָט זי זיך איהם אין חלום צונויפגעפלאָכטען מיט'ן „געשטאָרבענעם" ברודער און עס איז אַלץ געוואָרען אַזוי נעבעלדיג און שרעקענדיג. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם טוט זיך, ער האָט נאָר געפיהלט, אַז זי, רבקה שטעהט אַנטקעגען. ער האָט זי געפיהלט, נאָר ניט געזעהן, אפילו ניט געקאָנט קוקען אין איהר זייט אַריין, פּשוט מורא געהאַט די אויגען אויפצוהייבען. ענג איז פאַר איהם די שטוב געווען. וואָס האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט — וואָס וויל זי פון איהם?... וואָס וויל

זי?... ער פּיהלט איהרע שטעכעדיגע בליקען... וואָס איז אזעל־כעס? פאר וואָס? און זי שטעהט דאָך! אין מוח קייקעלט זיך, דרעהט זיך, דראַפּעט זיך די נאַכט, די פאַרגאַנגענע נאַכט, דער חלום, אין וועלכען ער קאָן זיך ניט פאַנאַנדערקלייבען, וואָס אייגענטליך איז אין איהם שרעקליכער... און דאָס גנב'ענען זיך צו איהר אין צימער, און צולעצט דער פריהמאָרגען...

און רבקה איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער שוועל. איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט פאַרדרוס: דוד האָט איהר אויף'ן „גוט מאָרגען" נישט געענטפערט! אזוי גלאַנצען אָפט די אויגען ביי עלטערע קינדער, ווען עס גלוסט זיך זיי וויינען, אויפשטעהענ־דיג פון שלאָף, און זיי שעמען זיך... דאָס געזיכט איז געוועזן לייד־דענשאַפטליך בלאַס, און דעריבער האָט זי אויסגעזעהן נאָך צאַר־טער און יונגער...

„אפשר האָט ער, דוד, נישט געהערט דעם „גוט־מאָרגען", האָט זי געטראַכט. ניין, ער וויל איהר פשוט נישט ענטפערען. אָט וויל ער אפילו אין איהר זייט נישט קוקען... ניין, דאָס איז שוין שרעק־ליך. אזוי ווייט איז עס שוין דערגאַנגען, אז מען וויל איהר שוין פשוט און גלאַט אוי פאיהר „גוט־מאָרגען" ניט ענטפערען...

א טייוולאָניש שמייכעלע האָט זיך אויף דעם ווייבעל'ס קורצע דיקע ליפּען צוגאָסען: וואָס טוט זיך דאָס מיט איהם? דאָס האַרץ קלאַפּט אויף אַרויסצושפּרינגען.

— אָט דאָס הייסט אַן אמת'ער מענש! — האָט רבקה פּלוצים היסטעריש אויסגערופען. — ער האָט מיר אפילו אויף'ן „גוט־מאָר־גען" נישט געענטפערט...

פינסטער איז געוואָרען דוד'ן אין מח און ווען עס איז אין איהם צוריק ליכטיג געוואָרען, איז געבליבען אַן איינדרוק, אז ער איז נאָר־וואָס אין אַ טיפען אָפּגרונט געפאַלען... דאָס האַרץ האָט שטום־וועהטאָגדיג געשניטען און געוואָלט האָט ער זיך עפּעס פאַר־ענטפערען, עפּעס זאָגען, נאָר ער איז זיך שטיל, שטיל געזעסען, געזעסען און געגליווערט, און רבקה איז שוין דאָרט ביי זיך אין צימער מיט'ן געזיכט אין קישען געלעגען און געהערט האָבען זיך

איהרע פארשטיקטע קולות. דינה'לע האט זיך געלאזט לויפען צו דער מוהמען, נאר דוד האט זי מיט א האנט אין דער לופט אפגע־שטעלט און קוים־קוים אויסגערעדט:

— רוף בעסער די מאמע...

---

## זעקסטער קאפיטעל.

פון חיים'ען איז אנגעקומען א דריטער בריף, א „זאקאזנאי" מיט א „פיקטשער". עס איז איהם גאר נישט געווען צו דער־קענען, אט דעם חיים'ען: אהן א בארד, אהן וואנצען. דער בריף איז שוין גארנישט געווען קיין פארגלייך מיט די ערשטע צוויי בריף; ער פארדינט שוין דארט געלד, חיים. א „פעדלער" איז ער און האפט צו גאט, אז מיט דער צייט, ווען ער וועט זיך נאר אויסלער־נען ענגליש רעדען, וועט ער גאר גוט פארדינען.

וואס געהער דאס אפגעגאלטער בארד — דאס האט ער גע־מוזט, ווייל מען איז איהם נאכגעלאפען אין די גאסען. נאר דאס וויכטיגסטע אין בריף איז געווען, וואס חיים האט צוגעזאגט, אז אי"ה נאך פסח שיקט ער ארויס רבקה'ן א שיפס־קארטע. דאס איז פאר אלע דריי זעהר וויכטיג געווען.

רבקה איז אין יענעם טאג, וואס דער בריף איז אנגעקומען, געווען אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנט. זי האט געלאכט, גע־שטיפט און צעהן מאל אויף דער מינוט באטראכט דאס בילד, וואס האט אהן דער באָרד אויסגעזעהן אויף א גאנץ צעהנדליג יאהרען איינגער. זי האט איבער'ן טאג א פאר מאל געביטען די בלוזקע־לאך און עטליכע מאל אנטקעגען שפיגעל צעווארפען די האר און זיי פארקעמט. די אויגען האבען געגלאנצט פאר גליק און איבער דער גאנצער שטוב האט זיך איהר יום־טוב געפיהלט. ניין, פאר דעם ווייבעל איז ווינציג געווען, וואס ביי איהר אליין איז יום־טוב; זי האט באדארפט, ארום איהר זאל זיך עס אויך פיהלען. זי האט אומעטום דעם שטויב ארומגעווישט, האט די קינדער די קעפלאך געוואשען און זיי אויסגעפוצט. און וואס האט זי אין יענעם

טאָג נישט אָפּגעטאָן, אָט דאָס שטיפּעריש וויבעל ! זי האָט אַלץ געטאָן, וואָס איהר איז נאָר אין קאָפּ אריינגעפאַלען.

צו פּסח איז נאָך אָבער גאַנצע צוויי חדשים געבליבען... דוד האָט דעריבער געטראַכט. די צוויי חדשים זיינען איבער געניג, דאָס ווייבעל זאָל איהם פון זינען אראָפּפיהרען... ניין, ביי איהם איז דאָס שוין גאָר קיין יום־טוב נישט געווען... איהם איז געוואָרען אומעטיג און חושך אויף דער נשמה... די שטוב — א גיהנום, און ער האָט אין גיהנום געברענט. דאָס הארץ זיינס — אויף הייסע קויהלען געלעגען.

דוד האָט זיך מיט דעם בריף נישט געפּרעהט. פרייד וואָלט ער געהאַט, ווען דאָס, וואָס דער ברודער זאָגט־צו דער שוועגערין אויף נאָך פּסח, וואָלט געשעהן שוין. און א שלעכטען איינדרוק האָט נאָך אויף איהם געמאַכט דער ברודער מיט דער געגאָלטער מאָרדע... ער האָט פּשוט נישט געקענט קוקען אויפ'ן בילד... פרעמד איז עס איהם דאָס בילד... פרעמד דער ברודער, וואָס איז שוין אין אמעריקע... האָט זיך אָבער א נאָגענדע בענקשאַפט דערוועקט נאָך יענעם ברודער, וואָס דער ברודער איז איהם פרעמד געוואָרען, האָט ער א וועהטאָגדיגע אייפערזוכט צום ברודער דערשפּירט...

דעמזעלבען טאָג איז דוד'ן איינגעפאַלען, אז לענגער קאָן שוין דאָ די שוועגערין ביי איהם ניט בלייבען, כאָטש ער האָט גע־וואוסט, אז זי האָט ניט וואוהין צו פאָהרען און אויך געוואוסט, אז זי וואָלט שוין לאַנג אַליין אוועקגעפאָהרען, וואָלט זי נאָר געהאַט וואוהין. און דאָך האָט עס אַנדערש ניט געקאָנט זיין ; ער האָט וועגען איהר ניט געקאָנט טראַכטען, פיהלענדיג, ווי ער פארלירט זיך... עפּעס האָט זי געהאַט געוואָלט אין יענעם פריהמאָרגען אוועק־פאָהרען צו איהר ברודער, און ער ווייסט ניט, פארוואָס זי איז דאָ געבליבען... צי האָט זי זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אז זי האָט איהם שלעכט פארשטאַנען ? יאָ ! דאָס וואָלט טויזענט מאָל ערגער געווען פאר איהם... ניין, דאָס טאָר זי אויף קיין פאַל ניט וויסען. גלייכער, זי זאָל מיינען, אז ער פארגינט איהר ניט זיין שטיקעל ברויט... גלייכער... דאָס טאָר זי אויף קיין פאַל ניט וויסען...

דוד איז געווען בלאַס און צוטראָגען. עס האָט איהם געפּי־בערט פונ'ם געדאַנק, טאָמער האָט זיך רבקה אָנגעשטויסען... ניין, ער וועט איהר באַווייזען, אַז ס'איז ניט דאָס... פּשוט, ער וויל זי אַזוי דאָ ביי זיך אין שטוב נישט האַלטען... גאַנץ פאַרשטענד־ליך — ער איז קיין גביר נישט... וועט עס יעדערער פאַרשטעהן: אָפּגעהאַלטען זעקס חדשים, מעהר קאָן ער ניט... ער וועט פּשוט זאָגען, ער וויל זי דאָ מעהר ניט האַלטען... ער האָט געמיינט, אויף צוויי־דריי חדשים, אָבער אויף זיבען־אַכט?...

ס'איז נאָך געווען האַלבער טאָג, ווען ער איז אַוועקגעגאַנ־גען אין שוהל דאַווענען מנחה. ער האָט פּשוט געוואָלט אַוועקגעהן פון שטוב. אין בית־המדרש איז קיינער ניט געווען; בלויז גבריאל דער שמש איז געלעגען אויף אַ באַנק נעבען דער הרובע און געשלאָפען, און יוסף דער מוכר־ספרים'ניק, וואָס קומט צוויי־דריי מאָל אין יאָהר אין שטעדטעל און צולעגט זיך מיט זיין סחורה אויפ'ן לאַנגען טיש. אַליין זיצט ער און רויכערט איין ציגאַר נאָכ'ן אַנדערען אין גרויסען טשערעטענעם ציגאַרען־שפּיץ, אָדער ער דרעהט זיך אַרום איבער'ן בית־המדרש און רייבט זיך דעם שטערן.

— שלום עליכם! — האָט דוד געזאָגט, געבענדיג איהם די האַנט.

— עליכם שלום! — האָט דער מוכר ספרים'ניק געענטפערט.

דוד איז צוגעשטאַנען צום טיש און אָנגעהויבען באַטראַכטען די סחורה, און דערמאָנט האָט עס איהם אין די קינדערשע יאָהרען, ווען דערזעלבער יוסיל, וואָס איז שוין, אייגענטליך, אַ זקן, נאָר האַלט זיך נאָך יונג און מונטער, האָט זיך אויף דעם זעלבען טיש צולעגט מיט דערזעלביגער סחורה און ער, דוד, פלעגט דאָ אָפּזיצען שעה'ען־לאַנג און טאַפּען און גלעטען די קליינינקע, פּיצינקע סידורים'לאַך ביז יוסיל פלעגט איהם אַרויסיאָגען פון בית־המדרש...
אָ, איצט וועט איהם שוין יוסיל גאָרנישט זאָגען, ער האָט זיך צו־שמייכעלט פונ'ם געדאַנק און, האַלטענדיג אַ קליין „שיר־שבתה'לע" אין די הענט, געזאָגט:

— איהר געדענקט, ר׳ יוסיל, ווי איהר פלעגט מיך אַרוים־טרייבען פון שוהל, ווי איהר פלעגט מיר, דרעהענדיג די אויערען, מאַכען אַ שלשלת ?

— נו, פאַרוואָס זאָל איך דאָס ניט געדענקען, און פון וואָס איז דאָ בכלל פאַראַן צו רעדען !

ער איז זעהר אַן ערנסטער, אָט־דער יוסיל. אָט, אַ מעשה פון גזלנים, פון מתים וועט ער מיט פאַרגעניגען אויסהערען, און קאָן אַליין אויך דערצעהלען.

זיי האָבען זיך אוועקגעשטעלט ביי דער צווייטער הרובע און זיך געוואַרימט. נאָר עפּעס איז דאָרט געווען ניט היימליך פון די פיל שאָטענס, וואָס זיינען איבער׳ן גאַנצען בית־המדרש געווען צולעגט פון די שטענדערס און פון די פיר דיקע באַלעמער־זיילען. ניט היימליך איז אויך געווען פון די צופיל פענסטער און דערפון, וואָס די הרובעס זיינען געווען שטאַרק הייס און אין בית־המדרש איז געווען קאַלט. עס איז געווען טונקעל, שטיל און אומעטיג, און אַלץ האָט ווי אויסגעזעהן וואַכעדיג און אָרים.

— דערצעהלט עפּעס אַ מעשה, — האָט דוד געבעטען ביי רב יוסיל׳ען.

יוסיל איז דווקא אַ איד אַ שתקן, נאָר אַ מעשה דערצעהלען — אַך, מיט פאַרגעניגען ! נאָר פריהער מוז ער זיך אַ ציגאַר מאַכען, אויסקלאַפּען דעם פאַרברוינטען ציגאַרען־שפּיץ, איינשטעקען דעם ציגאַר און פאַררויכערען.

— הער !... די מעשה האָב איך נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט דערצעהלט, און אויב אפילו יאָ, זאָלסטו מיר אין מיטען ניט איבערשלאָגען... די מעשה האָט מיט מיר אַליין געטראָפען, ס׳הייסט, ניט מיט מיר אַליין, נאָר איך בין געווען דערביי... ס׳איז שוין אין דעם אַן ערך... אַ יאָהר פערציג, און אפשר טאַקע אַריבער פערציג יאָהר... מיר זיינען געפאָהרען אויף אַ חתונה. דער חתן איז גע־ווען מיינער אַ געשוועסטער־קינד, אַ צאַצקע אַ יונגערמאַן. צוויי פוהרען זיינען מיר געפאָהרען : אין איין פוהר דער חתן מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, אין דער צווייטער — איך מיט

מיינע טאטע־מאמע און נאך א פאר איינענע. עס איז געווען נאך פורים. אין דרויסען האט שוין געלאזט, מען האט נאך געקאנט פאהרען מיט א שליטען און מען האט שוין געקאנט פאהרען מיט א וואגען. אזא מין וועג איז דאס געווען, איז טאקע דער חתן געפאהרען אויף א וואגען און מיר — אויף א שליטען. באדארפט האבען מיר אריבערפאהרען דעם הארין. דו ווייסט דאך דעם הארין; דאס איז א טיפער ברייטער טייך און טראגט מיט א שווארץ יאהר. מיר, אידען, ווייסען דאך גארנישט. פרעגט מען ביי די גויים, טאקע ביי יענע, וואס האבען אונז געפיהרט: „מאזשנא פערעיע־כאט?" זאגען זיי: „א, שטשא יאק!" און מאכען זיך א געלעכ־טערעל פון די „זשידקעס". אז א גוי זאגט, מן הסתם ווייס ער. שמייסען זיי די פערד, און די רעדער קאטשען זיך שוין אויפ'ן אייז; מיר, הייסט עס, אינ'ם שליטען, פאהרען זיי נאך. און ווען מיר זיינען שוין געווען העכער דעם העלפט טייך אריבערגע־פאהרען, פלוצים — א טראסק, א שפאלט, און די הינטערשטע רע־דער זיינען רגע כמאמרא פארזונקען געווארען אין וואסער. איך ווייס עד היום ניט, וואס אזוינס איז דעמאלט געשעהן, ווי אזוי אלע זיינען געבליבען אויפ'ן וואגען און ווי אזוי דער חתן איז פלוצים ניט געבליבען. און איך ווייס עד היום ניט אויף וואס פריהער צו חדוש'ן זיך. מילא, דארף איך דיר ניט לאנג מאריך זיין, וואס פאר א יללה ס'האט זיך אויפגעהויבען, נאר דאס איז ביי מיר ניט דער עיקר המעשה; די מעשה קומט ערשט! איך וועל דא דערצעהלען, וואס פאר א מין זאקליאטע אידען מיר האבען אמאל געהאט, איך מיין טאקע דעם פעטער מיינעם, דעם חתנ'ס פא־טער ע"ה. ער איז שוין אויך אויף דער אמת'ער וועלט. ער האט נאר אפגעטאן א קליינינקייט: „שאט, רבותים! האט ער אויס־גערופען, ווען מיר זיינען נאס און פארגליווערט אריבערגעפאהרען אויף יענעם זייט טייך, — שאט! — האט ער א געשריי געטאן, — מיר פאהרען אויף א חתונה! מיר פאהרען חתונה מאכען דעם זיהן אונזערען, אויב ניט יענעם, איז דעם. מען זעהט, אז דאס איז מן השמים, אז דאס איז ניט געווען קיין זווג. דער אויבערשטער

האָט רחמנות געהאט אויף אַ אידישע טאָכטער. ניט געוואָלט זי פאַרוויסטען, צו לאָזען אַן אַלמנה. ער, ברוך הוא, איז אַ גרויסער בעל־רחמים. לאָמיר אויפהויבען די הענט צו איהם און דאַנקען פאַר'ן חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט דער פרומער אידישער טאָכטער!" וואָס טויג דיר — איך וועל עס מאַכען בקיצור.

אַלע זיינען פאַרפאָהרען אין אַן אכסניא און זיך איבערגעטאָן, ווער וואָס ס'האָט געהאַט און געהייסען שטעלען דעם גרויסען סאַמאָ־וואַר, און באַלד האָט דער מחותן, דער פעטער מיינער, אַוועקגע־שטעלט אַ גרויסע פלאַש בראַנפען אַזיפּ'ן טיש, מיט לעקאַך, מיט שטרודעל, און האָט געהייסען, ממש באַפּוילען, אַלע זאָלען טרינקען, אַ סך טרינקען. און געשיקט האָט ער רופען דעם מחותן. אַריינגערופען אין אַ באַזונדערען אַלקיר, אויסדערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה, אַרויסגעקומען צוריק פאַרוויינטע, נאָר אָבער, הייסט עס, ניט פאַרקלאָגט, און מען האָט געשריבען נייע תנאים און ס'איז געווען אַ חתונה. מיינסט אַ טרויעריגע? — איך האָב נאָך זינט איך לעב אַזאַ פרעהליכע חתונה ניט געזעהן. מען האָט איבער־געקערט די שטוב, ביז'ן גאַרטעל האָט מען זיך געבאָדען אין בראַנפען...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט אַ שטאַרקען ציה געטאָן דאָס ציגאַר און אַרויסגעלאָזט אַ געדיכטען רויך. אין בית־המדרש איז געווען שטיל, שטיל און אונהיימליך. אַלץ איז געווען אין גרויען אומעט פאַרהילט. די שאָטענס פון די שטענדערס און פון די פיר נאַרישע זיילען זיינען געדיכטער געוואָרען. קענטיג, די נאַכט האָט אָנגעהויבען צופאַלען און דאָס האָבען פריהער פון אַלץ די שאָטענס דערשפּירט.

דוד איז געשטאַנען אַ פאַרזונקענער. פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען דאָס שרעקליכע בילד. און, מערקווירדיג, וואָס דאָס איז אַזוי צוגעפּאַסט צו זיין איצטיגען צושטאַנד... זיין באָדען איז ניט פעסטער געווען פון יענעם אייז, אויף וועלכען די מחותנים מיט'ן חתן זיינען געפאָהרען... ער פיהלט, ווי ער, דער באָדען,

שפּאַלט זיך אונטער איהם, און אָט־אָט, אַ ליאַדע מינוט, געהט ער אונטער.

— אי־אי־אי! — האָט יוסיל דער מוכר־ספרים׳ניק אָפּגע־זיפצט — חבל על דאבדין, ניטאָ היינט אַזעלכע אידען, ניטאָ אַזאַ אמונה אין גאָט ברוך הוא!...

פון דעם אי־אי האָט זיך גבריאל דער שמש אויפגעכאַפּט און זיך ווילד מיט זיינע אַלטע, נאַסע אויגלאַך אַרומגעקוקט און, דער־זעהענדיג דוד׳ן, האָט ער פלינק די פיס פון באַנק אַראָפּגעוואָרפען, האָט אויסגעצויגען שטאַרצענדיג די הענט אין דער לופטען און געפרעגט:

— ס׳איז שוין נאַכט?

אפשר האָט ער, ווייל ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, באַמערקט, אַז די נאַכט פאַלט־צו.

— זעהט אוים! — האָט דער מוכר־ספרים׳ניק געענט־פערט.

דוד האָט זיך געוואונדערט, וואָס יענער פרעגט עפּעס אַזאַ פשוט׳ע זאַך, און וואָס דער ענטפערט... ער איז אַזוי ווייט גע־ווען פון דעם פשוט׳ען וואָכענדיגען לעבען און פון געוועהנליכע ווערטער... עפּעס האָט ער געגאַרט, עפּעס האָט ער ערוואַרטעט און מאָמענטענווייז געגלויבט, אַז דאָ אין מקום־קדוש איז דער אָרט, וואו ער קאָן אויף איהם וואַרטען. אי דאָס, אי יענעס, איז געווען אַזוי אונקלאָר און אונבאַשטימט.

ניין, ער האָט ניט געוואוסט, וואָס איהם איז אָין וואָס ער וויל. געהענדיג אהערצו, האָט ער געמיינט, ער וועט זיך דאָ מיאַ־כען דאָס מקום־מקלט, וועט פון איהר אַנטלויפען. אָבער ניין, דאָ איז זי אויך מיט איהם, זי טרעט ניט אָפּ אויף אַ רגע... זי איז געוואָרען פאַר איהם אַן עיגול, אַ פייערדיג ראָד, וואָס בליצט מיט פאַרשידענע פאַרבען, רייצענדיגע פאַרבען, און ער קאָן פון דעם ראָד ניט אַרויסשפּרינגען...

ס׳איז אַריינגעקומען זעליע, אַ קליין אידעל, מיט אַ גרויסער באָרד, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ פאַרשטעלט אינגעל, געוואַשען

די הענט ביים כיור און אויפ׳ן קול געזאָגט „אשר יצר״, נאָכדעם מיט אַן אויקען און קרעכצען זיך אָװעקגעשטעלט ביי דער הרובע און געזאָגט:

— זעהט אוים, אַז מיר װעלען היינט קיין מנין ניט האָבען!...

אין עטליכע מינוט אַרום נאָך זעליע׳ם אַריינקומען האָט זיך דערהערט, ווי אימיצער פּאָרקעט זיך ביי דער טיר. גבריאל האָט געעפענט, און ס׳איז אַריינגעקומען דינה׳לע, פּאַרוויקעלט אין אַ שאַל, פון וועלכען ס׳האָט נאָר דאָס פּנים׳ל איהרס אַרויסגעקוקט. דוד איז מיט האַסטיגע טריט איהר אַנטקעגענגעגאַנגען און געפרעגט:

— וואָס איז?

די קליינע האָט באַמערקט, אַז ער האָט זיך דערשראָקען און איהם אַ ווײלע פאַרשעמט אָנגעקוקט, נאָכהער אַרויסגענומען פון אונטער דער שאַל צוויי גרויסע סטעאַרינאָװע ליכט און געזאָגט:

— די מוהמע האָט דיך געבעטען, זאָלסט אָנצינדען די ליכט, זי האָט יאָהרצייט נאָכ׳ן זיידען.

— נאָך וואָסער זיידען? — האָט דוד פאַרוואונדערט געפרעגט.

— נאָך דער מוהמע׳ס טאַטען! — האָט דינה׳לע געזאָגט מיט אַ העכערען טאָן, וואונדערנדיג זיך ווי קומט עס, וואָס דער פאָטער ווייסט ניט, ווער איהר זיידע איז.

— נו, גבריאל! — האָט דוד געזאָגט צום שמש, — איהר מוזט צונויפשלעפּען אַ מנין, מיר האָבען אַ יאָהרצייט.

און ס׳איז געוואָרען אַ מנין. דוד האָט געדאַוונט פאַר׳ן עמוד, וואו עס האָבען געברענט דער שווערגערינס ליכט, און געדאַוונט האָט ער אַזוי פרום, אַזוי האַרציג, מיט אַזאַ צובראָכען געמיט, אַז ער האָט ביי אַלעמען די הערצער גערירט און אַלע האָבען פרום געדאַוונט, ווי נאָך אַ תענית.

נאָכ׳ן דאַוונען האָבען דוד׳ן אַ פּאָר אידען באַמערקט, וואָס ער זעהט אוים אַזוי בלייך, גלייך ער וואָלט, באַהיט גאָט, ערשט

ניט לאנג פון א קרענק ארוים... זיי האבען עס שוין לאנג באַ־מערקט, און באזונדערס איצט נאָכ'ן דאַוונען. ער איז עפּעס, חלילה, ניט געזונד? ניין? וואָס דען איז איהם? עס מערקט זיך, אז מיט איהם איז עפּעס.

אויף מאָרגען האָט זיך דוד פּאַרטאָג אויפגעכאַפּט. עפּעס האָט ער געדענקט, אז ער דאַרף פאַר פריה געהן אין שוהל אריין, און געצויגען האָט איהם דאָס מאָל אין שוהל אריין עפּעס אנדערש ווי אלע טאָג. ער איז עפּעס געווען מאָדנע געשטימט, עפּעס א שווערמיטיגע, רעליגיעזע שטימונג האָט דאָס הארץ זיינס גע־פּרעסט, פּונקט א פרומער איד אין א יאָהרצייט טאָג. די שווע־גערין זיינע האָט יאָהרצייט, און ער האָט געמיינט, אז ער דאַרף פאַר פריה געהן אין שוהל אריין, אז ער מוז דוקא דאַוונען פאַר'ן עמוד, וואו ס'ברענען דער שווערגערינס ליכט.

רייזעל האָט באמערקט, אז ער איז איהר עפּעס כאַפּענדיג און איילענדיג, האָט זי עס איהם געפרעגט: וואָס, וואוהין איילט ער זיך אזוי? און ער האָט געענטפערט, אז ער איילט זיך ניט, אז ס'דאכט זיך איהר נאָר אז ער איילט זיך...

— איך וועל דיך ניט לאָזען היינט געהן אין שוהל אריין,

— האָט זי מיט א הארטער אנטשלאָסענקייט געזאָגט, אויפמערק־זאם באטראכטענדיג איהם.

— . . . פאַר וואָס? — האָט ער מבולבל א פרעג געטאָן, און געטראכט: א סברא?... ווי אזוי... ניין דאָס קאָן ניט זיין...

און רייזעל האָט איהם ניט געקאָנט זאָגען פאַר וואָס... ס'איז גענוג געווען א קוק צו טאָן אויף זיין פּנים. זי האָט עס איהם אָבער ניט געקאָנט זאָגען, ווייל זי האָט זיך אליין געוואָלט איבער אָן אומבאוואוסטער סיבה איינריידען, אז איהם איז גאָר־ניט, אז איהר דאכט זיך נאָר, אז ס'איז איהם עפּעס און גע־וואָלט האָט זי זיך דאָס איינריידען דערפאַר, ווייל זי האָט גע־שפּירט, אז מיט איהר מאן קומט פאַר עפּעס זעהר ערנסטעס.

זיי זיינען געשטאַנען א פּאָר מינוט אין מיט'ן שטוב נאָהענט

איינס אַנטקעגען דעם צווייטען און שטום זיך איבערגוואָרפען מיט בליקען. צולעצט האָט ער זי פּאַמעליכקע אָנגענומען ביים עלענבויגען, האָט זי אַריינגעפיהרט אין שלאָפצימער און, זיך אומקוקענדיג אַהין, פון וואַנען ער איז נאָר וואס ארויסגעגאנגען, האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס! ?...

אַ שטייפיג־שטעבעדיגע קעלט האָט זיך איבער איהר קער־פּער צוגאָסען, און זי האָט אויך אַ פּרעג געטאָן:

— וואָס! ?...

דוד האָט פעסט צוגעמאכט די טיר, צוגעפיהרט רייזלען צום פענסטער, און געזאָגט:

— הער, רייזעל!...

— ... נו ?...

— ... איך וויל, זי זאָל אַוועקפאָהרען פון דאַנען.

— רבקה — האָט רייזעל פאַרוואונדערט געפרעגט.

— ווער דען? — האָט ער פאַרדראָסיג אַ ברום געטאָן.

— גאָט איז מיט דיר, וואָס רעדסטו?... וואס עפּעס פּלוצ־לינג?... ווי אַזוי טרייבט מען אַרויס אַ מענשען פון שטוב!

ער האָט אַוועקגעלייגט די רעכטע האַנט אויף די אויגען און זיי שטאַרק איינגעדריקט, און, גלייך ווי ער וואָלט איהרע ווער־טער ניט געהערט, אַ ברום געטאָן:

— זאָג איהר, זי זאָל אַוועקפאָהרען פון דאַנען!

— ווער, איך? — האָט רייזעל אויסגערופען אַוועקלייגענ־דיג אַ האַנט אויפ׳ן הארצען, — איך זאָל זאָגען? איך וועל מיר בעסער דעם קאָפּ לאָזען אָפּהאַקען און כ׳וועל עס איהר ניט זאָגען... אויב דו ווילסט — איך וועל דיר נישט פאַרוועהרען, נאָר איך?...

— גוואַלד, וואָס רעדסטו אַזוי פיל! — האָט ער זי אין מיטען איבערגעשלאָגען, שטייף מאַכענדיג די אויגען און האַל־טענדיג די האַנט אויפ׳ן שטערען. און שפּעטער אַ ווײַלע איז גע־ווען צו באַמערקען, ווי דאָס בלאַסע געזיכט איז עפּעס אויפגע־

פרישטער, מוטיגער געוואָרען, און ער האָט גוטמוטיג צוגעגעבען:
— יאָ, יא, ביזט גערעכט, מען קאָן טאקע נישט!... — ער האָט געעפענט די אויגען און פאַרטראַכט זיך, פאַרקוקט זיך אין אַן אונבאַשטימטער ריכטונג.

— פון מיינעטוועגען, אויב דו ווילסט עס אזוי שטאַרק, — האָט רייזעל געזאָגט, נאָך אַ לאַנגער פויזע, — אויב דו ווילסט טאקע, קען איך איהר זאָגען.

— וואָס זאָגען? — האָט ער פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט, וואָס? — האָט זי פאַרוואונדערט געפרעגט.

— געה דיר, איך בעט דיך, אוועק פון מיר, — האָט ער מיט אַ ליידענשאפטליך קול געזאָגט, — לאָז מיך געמאך; דו זעהסט נישט, קוים וואָס איך לעב.

און ערשט איצט האָט זיך רייזעל מישב געווען פרעגען, וואָס איהם איז.

דער ווינטערדיגער פריהמאָרגען האָט זיך שוין ברייט מיט זיין גאַנצער אומעטיגער גרויקייט אין שטוב צולעגט. ס'איז שוין לאַנג אויסגעלאָשען געוואָרען, וואו עס האָט ערגעץ אַ פייער'ל געברענט, און אויסגעלאָשען האָט מען זיי נישט, ווייל ס'איז ליכטיג געווען, נאָר ווייל מיט זיי איז געווען נישט טאָג, נישט נאַכט, ניט ליכטיג און נישט פינסטער. און אַז מען האָט זיי אויסגעלאָשען, די פייערלאך, איז עפּעס אָויך אי ליכטיגער, אי פינסטערער געוואָרען.

פון צייט צו צייט האָט זיך געלאָזט הערען דאָס סקריפּען פון שליטענס אויפ'ן אויסגעריבענעם גלאַנציגען וועג; דאָס האָבען גוים האָליץ צום מארק געפיהרט, אריבערגעפיהרט פון יענער זייט טייך די הויפענס היי, וואָס זיינען נאָך פון זומער אויף די לוגען געלעגען, — הויכע, אָנגעטאָפּעוועטע שליטענס, אַז מען האָט זיי, די שליטענס, נישט ארויסגעזעהן, און געדאכט האָט זיך, אַז עס שלעפּען זיך בערג היי איבער דער ערד, און די פערד, וואָס האָבען די בערג היי געשלעפּט, האָבען אויסגעזעהן אזוי קליין. פון צייט צו צייט האָט זיך אַ אידישע בהמה פאַר־גנב'עט

און א שלעפ געטאָן א ביסעל היי, געכאַפּט א בייטש איבער'ן רוקען און אָפּגעשטאַנען. און דאָס אַלץ האָט דערמאָנט, אז אמאָל איז זומער געוועזן און איצט איז ווינטער, און ער האָט שוין זיין מיטעלצייט דערגרייכט, און דעריבער איז ער אזוי שטארק און פעסט, אזוי רוהיג און סאָליד.

אין א פּאָר מינוט ארום נאָך רייזעל'ס אוועקגעהן האָט זיך פון דרויסען קולות דערהערט.

דוד איז באַלד ארויסגעלאָפען און דערזעהן, ווי רייזעל און דער קאָנקורענט שטעהען אין מיטען גאַס און שלעפּען א גוי, זי פון איין זייט, יענער פון דער צווייטער זייט, און יעדער איינ־ציגער וויל איהם אריינשלעפּען צו זיך. און דערביי שילט רייזעל דעם קאָנקורענט מיט טויטע קללות, בייזערט זיך אופ'ן ערל דער־פאַר, וואס ער באווייזט נישט זיין גוי'שע גבורה אנטקעגען אידען און רייסט זיך נישט ארויס פון איהם.

ארום זיי איז שוין געשטאַנען א גאַנץ רעדעל מענער, ווייבער און קינדער און וואָליע דער סאָלדאַט, וואָס איז פול אויף אַלע חתונות. ער איז אויך געשטאַנען צווישען עולם מיט'ן בע־רעזען שטעקעלע אונטער'ן ארעם און זיך געוועדטעלט.

דוד איז זיך פאַמעליך ארויסגעגאַנגען און האָט פעסט אָנגע־נומען רייזלען ביים שווארצען דיקען וואַטירטען עלענבויגען און געבעטען, זי זאָל אָפּלאָזען דעם גוי און ארייננגעהן אין שטוב. און דאָס האָט יענעם, דעם קאָנקורענט, אביסעל אָפּגעשוואַכט און רייזלען נאָך מעהר דערצאָרנט און א דאַנק דעם איז זי ביים גוי געבליבען.

— אך, טראַסטיא וואַשאַ מאַטערי! — האָט דער פויער מיט א גוטמוטיגען שמייכעל געזאָגט, זיך באַפרייענדיג פון'ם אידען און פון רייזלען; ער איז א ווייַלע געשטאַנען און ניט געוואוסט, אין וועלכער קראָם אריינצוגעהן, און רייזעל האָט שוין, זעהט אויס, אין דעם קונה איינגאַנצען פאַרגעסען. זי איז געשטאַנען און זיך גע'קללה'ט מיט'ן „סיבירניק", ווי זי האָט איהם א נאָמען געגעבען.

און דוד איז מיט'ן פויער אריין צו זיך אין קראָם.

רבקה איז די גאנצע צייט געשטאנען אין קראם, געקוקט אין דרויסען און איינגעהאלטעןביידע וויינענדיגע צאפּלענדיגע קינדער ביי די הענטלאך, וואס האבען זיך געריסען אין דרויסען ארוים. און ווען דוד האט נאר די שוועל פון קראם אריבערגעטראטען, האט ער באמערקט אויף זיך א פּאר גוטע, ליבע אויגען, וואס האבען געלייכטען מיט א פריינדליך שמייכעלע. דוד'ס פּנים האט אנגע־הויבען שיינען, ווי א פּאפּירענער לאמטערן, ווען מען שטעלט אין איהם אריין א ברענענדיג ליכט... צווישען באָרד און וואנצען האט זיך אן איינגעהאלטען גליקזעליג שמייכעלע צוגאסען.

— געהט אריין אין שטוב! — האט זי גוטמוטיג באפוילען, זעהענדיג, ווי ער שטעהט א צומישטער. — געהט אריין, איך וועל איהם שוין דא ענטפערען.

זי האט משלח געווען דאס קליינע פּארעל, פלינק זיך ארונ־טערגעכאפּט הינטער דער כטאַיקע און ער, דוד, איז נאך אלץ גע־שטאנען, און רבקה האט ניט אראפּגענומען קיין אויג פון איהם, האט זיך פון צייט צו צייט מיט זיינעם א בליק באגעגענט, א מאדנער בליק, א פרעהליכער, א גלאנציגער און א צומישטער...

זי האט געענטפערט דעם קונה, געלד גענומען, רעשט געגעבען

— און דוד שטעהט נאך אלץ!

— דוד?

— ???...

רייזעל איז נאך אלץ געשטאנען אין דרויסען און געפלוכט.

---

## זיבעטער קאפּיטעל.

שוין דאס צווייטע מאל באהערשט רבקה'ן אן אומעטיג־נעבעל־דיגער געדאנק, אז זי דארף אוועקפאהרען פון דאנען. זי וואלט נאך געווען ביים ערשטען מאל געפאהרען, ווען זי וואלט געהאט וואוהין... זי האט אפילו א ברודער, וואוינט ער, ערשטענס, זעהר ווייט, עס דארף קאסטען א ים הוצאות, און, צווייטענס, וועט זי זיכער דארט לאנג ניט קאנען בלייבען: דער ברודער האט א סך

קינדער און איז דערצו קיין גביר ניט. זי וואָלט געקאָנט דאָרט אָפּזיצען אַ פּאָר וואָכען — און דערנאָך?... ניין, איהר וואָלט נישט געפּאַסט צו קומען צוריק אַהערצו... צוויי וואָכען? — ווער נויטיגט זיך עס אין איהר צוויי־וואָכעדיגען אָפּשייד?... ניין, זי ווייסט פּשוט ניט, וואָס מיט דעם דוד'ן קומט פאָר... זי פיהלט נאָר, אַז זי דאַרף אוועקפאָהרען, און וויל זי זיך באַטראַכטען, פאַר־וואָס זי דאַרף אוועקפאָהרען, ווערט פאַרטעמפּט דאָס געפיהל און זי הויבט אָן צו צווייפלען, צי באַדאַרף זי גאָר אינגאַנצען פאָהרען!... ניין, טראַכטען איז ניט געווען ווענען וואָס: זי האָט זיך באַדאַרפט אונטערגעבען איהר פרויען־אינסטינקט, זי האָט נאָר געפיהלט, אַז זי באַדאַרף עס טאָן, כל זמן זי האָט דערפון ניט געטראַכט. און רייזלען זעהט זי מיט יעדען טאָג טרויעריגער, שווייגענדיגער, און האָט אַ שאַרפען קלוגען בליק באַקומען. האָט איהר, רבקה'ן, כסדר פאַרשענדיג נאָכגעקוקט און די אויגען האָבען מאָדנע געבליצעלט...

רבקה האָט, ווי ווייט מעגליך, אָנגעהויבען אויסמיידען דוד'ן. זי האָט זיך עפּעס שווער־מוטיג געפיהלט אין זיין געגענוואַרט, באַ־זונדערס, ווען זי איז מיט איהם אַליין געבליבען... איינמאָל איז ער פּלוצים אַריינגעגאַנגען צו איהר אין אַלקיר, גענומען חיים'ס בילד וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טישעל, צוגעשפּאַרט צו אַ לייַ־מענער קאַץ, און האָט, באַטראַכטענדיג, געזאָגט:

— איהר ווייסט, דאָ איז ער גאָרניט עהנליך צו מיר, — ווען איך זעה די קאַרטע ערגעץ אַנדערש, וואָלט איך איהם ניט דער־קענט...

רבקה האָט נאָך דאַן, ווען זי האָט דאָס בילד באַקומען, באַ־מערקט, אַז דוד'ן געפעלט עס נישט. איצט אָבער האָט ער עס כמעט ווי אַרויסגעזאָגט, און ווייל איהר איז דאָס בילד שטאַרק גע־פעלען, האָט זי זיך געדויטעלט און שעמעווד־יג צוגעשמייבעלט.

דוד איז אַרויסגעגאַנגען און זי האָט איהם נאָכגעקוקט און געטראַכט: חיים וואָלט אָבער דיך אויך ניט דערקענט, דוד... איהר איז פּשוט שרעקליך געווען צו קוקען אויף זיינע איינגעפאַ־לענע אויגען און אויפ'ן גלאַנציג־פיבעריש פּייערעל, וואָס האָט אין

זיי אַרומגעבלאָנדזשעט. זי האָט דאָס בילד אונטער'ן קישען באַהאַלטען און מעהר דאָס נישט געשטעלט אויפ'ן טיש.

אין יענעם טאָג, ווען דוד האָט דאָס בילד באַטראַכט, איז ער באַזונדערס נערוועז געווען. יעדער קלאַפּ, יעדער געשריי האָט איהם אויפגערעגט. רבקה האָט אַ גאַנצען טאָג געהאַלטען מאַטעלען נעבען זיך און ניט געלאָזט איהם שטיפען. דינה'לע האָט אַליין שכל געהאַט און זיך געהאַלטען שטיל, באַמערקענדיג, ווי דער טאַטע קאָן קיין רעש ניט ליידען. און אין דעמזעלבען טאָג האָט רבקה געזאָגט צו רייזלען:

— איהר ווייסט, רייזעל, איך וואָלט זיך געוואָלט אביסעל דורכפאָהרען צו־גאַסט צום ברודער!...

וואָלט זי עס געזאָגט מיט אַן אַנדער טאָן, וואָלט רייזעל זיכער געמיינט, אַז דוד האָט איהר געהייסען אַוועקפאָהרען און זי וואָלט זי דערפון ניט אָפּגעהאַלטען. נאָר אַז איהר האָט זיך גלאַט פאַרגלוסט אָפּפאָהרען, דאַרף מען זי אָפּרעדען.

— אָט האָסטו דיר פּלוצים אַ פאָהרעכטס! וואוהין וועט איהר פאָהרען, וואוהין? איהר וועט שוין פאָהרען, איידער איהר וועט אַוועקפאָהרען קיין אַמעריקאַ?

אין הארצען האָט רייזעל געוואָלט, זי זאָל אַוועקפאָהרען. זי האָט נאָר געוואָלט באַווייזען איידעלקייט — און ווייטער, ווי אַזוי זי פאַרשטעהט.

רייזעל האָט באַלד טראַנספערירט דאָס נייעס צו דוד'ן.

דוד איז בלאַסליך געוואָרען, און שטיל, מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט, געפרעגט:

— האָסט איהר געזאָגט?

— חלילה, זי האָט מיר אַליין געזאָגט.

— זי האָט דיר אַליין געזאָגט, אַז זי וויל אַוועקפאָהרען? ריכטיג?

— זאָל איך אַזוי זיין אַ מאַמע צו מיינע קינדער, — איך וועל איהר געהן זאָגען, זי זאָל אַוועקפאָהרען? ווען דו נעמסט מיר אפילו דעם קאָפּ אראָפּ, וואָלט איך איהר אויך ניט געזאָגט.

דוד'ן איז דערפון ניט לייכטער און ניט שווערער געוואָרען. נאָך א לאַנגער פויזע האָט ער געפרעגט:

— און דו האָסט מן הסתם געשוויגען?

רייזעל איז אויף איהם אָנגעפאַלען:

— ער מיינט, דער גאַנצער שכל איז ביי איהם!... וואָס הייסט איך האָב געשוויגען?... איך האָב געבעטען, זי זאָל בלייבען...

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר דוד האָט זי איבער־געשלאָגען:

— אוי, גוואַלד, וואָס רעדסטו אזוי פיל!

אזוי נערוועז איז ער שוין געווען, אז ער האָט קיין איבעריג וואָרט ניט געקאָנט פאַרלײדען.

רייזעל, פון געדולד אַרויס, האָט זיך אָנגענומען פאַר ביידע באַקען און אויסגעשריען:

— גוואַלד! וואָס וויל דער מענש פון מיר האָבען? — איך קאָן שוין פון איהם ניט אויסהאַלטען... געה דיר ערגעץ, פאָהר דיר ערגעץ, וואָס טאַרטשעסטו כסדר אין שטוב?... א דאַנק גאָט, דעם עול פון פרנסה אַראָפּגעוואָרפען, איך מאַרדעווע זיך גאַנצע טעג, האָב ניט קיין טאָג און קיין נאַכט. ניט גענוג?... דאַרף איך נאָך ליידען די משוגעת'ן זיינע.

דערהערט די גוואַלדען, איז רבקה אַריינגעלאָפען מיט מאָטע־לען אויף די הענט, און רייזעל האָט היסטעריש אויסגעשריען:

— רבקה מאַמע! רבקה קרוין! איך וועל עס ניט אויס־האַלטען פון איהם... משוגע וועל איך ווערען!

דוד איז געשטאַנען ווי א פאַר'משפּט'ער, מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטען קאָפּ און נאַכלעסיגע הענט, וואָס ער האָט ניט געוואוסט, וואו זיי אהינצוטאָן. די אויגען האָבען געבלאָנדזשעט ווי ביי א חיה, ווען מ'פּאַקט זי פּלוצים אין א שטייג אריין. דינה'לע האָט געהאַלטען פּעסט אַרומגענומען רבקה'ן ביי די פיס, האָט געקוקט אייף דער מאַמען, אויפ'ן טאַטען, און זיך געטוליעט צו דער מוהמען און געציטערט. און רבקה האָט געשוויגען. זי האָט ניט געפרעגט, פון וואָס רייזעל וועט ניט אויסהאַלטען און פון וואָס זי וועט משוגע

ו:ערען. זי איז געווען קאַלך־בלאַס, געגליוועוערט האָבען ביי איהר הענט און פיס און איבער עפּעס אומבאַוואוסטעס, נאָר שאַרף שנייי־דענדעס, האָט זי ניט געקאָנט קוקען רייזלען אין די אויגען אריין... דאָס נעבעלדיגע טעמפּע געפיהל איז איצט לויטער און שאַרף גע־וואָרען און האָט דאָס הארץ געשניטען. זי איז געשטאַנען אַ צו־מישטע, זי האָט שוין איצט גאַרנישט געוואוסט, וואָס צו טאָן און דערביי געשפּירט, אַז זי מוז עפּעס טאָן... אַז זי דאַרף אָדער אוועקפאָהרען, אָדער בלייבען... אי דאָס, אי יענס האָט איצט איין באַדייטונג באַקומען... וועןביידע זאַכען וואָלטען צוזאַמען מעגליך געווען, וואָלט זי באַדאַרפט בלייבען און אוועקפאָהרען... זי האָט געשפּירט, אַז מיט איינעם פון דיביידע קאָן זי דאָ אימי־צען אַ טובה טאָן, נאָר וועמען — איז פאַר איהר קלאָר ניט געווען...

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַ ווייבעל באַוויזען פאַר די אויגען. קיינער האָט ניט געהערט, ווי זי איז אריינגעקומען. אַ פּעקעלע שוועבעלאַך האָט דאָס ווייבעל געוואָלט...

ס'איז געווען פאַר פּורים.

אין פיל שטיבער האָט מען שוין געטראַכט און געהערט ווע־גען דעם פרעהליכען יום־טוב. איינעם און אַ צווייטען איז שוין אפילו אריינגעפאַלען אַ פּסוק פון דער מגילה אין מ:יל אריין און אין דרויכען האָבען אָפטער און אָפטער אָנגעהויבען צו בלאָזען שטאַרקע, עסענדיג־פוילע ווינטען. איבער'ן הימעל זיינען גאַנצע נעכט און טעג געדיכטע גרויע וואָלקענס געפלויגען, וואָלקענס, וואָס האָבען געקאָנט ברענגען אי שניי, אי רעגען. שוואַרץ, מרה־שחורה'דיג איז די וועלט געוואָרען. אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין דרויסען, איז געווען שוואַרץ און פּוסט און אויסגעזעהן האָט אַלעם נאַריש און קעמפּ.

אין איין עק שטעדטעל איז זיך שטאַלץ דער הויכער, שטענדיג ווייסער קלויסטער געשטאַנען און ער, דער קלויסטער, האָט שוין פון אַלעמען און פון אַלץ חוזק'דיג געשמייכעלט, און ווי פאַר־שעמטע זיינען אַנטקעגען דעם קלויסטער געשטאַנען די אידישע הייזער מיט די גרויסע פענסטער און צו'הרג'עט, צוטראָטען און

שווארץ האָט זיך פאַר זיי פאַרצויגען דער ברייטער שליאַך, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג אַזוי געגלאַנצט און געסקריפּעט אונטער די גרויסע פויערשע שליטענס.

די לופט איז געווען אַזאַ גרויע, אַזאַ טונקעלע, אַז מ'האָט קוים אָנגעזעהן דעם רויך פון די קוימענס און געהייצט האָט מען שוין דוקא אין אַזעלכע טעג מעהר, ווי אין די גרויסע פרעסט, באַזונדערס אין יענע הייזער, וואָס זיינען פריי געשטאַנען. דאָרט האָט מען זיך שוין גאָר דערהייצען ניט געקענט. איינע פון אַזעלכע שטיבער איז געווען דוד'ס. זי האָט נאָהענט אַרום זיך קיין שטיבער ניט געהאַט און דערפאַר איז דאָרט געווען אַזוי קאַלט, אַזוי לופטיג, ווי די ווענט און די סטעליע וואָלטען פון לייוווענט געווען.

אין איינעם פון אַזעלכע טעג איז דוד אין בעט, פון ביינאַכט, געבליבען ליגען און געזאָגט צו רייזלען:

— ווערסט מיר היינט לאָזען אַביסעל לענגער ליגען אין בעט...

ניט פאַרשטענדליך, פאַרוואָס רייזעל האָט געמיינט, אַז זי מוז זיך מאַכען ניט־ווויסענדיג, אַז דוד איז קראַנק און דערפאַר האָט זי מיט אַ געמאַכטער קאַלטבלוטיגקייט אויסגעהערט דאָס, וואָס זי האָט שוין לענגער נעבעלדיג ערוואַרט...

— ... נו־נו... אַך! — האָט זי געזאָגט — רוה זיך טאַקע אויס אַביסעל... הלואי וואָלט איך עס געקאָנט אויספיהרען!

דוד איז תמיד אויפגעשטאַנען פריהער פאַר אַלעמען. דערביבער האָט ער, דער מאַנסביל, וואָס איז היינט שפּעטער פאַר די פרויען און קינדער געבליבען ליגען, — אַן אומעט אָנגעוואָרפען.

דער לאָדען אין שלאָף־צימער איז געבליבען פאַרמאַכט און געווען איז דאָרט ניט פינסטער און ניט ליכטיג. מ'האָט געזעהן אַליץ, וואָס מ'האָט באַדאַרפט זעהן, און ניט געזעהן דאָס, וואָס מ'האָט ניט געדאַרפט... דער ווינט האָט געריסען דעם לאָדען און פון צייט צו צייט זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַנג־יאָמערדיגען פייף, ווי ער וואָלט אימיצען אָדער זיך אַליין באַקלאָגט.

דינה׳לע איז אריינגעלאָפען אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, און האָט זיך אריינגעכאפּט צום טאַטען אין בעט.

— האָסט ליב די מוהמען? — האָט ער געפרעגט, גלעטענדיג איהר פריש, ראָז פּנים׳על.

— זעהר! — האָט דאָס קינד היציג געענטפערט מיט אַ פרעהליך פייערעל אין די גרויסע ליכטיג־בלויע אויגען.

— האָסט זי טאַקע שטאַרק ליב?

— שטאַרק! שטאַרק! — האָט דינה׳לע געענטפערט.

— און זי דיך?

— אויך! — האָט זי גדלות׳דיג אויסגערופען.

— האָסט די מוהמען בעסער ליב פאַר׳ן טאַטען?

דאָס קינד האָט געשוויגען.

— און פון דער מאַמען?

— איך האָב אייך אַלע ליב! — האָט זיך די קליינע אויס־געדרעהט.

אין עטליכע מינוט ארום איז רבקה אריינגעפאַלען מיט צוזאַ־וואָרפענע האָר, טאַסקענדיג דעם קליינעם מאַטעלען אונטער די הענטלאך, אַ שרייענדיגען, אַ צאַפּלענדיגען און, אַוועקזעצענדיג איהם ביים פאָטער אין בעט, מיט אַ בייזערעל געזאָגט:

— אַ, דו קליינער קאַנאַריק, וועסט ביי מיר זיצען, און ניט רייסען די מאַמען פאַר דער פּאַלע, — און אין אַ ווייל־לע ארום גע־פרעגט ביי דוד׳ן:

— וואָס איז אייך, איהר זייט עפּעס ניט געזונט?

זי האָט איהם ארויסגעלייגט אַ האַנט אויפ׳ן שטערן. דוד׳ן האָט דורכגענומען אַ ציטער. זי האָט לאַנג אַזוי געהאַלטען די האַנט און צונעמענדיג געזאָגט:

— דער קאָפּ איז ניט הייס, — און גלייך האָט זי דאָס צי־מער פאַרלאָזט.

— טאָכטערעל, שטעה אויף, טו זיך אָן, — האָט ער אין אַ ווייל־לע ארום, נאָך רבקה׳ס ארויסגעהן, געזאָגט צו דינה׳לען. — ער האָט זיך עפּעס באַליידיגט פון רבקה׳ן דערשפּירט. און דעריבער

געהייסען דינה׳לען אַרויסגעהן פון בעט, דעריבער האָט ער מאַטעלען אַרונטערגענומען. מאַטעלע האָט זיך געפיהלט באַליידיגט פון רבקה׳ן. ער האָט איהם איינגעשטילט און באַרוהיגט.

דוד איז געלעגען, געהאַלטען מאַטעלען מיט איין האַנד אַרום און אַליין מיט שטאַרצע אויגען אין פענסטער געקוקט. ער האָט געטראַכט וועגען אַ קליינינגקייט. פאַרוואָס האָט מען ביי איהם ניט געעפּענט דאָס לאָדען?...

— שטעה אויף, זוהנעניו, געה טו זיך אָן, געה זאָג מינצע׳ן, זי זאָל דיך אָנטאָן.

דוד האָט געוואָלט בלייבען אַליין. איז ער שוין געבליבען ליגען אין בעט, האָט ער געוואָלט בלייבען אַליין מיט זיך און זיך אויסהערען, וואָס איהם איז אַזעלכעס. גלייכצייטיג איז ער אָבער געווען צופרידען, וואָס דער קליינער ליגט נעבען איהם. ער האָט מורא געהאַט אַליין צו בלייבען, אַליין מיט זיינע געדאַנקען. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט בלייבען אַליין, וועט איהם „אימי־צער" עפּעס זאָגען, אַזעלכעס זאָגען, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער ניט געוואוסט, און דאָס געזאָגטע וועט זיין שרעקליך.

דאָס שטוב־מיידעל איז אַריינגעקומען פאַרבעטען דאָס בעט, רייזעל׳ס בעט, נאָר דוד האָט זי אָפּגעהאַלטען, זאָל זי צוואוואַרטען. ער וועט באַלד אויפשטעהן, וועט זי ביידע בעטען צוקלייבען.

דוד איז אָבער ניט „באַלד", ניט שפּעטער, נאָר איז דעם גאַנצען טאָג אָפּגעלעגען.

און ס׳איז עפּעס געווען אַ מאָדנער טאָג: די שוועגערינס האָבען וועגען דעם, וואָס איז אין בעט געבליבען ליגען, קיין וואָרט ניט גערעדט און בכלל האָבען זיך ביידע געפּליסט וואָס ווינציגער צו טרעפען זיך... ביידע זיינען אין דעם טאָג עפּעס איבערגע־טריבען שטאַרק פאַרנומען געווען, כאָטש פאַר׳ן קראַנקען האָט מען גאָרניט געטאָן.

די קינדער האָבען זיך מעהר ווי תמיד געהאַלטען ביינאַנד, האָבען קיינעם ניט דערקוטשעט און אַליין זיך ניט געשפּילט... זיי האָבען זיך געפיהלט אַזוי איינזאַם און פרעמד מיט די „גרויסע",

וואָס זיינען היינט אזוי אומעטיג און קאַלט צו זיי, צו די קינדער, און ס'האָט געשפּירט דאָס קליינע האַרץ, אויפ'ן קינדערשען אופן געשפּירט, אַז דאָס אַלץ האָט עפּעס אַ צוזאַמענבונד מיט'ן פאַר־מאַכטען לאַדען, מיט'ן טונקעלען צימער און מיט'ן טאַטען, וואָס ליגט דאָרט אין בעט און שווייגט.

מ'האָט געקאָכט וואַרמעס און געגעסען. בכלל האָבען רייזעל מיט רבקה'ן געוואָלט, אַז דער טאָג דאַרף זיין אַ טאָג, ווי אַלע טעג... מ'האָט גענאַרט איינס דאָס אַנדערע און ביידע האָבען קלאָר נישט געוואוסט נאָכוואָס זיי טוען עס, ווער באַדאַרף עס און פאַר וועמען איז עס נוציג, מ'האָט אַ פאַלשען טאָג דורכגעלעבט.

און דער ווינט האָט אַלע לאָדענס געריסען, סיי די אָפענע, סיי די פאַרמאַכטע און זיך אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט אין אַ לאַנגען יאָמערדיגען פייף פאַרגאַנגען, און געווען איז אין שטוב אַזוי קאַלט, אַזוי לופטיג און געדאַכט האָט זיך, אַז די ווענט זיינען אַזעלכע דינע, אַזעלכע לייכטע!...

רייזעל האָט פריהער ווי אַלע טאָג, און דער עיקר פריהער פאַר'ן קאָנקורענט, פאַרמאַכט די קראָם און האָט זיך אָוועקגעזעצט אַ פאַרזאָרגטע, נאָר כלומרשט אַ מידע; נאָר האָט נישט לאַנג אויס־געהאַלטען איהר ראָליע, אויסשיסענדיג מיט אַ יאָמערליך געוויין.

דוד איז אויף מאָרגען אויפגעשטאַנען פון בעט, נאָר פרעה־ליכער איז דערפון קיינעם נישט געוואָרען, ווייל ער האָט נישט אויסגעזעהן בעסער ווי נעכטען און אויף די פראַגעס: „ווי פיהלסטו זיך?" „ווי פיהלט איהר זיך?" — האָט ער געענטפערט מיט אַ שטילען אומעטיגען „עט"... וואָלט דוד אָפּגעלעגען אַ פּאָר טעג קראַנק, וואָלטען זיי, דאָס ווייב און די שוועגערין, מעהר צוטרויען צו זיין אויפשטעהן געהאַט...

רייזעל האָט זיך שוין לאַנג געקליבען פאָהרען נאָך סחורה, נאָר דוד האָט איהר אַזוי דעם קאָפּ פאַרדרעהט, אַז זי האָט דאָס אָפּגעלעגט פון וואָך צו וואָך, פון טאָג צו טאָג. איז אָבער שוין איצט אָפּלעגען די נסיעה אוממעגליך געווען, ווייל די קראָם האָט זיך שוין פּשוט אויסגעליידיגט און דערצו רוקט זיך נאָך אונטער

יום־טוב. ביי איהר, ביי רייזלען, ווי ביי אַלע פאַרהאָרעוועטע מענ־שען, זיינען 5־4 וואָכען געווען אַ גאַרניט און ווי ביי אַלע קרעמער, האָט פאַר פורים געהייסען שוין פאַר פסח. אַ חוץ דעם האָבען זי געשראָקען די פאַר־פסח'דיגע בלאָטעס, ווען עס איז שווער פון באַהן אין שטאָדט די סחורה צו פיהרען און שכר עגלה קאָסט יקרות.

עס איז געווען אַן אומבאַשטימט וועטער, נישט קאַלט, נישט וואַרים, און געדאַכט האָט זיך, אַז נאָך די ווינטען איז דער אינ־דרויסען פאַרטראַכט געבליבען: וואָס דאַרף איצט זיין, וואַרים, צי קאַלט?... דער הימעל איז אַלץ נאָך מיט וואָלקענס געווען פאַרגאָסען, נאָר פון צייט צו צייט איז אי' מיטען אַ לאָך געוואָרען און עס האָט זיך באַוויזען אַ ווייס שטיקעל הימעל, אַ גרוס, אַז ער לעבט נאָך.

רייזעל האָט אַריינגעוואָרפען אין בוזים אַ דיקען בייטעל מיט געלד און האָט זיך אָנגעפּעלצט, פאַרוויקעלט און פאַרבונדען, האָט מיט נאַסע אויגען זיך געזעגענט מיט דוד'ן, מיט רבקה'ן, אָנגעקושט די קינדער, זיך קוים אַרויסגערוקט דורך דער סוכה־טיר אין דרוי־סען און דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף איהר שמחה'לע בעל־עגלה, מיט זיינע צוויי פוילע בולאַנער, אַזעלכע פוילע, אַז ביז ער האָט ניט געטאָן אַ טשמאָק צו זיי האָט מען נישט געהערט, צי זיי האָבען גלעקער אויף די העלזער...

פאַרנאַכט האָט זיך אויסגעלייטערט. פון מזרח האָט אַ קאַלט פראָסטיג ווינטעל אָנגעהויבען צו בלאָזען און די שטיקער שניי, וואָס זיינען נאָך וואו־ניט־וואו ביי די זייטען געבליבען, האָבען ווי אויפגעלעבט, זיינען פרישער און ווייסער געוואָרען.

די זון האָט זיך באַוויזען און געהאַט אַזאַ אויסזעהן, ווי נאָר־וואָס פון אַ קרענק אויפגעשטאַנען, אַזוי בלאַס און אַזוי שוואַך האָט זי געלויכטען און געוואַרימט.

רבקה האָט פריה פאַרשפאַרט די קראָם, פריהער ווי אַלע אָוונד געגעבען די וועטשערע און פריה געמאַכט נאַכט. דאָס האָט זי אַלץ געטאָן צוליב דוד'ן, דוד זאָל געהן רוהען; האָט זי איהם אַליין געבעטען, און וויל דאָס דינסט־מיידעל וואָלט עס נישט גע־

מאכט אזוי באקוועם. די צוויי קינדער האט זי געלעגט אין רייזעל'ס בעט. דינה'לע האט זיך אפילו געקרימט, נאר אזוי האט רבקה געמוזט טאן, ווארים מאטעלע האט אליין מורא געהאט צו שלאפען און עס וואלט אויסגעקומען איהם צו באלעגען מיט'ן פאטער און דאס וועט דעם פאטער שטערען די רוה. אליין האט זי זיך געלעגט אויף איהר ארט, נאר פריהער, איידער זי איז געגאנגען שלאפען, האט זי ווי א געניטע ווירטין באקוקט די שפייכלערס, ארומגעטאפט די טירען און שלעסער און, זאגענדיג דוד'ן און די קינדער „א גוטע נאכט" איז זי מיט א צופרידענהייט געגאנגען צו זיך אין צימער, צוקעמט די האר, פארדרעהט א קובליק, איהם ארומגעשטאכען פון אלע זייטען מיט האר־נאדלען און האט זיך א מידע געווארפען אין בעט, טראכטענדיג פון איהר מאן, פונ'ם מאן מיט דער געגאלטער בארד און וואנצען, וואס איז אביסעל פרעמדער, דערפאר ליבער און אנציהענדער געווארען...

---

דוד האט געטראכט פון רייזלען... געטראכט פון דעם, וואס געפאהרען נאך סחורה איז זי, נישט ער. געטראכט פון די קינדער, וואס שלאפען דא, און פון רבקה'ן, וואס שלאפט דארט... דאס הארץ זיינס האט אומרוהיג געקלאפט, געפיהלט, ווי אן עלטער־קינד, ווען אלע צופאהרען זיך און מען לאזט דאס אליין אין שטוב, און עס האט מורא אליין צו זיין און עס פרעהט זיך, וואס עס איז אליין געבליבען...

א האלבע שעה געטראכט און טראכטענדיג אנגעהויבען צו דרימלען. די אויגען האבען זיך פארמאכט און די געדאנקען מיט א לייכטען נעבעל זיך איבערגעצויגען. דאך פלוצים האט אימיצער אין פארשלאפענעם פינסטערען מוח א טליהענדיגע קויהל ארייגעווארפען: „דו וועסט היינטיגע נאכט נישט שלאפען"... דוד האט ברייט געעפענט די אויגען און דערשפירט זיך אזוי ניכטער, ווי עס וואלט שוין נאך דער נאכט געוועז און געשטאנען איז אין ווינקעל מוח א געדאנק און איינטאניג פלייסיג גע'חזר'ט: רייזעל איז נישטא, די קינדער ליגען דא, רבקה דארט...

און געטראַכט האָט ער פון מינוט צו מינוט אַלץ שנעלער און קירצער: „רבקה איז דאָרט!"... „איז דאָרט!"... און עפּעס אַ מין טייוועל, אַ טייוועל, וואָס לאָקערט שוין לאַנג נאָך זיין נשמה, וואָס האָט איהם געמאַכט פאַר אוים בעל־הבית איבער איהר, דער טייוועל מישט איהם דאָס בלוט, טרייבט איהם אַן אַ גאַנצע מחנה שרים אין מח און זיי הוליען דאָרט: „רבקה איז דאָרט!" — „רבקה איז דאָרט!" — רייצט זיך אַ גיהנום־פייער, ברענט און לעשט זיך נישט אוים און אין מיטען שטעהט ווי דער סנה רבקה. אַ הוילע שטעהט זי, מיט בר‌ייט־צעוואָרפענע האָר איבער דער נאַקעטער פּלייצע און שמייכעלט צו איהם אזוי שטיל און תאוה׳דיג...

די נאַכט איז געוועזן שוין טיף אין זיך, ווייט פונ׳ם טאָג, וואָס איז געוועזן פאַר איהר און נאָך ווייטער צום טאָג, וואָס וועט זיין נאָך איהר... די נאַכט איז פאַר זיך שוין אַ נאַכט געוועזן, פאַר זיך שטיל און געהיים... געפיהלט האָט זיך, אז דאָרט ביי די לאָדען שטעהט זי, די נאַכט מיט איהר גאַנצער פינסטערניש, מיט איהר גאַנצער שטילקייט און די וועגט פון דער אינוועניגסטער זייט שטוב ווייסען, שפּירען, אז פון יענער, פון דער דרויסען־זייט, איז זיי פינסטער, פינסטער און קאַלט און זיי קוקען זיך איין דאָ אין דער טונקעלער ליכטיגקייט פון דעם לאָמפּ, קוקען מיט אַזאַ שטומען טרויער, מיט אַזאַ פאַרהאַרטעוועטער שווייגעניש, ווי זיי וואָלטען געטראַכט: מיר זיינען גאַרנישט שולדיג אין דעם, וואָס פון יענער זייט איז אונז פינסטער און קאַלט און פון דער זייט ליכטיג און וואַרים. מיר זיינען וועגט... שטומע וועגט...

דוד איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. אַ העליש פייער האָט די גאַנצע נשמה זיינע אינ׳ם גאַנצען קערפּער ארומגעכאַפּט און געמיינט האָט ער, אז איהם וועט גרינגער ווערען, נאָר ער האָט באַלד דערשפּירט דעם טעות און האָט מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ זיך צוריק אין בעט אריינגעוואָרפען און ס׳האָט איהם געוואָרפען ווי אין אַ פיבער־קרענק און, אָפּליגענדיג אַ פּאָר מינוט, איינגעדרעהט אין דער קאָלדרע, איז ער ווידער אַראָפּגעשפּרונגען, האָט אריבערגעטראָטען די שוועל צווישען שלאָף־צימער און עס־שטוב

און, דערזעהענדיג דאָרט די היימליך־פינסטערע טיר, האָט ער שוין צוריק נישט געקאָנט געהן און ווי אַ צעהנדליג שדים וואָלטען אויף איהם שטריק פאַרוואָרפען, אַזוי האָט עס איהם געשלעפּט אַהינצו... אַהינצו אין דעם שטילען פינסטערען גן־עדן. ער איז געבליבען שטעהן, אָנהאַלטענדיג זיך מיט ביידע הענד ביי די קאָסיאַקעס פון דער טיר. האָט געסקראָבעט מיט די נעגעל דעם האַלז, און דער קאָפּ מיט'ן האַלז זיינען געווען אויסגעצויגען, דאָס פּנים בלאַס און גרין, די אויגען צופלאַמט ווי ביי אַ געפאַנגענער חיה. — און אָט איז שוין דער צווייטער פוס פון יענער זייט שוועל, נאָר די הענט האַלטען זיך נאָך אָרונטער פון דער זייט טיר, ציטערען און בויגען זיך ביי די עלענבויגענס, און די מוסקולען טאַנצען: אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ — און די בלויע אָדערען האָבען זיך פון דער הויט אָפּערגעריסען...

— גאָטעניו! — האָט ער שטיל שטאַמלענדיג גערופען, פּיהלענדיג ווי דאָס הארץ ווערט איהם שוואַכער און שוואַכער — גאָטעניו, העלף מיר!... הע־ע־עלף — — — —

ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין בעט, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אויסגעשריען:

— ... מיין הארץ!... ראַטעוועט! — — — —

# נאָך איהם.

די לאַנגע איז געווען הילפלאָז: פאַראורטיילט אויף וויניג צו לעבען און אויף לאַנג קראַנק צו זיין... דאָס האָט דער חולה אַליין געוואוסט און ס'האָבען עס געוואוסט ברודער און שוועגעריך, ערשט אַ פּאָר חדשים נאָך דער חתונה.

ווייל דאָס יונגע ווייבעל איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין'ם מאַן, דערפאַר איז ביי איהר דעם מאַנ'ס ברודער טייער געווען. זי האָט נאָך פאַר דער חתונה צוגעזאָגט דעם צוקונפטיגען שוואָגער, אַז זי וועט איהם נאָך דער חתונה איבערנעמען צו זיך אין שטוב. מ'האָט איהם אָפּגעגעבען אַ באַזונדער צימער, אַ צימער אויף קראַנק צו ליגען און אויף צו שטאַרבען. דאָרטען איז אַזוי ריין געווען, ווי אין די איבעריגע צימערען, געשפּאַלירט און געפאַרבט נאָכ'ן געשמאַק פון יונגען פּאָר פאָלק. אַ פרישע דירה פאַר אַ נייע פּאָר פאָלק, פאַר נייע שכנים, וואָס ציהען זיך דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבען צוזאַמען אין איין דירה.

זי איז אַלע פרימאָרגען פון איין ברודער אוועק און צום צווייטען אריינגעגאַנגען; האָט מיט זיך גלאַנץ און גליק פונ'ם ערשטען געבראַכט... אַ נאַכטיגע, אַן אויסגעוואַרימטע פון מאַן איז זי צום שוואָגער געקומען מיט ריין-געוואַשענע הוילע פיס און שטעק-שיך, אין מאָרגען-ראָק און מיט פאַרלייגטע פּאָלעס, מיט פאַרלייגטע הענט און צואַוואָרפענע האָר. ס'האָט געשמעקט פון איהר מיט יוגענד און מיט חתונה, מיט מיידעלשקייט און ווייבליכקייט און מיט נאָך פיל אָנציהענדעס און רייצענדעס. זי האָט דעם קראַנקען אַלע מאָל געטראָפען ליגען מיט אָפענע אויגען, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פון זיין אַליין ליגען אין בעט... אַליין אין אַ צימער, אין איינזאַמקייט, פאַרוואָגעלט, אין אַ לאַנג-

דויערענדער אומהיילבארער קרענק. ער איז געלעגען מיט אָפענע ריינע אויגען, ווי אַלע די מיט פארלענגערטע קראנקהייטען, וואָס זיינען שוין צוגעוואוינט צום בעט און כאַפּען אַ שלאָף ביי טאָג, אַ שלאָף ביי נאכט — אָהן באשטימטע שעהן, אָהן אַ צייט... אָפּגעטיילט פון געוויינליכען לעבען און פון געוויינליכע מענשען, מיט קרענק זיך אָפּגעטיילט פון געזונטע, פון זייער געזונט, אויף לאַנג קראנק צו ליגען און אויף קורצע יאָהרען...

אָנגעהאַלטען מיט ביידע הענט דעם מאָרגען־ראָק, האָט זי זיך אָנגעבויגען איבער'ן בעט און איבער'ן קראנקען און מיט אַ שמייכעל פון איהר גליק און מיט אַ שמייכעל פון פריינדשאַפט געפרעגט ביי איהם וואָס ער מאכט. דער חולה האָט אומגליקלאך געשמייכעלט און פון ברודער'ס גליק געטראַכט און ניט ווילענדיג איז אָפּטמאָל דער בליק זיינער אריינגעפאלען צו דער שוועגעריןאין בוזעם, געזעהן די ראָזע מיידעלשע בריסט מיט די צאַרטע בלויע אָדערלאך, וואָס האָבען זיך מיט בלויקייט איבער ווייסקייט און פוכקעקייט געשלענגעלט און געהאַנגען אין זייער באהאַל־טעניש, באהאַלטען פאר'ן קראנקען, פאר'ן שוואָגער.

ערשט שפּעטער מיט אַ צעהן־פופצעהן מינוט איז אריינ־געקומען דער ברודער אין אונטערשטע וועש און אין שטעק־שיך. מאַן און ווייב, ביידע געזונטע און פרישע, צוזאַמען ביים קראנקען פּרעמדען בעט, האָבען ניט ווילענדיג אויסגעגעבען פון זיך די נאכט, כאָטש ביידע האָבען צווישען זיך און מיט איהם פון איהם און פון זיין קרענק גערעדט. און געזעהן האָט דער חולה, אַז זיי ווילען פאר איהם זייער גליק פארבאהאַלטען און ס'האָט איהם פארדראָסען, וואָס זיי ביידע שמייכלען צו איהם מעהרער ווי איינס צו דאָס אַנדערע.

— נאַראָנים! — האָט ער אָפּט געזאָגט, — וואָס ווילט איהר מיר איינריידען?...

דאָס ווייבעל האָט זיך אויף טאָג און אויף נאכט צוטיילט אויף צווייען, פאר צווייען, פאר אַ געזונטען און פאר אַ קראנקען... דער ערשטער איז אַוועק אויף גאַנצע טעג רוהיג און צופרידען,

וואָס די ווייב בלייבט ניט אליין, וואָס זי בלייבט מיט אזעלכען, וואָס ער קאָן זיין רוהיג און צופרידען... מיט'ן קראַנקען איז עפּעס ווי אונטערגעשטראָכען געוואָרען זיין גליק... ער איז שוין צוגעוואוינט געוואָרען צום ברודער'ס קרענק... ער האָט אויף איהם געקוקט ווי אויף א צייטווייליגען גאַסט, וואָס וועט זיך פון איהם איבערקלייבען אין אַן אַנדער וועלט אריין, און ער וועט זיך בלייבען ווייטער צו לעבען, א נייע וועלט צו בויען...

אָט אזוי האָט זיך עס נעבעלדיג געלאָזט טראַכטען מיט געוויינלאַכען עגאָאיזם פון מענשען, וואָס קאָנען אין זיך, אין אייגען גליק, א צווייטענ'ס אומגליק איינפלעכטען.

מיטאָג־צייט, ווען די זון האָט אריינגעשיינט אין די פענסטער, האָט זיך דער קראַנקער ארויסגעשלעפּט פון בעט. שטעהענדיג אויף די פיס, האָט איהם די שטוב איינגאַנצען אַנדערש אויס־געזעהן, און ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט כאַפּען, אין וואָס דער „אַנדערש" באַשטעהט, און אין דעם ניט באַגרייפענדען געפיהל געשפּירט דעם אונטערשייד פון א געזונטען ביז א קראַנקען. ווי א שיכור איבערגעגאַנגען איינמאָל און א צווייטען מאָל איבער דער שטוב, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט ביי א פענסטער, באַטראַכט „לעבען" און „געזונט", וואָס האָט געשטראָמט אין דרויסען און איינמאָל אזוי א זאָג געטאָן צו זיין שוועגערין:

— איהר קענט שוין מיר ריידען א שידוך!...

דאָס ווייבעל האָט באַקומען א געלעגענהייט פאַלש צו זיין, האָט מיט געלעכטער דאָס גאַנצע יונג, געזונט לעבען איהר באַוויזען, און איהם אויפגעגעבען א שידוך מיט א שעהן מיידעל, פון די שענסטע, וואָס זי קען.

ער איז געוואָרען ערנסט און געכאַפּט א פליג, אריינגענומען די פליגעלאַך צווישען צוויי פינגער, האָט ער א לענגערע צייט באַטראַכט די האָר־פיסלאַך, וואָס האָבען זיך בויגענדיג געוואָרפען, און א קוק געטאָן, האָט ער געזאָגט:

— איז עס ניט קיין פאַרדרוס, וואָס אָט דאָס נפש האָט מעהר צו לעבען ווי אָט די גרויסע שווערע משא פון פלייש און

ביינער?... אָט די פליג קאָן דאָך מיך זיכער ניט אָפּמעסטען מיט איהרע אויגעלאך... זי קאָן ניט זעהן ווי גרויס איך בין...

***

איין פרימאָרגען איז די שוועגערין אריינגעקומען צו איהם מיט אַן אנדער שטימונג, מיט אַ נייעם, אינגאַנצען אומבאַקאַנטען שמייכעלע. ווי אַ קינד, וואָס נעמט ערנסט צונויף דאָס שפּילצייג נאָכ'ן שפּילען, ווי עס וואָלט זיך שוין מעהר אין דעם ניט גענויטיגט, אַזאַ מין ערנסט האָט זיך אין דער יונגער ווייבעל געשפּירט. זי האָט מיט וויינציגער אויפגעלעגענקייט אָבער מיט מעהר איבערגעבענהייט אויסגעפרעגט ביים קראַנקען דאָס, וואָס זי האָט אַלע פרימאָרגען געפרעגט, און נאָכדעם איז דער ברודער אריינגעקומען, אויך מיט אַ נייעם אויסדרוק אויפ'ן פּנים. דער קראַנקער האָט דערקענט אַז צווישען דעם פאַר־פאָלק איז עפּעס אַ נייעס געשעהן... נייעס, וואָס איז אַלט ווי דאָס לעבען, און דאָך ביי יעדעם פאָר פאָלק ניי... ווי אַן אומגעריכטע אַנטפּלעקונג וועגען צוועק פונ'ם זיך צוזאַמענקומען... דער חולה האָט זיך פון זיי פרעמד דערשפּירט, פרעמד און איינזאַם מיט זיין קרענק, מיט זיין אומפאַרמיידליכען טויט.

ער האָט געזאָגט צו זיי:

— איך פיהל מיך היינט בעסער...

פאַר זייער באַהאַלטען זיך פון איהם מיט זייערס אַ זאַך פון זייער אינטימען לעבען האָט ער זיי דערפאַר מיט אַ ליגען געצאָהלט, און ער האָט געשמייכעלט צו זיי מעהר ווי זיי צו איהם.

פון יענעם פרימאָרגען אָן האָט ער אויף אַ מינוט ניט פאַר־געסען אָן דעם... עפּעס האָט איהם וויטאָגדיג אויפ'ן פאָר־פאָלק פאַרדראָסען... צי דענקען זיי, אַז ער וועט שוין אַזוי לאַנג ניט לעבען און עס וועט אויף אייביג פאַר איהם אַ סוד בלייבען?... אָט ווייסט ער דאָך יע... אָט גיט זי זיך אוים מיט איהר פאַר־קרימט זיין, מיט איהר נאַשען וויניגע אין זויערע זאַכען... מיינט זי, אַז אַ קראַנקער מוז שוין דווקא זיין אַזאַ אידיאָט און ניט

פאַרשטעהן דאָס וואָס אַלע מענשען פאַרשטעהען? איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ברודער און שוועגערין זיינען אַ דאַנק דער נייער לאַגע אָפּגעפרעמדט געוואָרען פון איהם. ער האָט דערשפּירט זיין שטערבליכקייט. ער האָט דערפיהלט, אַז זיי געהערען שוין צו דער אייביגקייט...

און ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגען די אָפּגעלעבטע בחור׳שע יאָהרען, וועגען זיין קראַנק ליגען פאַר זיך און וועגען זיין שטאַרבען פאַר זיך... וועגען זיין ליגען ביי אייגענע, וואָס האָבען דאָך אַ פרעמד לעבען ווייט אָפּגעזונדערט פון איהם... ער האָט געגאַרט צו האָבען עפּעס אַן אומדירעקטען חלק אין קינד... ער האָט געוואָלט אויף אַ ריינעם, עהרלאַכען אופן אַ שותף זיין אין נייעם לעבען, און אַזוי אַרום אומשטערבלאַך זיין...

דער כח פון „פאַרקוקען זיך" איז שטאַרק אָנגענומען ביים פאָלק. ער געדענקט נאָך פון די אינגעלשע יאָהרען, ווי ווייבער, געהענדיג פון טבילה, האָבען זיך געדרעהט ביי די פענסטער פון זיין חדר און אַריינגעקוקט אינוויינינג, אין חדר אַריין, אויף זיין רבי׳ן, וועלכער איז געווען אַ פרומער, שעהנער איד. און די מעשה פון חומש געדענקט ער אויך, ווי יעקב אָבינו האָט אויס־געשניצט שטעקעלאַך ביי די מולטערס וואו די שאָף זיינען גע־שטאַנען און געגעסען, און די שאָף האָבען זיך אויף די שטעקעלאַך פאַרקוקט און געהאַט אַזעלכע שעפּעלאַך, מיט אַזעלכע לאַטקעלאַך, ווי עס זיינען געווען די שטעקעלאַך געשניצט... יע, דאָס איז אַן אַלט־אָנגענומענע זאַך: אפילו געלערטע לייקענען עס ניט אָפּ, האָבען אַנערקענט די מאַגנעטישע קראַפט פון „פאַרקוקען זיך".

און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער אַזוי געטאָן: אַלע מאָל, ווען די שוועגערין האָט זיך צו איהם געוויזען, האָט ער זי געבעטען זיצען און קוקען אויף איהם. ער האָט איהר געזאָגט, אַז ער פיהלט זיך בעסער, ווען זי זיצט און קוקט אויף איהם, און ער האָט זיך ווירקליך געהאַלטען מונטערער אין איהר געגענוואַרט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אַז זי זאָל זיך לאַנגווייליגען לעבען איהם, האָט ער איהר פיל אינטערעסאַנטע זאַכען פון זיין לעבען

דערציילט. אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט, איז געווען אינטע־רעסאַנט, ווייל ער האָט געקאָנט שעהן דערציילען.

— ווען אַלע מענשען וואָלטען געקאָנט שרייבען און דער־ציילען — האָט ער איינמאָל געזאָגט — וואָלט אַלעמענס לעבען פאַר אַלעמען אינטערעסאַנט געווען...

ער האָט אָנגעהויבען פון זיין פריהסטער יוגענד, פון יענער צייט, וואָס אין איהם האָט זיך אָנגעהויבען צו אַנטוויקלען זיינע געשלעכטליכע ליידענשאַפטען. ער האָט זיך לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דעם עפּיזאָד, ווי ער האָט איינמאָל געטראָפען אַ צוועלף יעהריגע מיידעלע קושען די תפילין זיינע, וואָס ער האָט דאַמאָלסט געהאַט ערשט אָנגעהויבען צו לייגען; ווי אַזוי דאָס קליינע מיידעלע האָט זיך פאַרשעמט און איז רויט געוואָרען, און ווי אַזוי די תפילין זיינען פון דאַמאָלסט אָן ביי איהם נאָך טייערער געוואָרען.

די שוועגערין האָט איהם די גאַנצע פרייע צייט איהרע געשענקט, און ער האָט איהר טאָג־טעגלאַך נייע געשיכטעס דער־ציילט, פול מיט פאַרבען און רייכע עפּיזאָדען. דערביי איהר געקוקט גלייך אין די אויגען אריין. דאָס ווייבעל האָט געשפּירט די מאַגנעטישע קראַפט פון זיין קוקען. זי האָט געשפּירט ווי דער קראַנקער פלעכט זיך איין אין איהר, עסט זיך איין אין איהר געדערכניש און עס האָט זי צייטענווייז אַן אומרוהיגער אומעט דורכגענומען.

לעצטענס האָט מיט איהם געטראָפען דאָס, וואָס עס טרעפט אַלע מאָל מיט אַזעלכע קראַנקע: חדשים לאַנג געלעגען, און פּלוצלונג אין דער קרענק קראַנק געוואָרען, און ניט אויף קראַנק צו זיין, נאָר אויף צו שטאַרבען. מען האָט גערופען אַ דאָקטאָר, וואָס איז שוין באַקאַנט געווען מיט איהם און מיט זיין קרענק. דער דאָקטאָר האָט איהם שוין דאָס מאָל ניט צוגעזאָגט, אז ער וועט געזונט ווערען. ער האָט איהם נאָר פאַרזיכערט, אז ער וועט ניט שטאַרבען. אָבער פאַר די געזונטע האָט ער דעם סוד אַנטפּלעקט:

— זיינע טעג זיינען געציילטע.

✾

ער איז געשטאָרבען ניט פאַרענדיגט זיין לעבענס־געשיכטע. אויב ער האָט אַלעס וועגען זיך אמת דערציילט, האָט דער שווע־גערין באַנג געטאָן, וואָס זי האָט ניט געהערט דעם אמת וועגען דעם שטיק לעבען פון ענדע לעבען, וואָס ער האָט ביי איהר אין שטוב פאַרבראַכט, און ס'האָט זיך ביי איהר געטראַכט, אַז דאָס וויכטיגסטע האָט ער מיט זיך אין קבר אריין מיטגענומען...

ער איז אויסגעגאַנגען רוהיג און שטיל און מיט דערזעלבער רוהיגקייט פאַרגליווערט געבליבען, ווי ער וואָלט זיכער געווען, אַז ער איז ניט געשטאָרבען... דאָס פּנים האָט זיך כמעט ווי ניט געענדערט. דאָס ווייב האָט אַ זאָג געטאָן צום מאַן:

— ...דיין ברודער...

ווען ער איז געשטאָרבען, איז זי נאָך אַלץ אין די קליינע חדשים געווען, און דער מאַן האָט זי איין מאָל און אַ צווייטען מאָל אָפּגעשלעפּט פון בר מנן:

— געה דיר!

דער גוסס האָט אויסגעגעבען דאָס, וואָס זיי האָבען געוואָלט פאַרבאַהאַלטען פון איהם. ער האָט אויסגעגעבען דאָס, וואָס ער האָט געוואוסט. ער האָט פאַר'ן טויט געבעטען מ'זאָל אַ נאָמען געבען נאָך איהם.

ער האָט געלאָזט אַ טיפען טרויער נאָך זיך, אַ טרויער, וואָס נאָר עמפּפינדלאַכע מענשען קאָנען עס פיהלען. ווען עס שטאַרבט אַ בחור, וואָס פעלט קיינעם ניט נאָכ'ן טויט, איז עס זעהר טרויעריג... ווייל דאָס ווייבעל האָט געשוואַנגערט איז זי עמפּ־פינדלאַך געווען, און האָט זעהר געוויינט. זי האָט געוויינט, וואָס קיינער איז ניטאָ וועמ'ער ס'זאָל איהם באַוויינען, וואָס ס'איז ניט געבליבען נאָך איהם אַזאַ נאָהענטער, וואָס זאָל זיך שטאַרק קימערען פון זיין טויט.

עס זיינען געקומען איהרע אייגענע, געקומען צוליב איהר און ניט צוליב „איהם", און ווייל זיי האָבען געוואוסט אין וואָס פאַר אַ לאַגע זי געפינט זיך, האָבען אַלע זי אין זינען געהאַט.

מ׳האָט זיך געזאָרגט וועגן איהר און וועגן נייעם לעבען אין איהר... ס׳האָט זיך געשפּירט די נאָהענטקייט צווישען לעבען און טויט... די אַלע, מיט׳ן מאַן אין דער שפּיץ, האָט מעהר געקימערט אָט דאָס נייע לעבען, און עס האָט שטיל, פאַרדראָסיג פאַרדראָסען אויף דעם טויטען... דער מאַן האָט איהר אַזוי פיל דערעסען מיט זיין געטריישאַפט און פאָטערלאכע איבערגעבענ־הייט צום קינד, וואָס זי האָט אין איהרע געדערים געטראָגען... עפּעס האָט זי פאַר׳ן טויטען אַ באַליידיגונג געפיהלט, וואָס דער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם האָט מעהר די ווייב אין זינען, ווי איהם און זי, טאַקע נאָר דערפאַר וואָס זי האָט אַזאַ לעבען אין זיך געטראָגען, האָט זיך דערפאַר געפיהלט צום פאַרשטאָרבענעם נעהנטער, ווי דער ברודער...

***

דאָס, וואָס איז געבליבען נאָכ׳ן פאַרשטאָרבענעם, האָט מען צושענקט און פאַרקויפט, נאָר דאָס בעטגעוואַנט האָט מען אַרויפ־געטראָגען אויפ׳ן בודים אויף אייביג צו לופטערען און קיינמאָל ניט צו נוצען. געבליבען אַ הויל צימער, אָהן מענשען און אָהן זאַכען. עס זיינען נאָ רגעבליבען די תפילין ניט גענוצט, דערפאַר זיינען זיי געבליבען הענגען, און אויך דערפאַר, ווייל עס איז אַזאַ זאַך, וואָס מען קאָן עס קיינעם ניט פאַרקויפען און ניט אַוועקשענקען, ס׳איז אַזאַ מין זאַך, וואָס ווער עס דאַרף עס, האָט ער עס, און ווער עס דאַרף עס ניט, וועט עס אפילו אומזיסט ניט נעמען. און דערפאַר ווייל עס איז תפילין האָט מען עס ניט געקענט אַרויסוואַרפען, כאָטש דאָס פּאָר פאָלק איז ניט רעליגיעז געוועזן. די תפילין זיינען נאָך זיין טויט געוואָרען מעהר „זיינע״, ווי פאַר׳ן לעבען, ווייל זיי האָבען דערציילט פון בחור׳שאַפט, פון איינזאַמקייט, פון ניט לאָזען נאָך זיך קיין ווייב און קינדער... ס׳איז ניט איינמאָל פאָרגעקומען אַ געשפּרעך צווישען מאַן און ווייב:

— וואָס טוט מען מיט „זיינע״ תפילין, וואָס? אַן אַנדער פלאַץ זיי געבען? אַן איבעריגע זאַך איז אומעטום איבעריג, און

פארקערט, מיט דעם געבען זיי אַן אנדער אָרט, וואָלט עס נאָר באוויזען, אז זיי זיינען איבעריג דאָרטען וואו זיי הענגען און אויף אַן אנדער אָרט ניט... זיי זיינען נאָך געווען איבעריג דעמאָלט, ווען דער אייגענטימער האָט געלעבט, און אויך „יענער" האָט זיך געהאַלטען מיט זיי...

„און אפשר דערפאר, ווייל דאָס צוועלף יעהריגע מיידעל האָט זיי געקושט" האָט דאָס ווייבעל א טראַכט געטאָן.

— זאָלען זיי הענגען! — האָט דאָס ווייבעל באשלאָסען זייער גורל.

און די תפילין זיינען געבליבען הענגען העלדזעלדיג און קעפּעלדיג אויף א שנירעלע, אויף א צוועקעל, אלס זכר פון יונג לעבען און הייליגקייט.

דאָס יונג ווייבעל האָט א פוסטקייט דערשפּירט נאָכ'ן טויט פון שוואָגער... די אַטמאָספערע פון קרענקען האָט עפּעס געשאַפען ארום זיך זעלבסט, וואָס האָט מעהר געגעבען צו פיהלען דעם טעמפּ פון לעבען... אין דער אַטמאָספערע פון יענעם אומגליק האָט זיך עפּעס מעהר געגעבען צו שפּירען דאָס אייגענע גליק. און געשפּירט דאָס נייע לעבען אין איהרע גערערים, האָט זיך געשליפען א באַגריף, אז דאָס לעבען וואָס וואַקסט ביי איהר איז א לעבען נאָכ'ן טויטען... פאר יענעמ'ס וועגען און מיט א נאָמען נאָך יענעם, אויף ווייטער לעבען צו בלייבען...

***

ווי דאָס קינד האָט זיך אויף דער וועלט באוויזען, האָט זיך עס גלייך אַלעמען געוואָרפען אין די אויגען אריין מיט דער עהנ־לאַכקייט צום פארשטאָרבענעם. אַלע האָבען עס געזעהן און אַלע האָבען געשוויגען... דער פאָטער פון קינד האָט פארשטאַנען, וואָס אַזא שווייגען באדייט, און געפיהלט א טיפע באַליידיגונג, כאָטש ער איז געווען זיכער אין זיין פרוי, ער האָט זי ניט געאייפערט צום פארשטאָרבענעם, אָבער צום קינד איז ער יע אייפערזיכטיג געווען... א שותפות'דיגעס קינד, אויף וועלכען אופן?...

און פאַרשטערט האָט עס ביי איהם דעם יום־טוב פון ערשטען ניי־געבוירענעם קינד... ער האָט זיך געשפּירט ווי אויף אַ פרעמ־דער שמחה... און די פרוי זיינע, ווי אַלע פרויען, וואָס קימערען זיך קיינמאָל ניט וועגען אַזעלכע זאַכען — ס'איז זייער קינד, קיין חילוק ניט אין וועמען ער איז געראָטען... זי איז געווען גליקלאַך און געשמייכעלט צום מאַן:

— נו וואָסי, ס'איז דאָך דיין ברודער...

ער האָט מיט אייפערזוכט געקוקט אויפ'ן קינד מיט אַ שטי־לען, ווייטאָגדיגען פאַרדרוס, וואָס ער האָט ניט וועמען צו באַ־שולדיגען אין דעם, און טיף באַהאַלטען אין זיך אַ געפיהל פון נקמה געגען זיין ברודער, וואָס דאָס קינד איז אַ מיידעלע...

# דער אויסוואורף.

1

שלמה׳לע איז נאָך קיין יאָהר ניט אַלט געווען, ווען דער טאַטע זיינער האָט דערזעהן, אַז ביי איהם וואַקסט ניט קיין לייטיש קינד. געזעהן האָט ער עס אין דעם, וואָס דאָס קינד האָט קיין מינוט רוהיג ניט געקענט איינציזען, האָט געריסען דעם שפּאַליר פון די ווענט, געקאַלופּעט די ליים פון די הרובעס, האָט ניט געלאָזט איינשטעהן די בענקלאך אויף די ערטער, וואו זיי האָבען באַדאַרפט שטעהן, און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס איהם, דעם טאַטען, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קינד באַדאַרף עס ניט טאָן און שוין טאַקע דעמאָלט, ווען ער איז נאָך קיין יאָהר ניט אַלט געווען, האָט ער איהם אָנגעהויבען צו „לערנען”, פריהער מיט אַ געשריי, מיט אַ טופּ מיט׳ן פוס, און נאָך שפּעטער מיט אַ פּעטשעלע, מיט אַ ריטעלע.

ווען שלמה׳לע איז דריי יאָהר אַלט געוואָרען האָט איהם דער טאַטע, ווי דער מנהג איז, דריי שמיצלאַך אין אונטער־חלק׳ל געגעבען און איהם אַוועקגעשיקט אין חדר אריין. און אַזוי ווי שלמה׳קע איז געווען אַ בן יחיד׳ל און דער טאַטע זיינער האָט געוואָלט פונ׳ם קינד זאָל אויסוואַקסען „אַ כלי”, האָט ער איהם אָפּגעגעבען צו אַ שטרענגען מלמד, צו אַזאַ מלמד, ביי וועמען דער קאַנטשיק איז תמיד געלעגען אויפ׳ן טיש און געהאַלטען אין שטענדיגער מורא די קליינע עופה׳לאַך.

די ערשטע פּאָר וואָכען האָט זיך שלמה׳לע דוקא גוט געפיהלט אין חדר, בעסער ווי אין דער היים, אונטער׳ן טאַטענ׳ס השגחה. ס׳איז איהם שוין בעסער געווען דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט אַרום זיך אַנדערהאַלבען טוץ קליינע חברה, וואָס

האָבען אויך ניט פיינט געהאט א שטיף צו טאָן. נאָר שפּעטער, ווען דער רבי האָט איהם אָפּט אָנגעהויבען מכבד צו זיין מיט'ן קאַנטשיק, איז איהם שלעכט געוואָרען, ווייל ער האָט דאָ ניט געהאט ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר איהם.

עס איז אוועק א חודש נאָך א חודש, א יאָהר נאָך א יאָהר, און שלמה'לע איז עפּעס גאָר ניט געגאַנגען אינ'ם וועג, וואָס דער טאַטע מיט'ן רבי'ן האָבען געוואָלט. עס איז כמעט ניט אוועק א טאָג, ער זאָל זיך מיט עפּעס ניט האָבען פאַרזינדיגט: דאָ איין טאָג האָט ער צופּוזשעט א פערד, א צווייטען טאָג האָט מען איהם געפּאַקט פאָהרען רייטענדיג אויף א ציג און וואַרפען שטיינדלאך, דאָס איז געווען זיין טאָג־טעגליכע עובדא; דאָס האָט ער שוין גאָר שטאַרק ליב געהאט. פאַראַן אזוי פיל שטיבער, אזוי פיל בוימער, הויכע און נידריגע, האָט ער גע־דאַרפט אויף אַלע פּרואווען די כחות, צי וועט ער קענען אַריבער־וואַרפען א שטיינדעל אַריבער יענעם דאך און אַריבער יענעם בוים. נו, כאַפּט זיך אמאָל, מעשה שטן, א שטיינדעל אין א פענסטער אריין. איז מען געקומען צולויפען צום רבי'ן, און שלמה'לע באַהאַלט זיך שוין ערגעץ, ער פאַרשטעהט שוין מיט וואָס אזא שטיקעל שמעקט. ווערט ביי קליינוואַרג א יום טוב: דער רבי כאַפּט זיך אַרויס אין דרויסען אין לאַנגען, געלען טלית־קטן, מיט דער יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, זוכען שלמה'קען. די אינג־לאך צולויפען זיך אין אַלע זייטען, ווי יענגער־הינט, און כאַפּט מען איהם, ווערט א גדולה:

— געפּאַקט!

— ער איז דאָ! ער איז דאָ!!

דער רבי פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ, און דאָס קליינע בערדעלע, אונטער דער ליפּ, שטעלט זיך קאַפּויר. ער געהט זיך פּאַמעליך, טריט ביי טריט. ס'אַרט איהם ניט, וואָס יענע, וואָס האַלטען שלמה'קען, כאַפּען אַלע מאָל א שטורך דאָ מיט א פּוס, דאָרטען מיט אַן עלענבויגען: ער איז זיכער, אז שלמה'קע וועט זיך שוין פון זייערע הענט ניט אַרויסרייסען, און אז ער געהט

צו, לעגט ער פאמעליך צו זיינע צוויי פינגער צו א בעקעל, גיט עס א ציה, ווי א שטיק גומילאסטיק, און זאָגט דערביי:

— פיינער תכשיט!

דער קניפּ אין באַק איז נאָך גאָרנית. דאָס איז נאָר א הקדמה, ערשט נאָכדעם נעמט איהם דער רבי ביי א הענטעל און פיהרט איהם אין חדר אריין. ביידע, אי דער רבי, אי דער תלמיד, שווייגען. נאָר דערפאר ליארמען שוין צופיל די „חברה יענגערס" ארום זיי, און שלמה'קע געהט מיט אראפּגעלאָזטע אויגען, און ווארפט ער אמאָל אויף איינעם פון זיי א קוק, איז ער שוין פול מיט גיפט, איז עס שוין עפּעס א מין קוק, וואס יענער מוז זיך אָפּרוקען אביסעל ווייטער, מורא האָבענדיג פאר א סילוק.

מיט דער צייט איז צווישען שלמה'קען מיט די איבריגע אינגלאך געשאפען געוואָרען עפּעס א מאָדנע אָנגעשטרענגטקייט. שוין דאָס אליין, וואָס מען האָט איהם אָפטער ווי אלע אינגלאך, געשמיסען, האָט ביי די חברים זיינע ארויסגערופען א מין פאר־אכטונג צו איהם, און שלמה'קע האָט עס געפיהלט און עס האָט איהם געקרענקט.

שלמה'קע האָט ניט געוואוסט וואָס ארום איהם און מיט איהם טוט זיך. ער האָט ניט פארשטאנען, פאר וואָס איז ער עפּעס מעהר שנץ פון אלע אנדערע, און פארוואָס שמייסט מען איהם מעהר ווי אלע. עפּעס האָט זיך דאָרטען ביי איהם ניט גע־לאָזט גלויבען, אז דאָס שמייסען האָט עפּעס צו טאָן מיט זיין שקאָצעריי. ס'האָט זיך דאָרט אין זיין קינדיש מח'ל גאָר אנ־דערש געדענקט. ביי איהם איז אויסגעקומען, אז א טאטע מיט א רבי'ן זיינען באשאפען געוואָרען זיי זאָלען שמייסען. זיי דארפען און מוזען דאָס טאָן... דאָס איז א מין ארבייט, וואָס „גרויסע" דארפען טאָן צווישען אלע אנדערע „גרויסע ארבייטען", וואָס זיינען איהם אומפארשטענדליך... און דערפאר האָט ער זיך ווייטער געטאָן דאָס, פאר וואָס ער איז געשמיסען געוואָרען, און

אויף לעצט האָט ער זיך איינמאָל, ווען דער פאָטער האָט איהם געהאַלטען אין קאַטעווען, זיך צושריען:

— איך וועל נאָך! איך וועל נאָך!

דאָס האָט שוין דער מוטער זיינער אויך פאַרדראָסען. זי האָט זיך מיטביידע הענט א כאַפּ געטאָן ביים פּנים און איז אַנטלאָפען געוואָרען, איבערלאָזענדיג דאָס קינד אין דעם „גזלן׳ס" הענט. נאָר ער האָט זי באַצייטענס געכאַפּט און מיט זיין גאַנצער מאַנסבילשער גבורה, האַלטענדיג שלמה׳קען אין איין האַנט, זי צוגעשלעפּט מיט דער צווייטער און אויסגעשריען:

— ניין, דו וועסט שוין דאָ ביי מיר שטעהן, אָט־אָ־דאָ וועסטו ביי מיר שטעהן און קוקען, ווי איך צופּאַסעווע איהם אויף שטיקלאַך!

און שלמה׳קע איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע מייטקעס און געקוקט מיט פייעריגע אויגעלאַך אויפ׳ן טאַטענס פּיס, וואָס האָבען זיך געפּלאָנטערט, געדרעהט צווישען זיינע און דער מאַמעס, און ביי איהם און ביים טאַטען האָבען געפלאַמט די אויערען, און ביידע האָבען שווער געסאָפּעט, און קענטיג איז געווען, אז ביידע גרייטען זיך צו א שווער, פאַרביסענעם קאַמף. ביידע האָבען, שטיל אין זיך פיהלענדיג, אז איינער וועט ניט אָפּטרעטען דעם צווייטען, געוואַרט אויף עפּעס פון דער אומגליקליכער ווייב און מוטער א מין ישועה, כאָטש זיי האָבען אליין ניט געוואוסט, מיט וואָס זי קען זיי העלפען. דער קליינער האָט ביי זיך האַרט באַשלאָסען אין קיין פאַל ניט נאָכצוגעבען דעם טאַטען, און גרייט זיינען שוין ביי איהם געלעגען אויף דער צונג די ווערטער „איך וועל נאָך!" גרייט אויסצושרייען, אויב נאָר דער טאַטע וועט זיך ווידער נעמען צו איהם. און געוואוסט האָט ער, אז די מאַמע וועט זיך שוין דאָ פאַר איהם אויך ניט אָננעמען. דער טאַטע האָט ביי זיך אויך דאָס זעלבע געטראַכט: ער וועט איהם אזוי לאַנג שמייסען, ביז ער וועט איהם זאָגען, אז ער וועט שוין „מעהר ניט". און איהם איז אויך שרעקליך געווען, וואָס די ווייב וועט זיך ניט אָננעמען פאַר׳ן קינד, און איינצייטיג איז ער

גרייט געווען זי דורס צו זיין, ווען זי וואָלט יאָ אזעלכעס געטאָן...
ער האָט שוין אליין ניט געוואוסט, נאָך וואָס ער האָט זי צוגע־
שלעפּט אהער און נאָך וואָס ער וויל זי דאָ האָבען נעבען זיך...

— אָט־אָ־דאָ וועסטו ביי מיר שטעהן! — האָט ער מיט א שוים אין די מויל־ווינקלען אויסגעשריען, אָפּלאָזענדיג זי און נעמענדיג זיך צו שלמה'קען — אָט־אָ־דאָ וויל איך זאָלסטו שטעהן און זעהן, ווי איך מאך מיט איהם אן עק! — און זיין קול האָט געציטערט פון כעס.

דאָס אומגליקליכע ווייבעל האָט זיך ביים קאָפּ געכאַפּט, און געשאָלטען זיך, געשאָלטען דעם מאַן און דאָס קינד, די גאַנצע וועלט געשאָלטען, און דאָס האָט נאָך מעהר פארשטיינערט די הערצער פון די צוויי עקשנים, נאָך אויפגערעגטער, בייזער זיי געמאַכט. און ווען דער „גרויסער" האָט סאָפּענדיג און קרעכ־צענדיג, באַגיסענדיג זיך מיט שוויס, ווידער צווישען זיינע גרויסע פיס איינגעקלעמט און אריבערגעבויגען דאָס אינגעל אויף די קני, איז דאָס ווייבעל אַנטלאָפען און נאָכגעשריען האָט איהר דער מאַן ניט ווי מיט זיין קול:

— חצופה, אהערצו קום!... — און אראָפּלאָזענדיג מיטן' גאַנצען כח די רוט אויפ'ן געזעס, א פרעג געטאָן: וועסט נאָך?

— איך וועל נאָך! — האָט דאָס אינגעל מיט אַלע כחות אויסגעשריען, און דער פאָטער נאָך איהם:

— מכשפה, וואו ביזטו אַנטלאָפען?... נאַ דיר נאָך! נאַ דיר נאָך! נאַ דיר נאָך!...

און דאָס אינגעל האָט מיטגעשריען:

— איך וועל נאָך! איך וועל נאָך! איך וועל נאָך!...

## 2.

צווישען פאָטער און קינד איז מיט דער צייט געשאַפען גע־וואָרען א געגענזייטיגע פארדריסליך אַנגעשטרענגטע באַציהונג. אויפ'ן קינד איז שוין גאָר ניט שווער געווען צו דערקענען, אז ער האָט פיינט דעם פאָטער. דער לעצטער, כאָטש ער האָט דאָס קינד

ניט פיינט געהאַט, האָט, ווער ווייסט פאַרוואָס, געפונען פאַר נויטיג צו זאָגען דעם קינד, אַז ער האָט איהם פיינט ווי „חזיר", און ער האָט זיך טאַקע געהאַלטען צו איהם אַזוי ווי ער וואָלט איהם פיינט געהאַט. נאָר שלמה'קען האָט שוין גאָר ניט געקימערט, צי האָט איהם דאַרטען דער טאַטע ליב, צי פיינט, און ווען אפילו דער טאַטע וואָלט איהם זאָגען, אַז ער האָט איהם ליב, וואָלט ער איהם אויך ניט געגלויבט.

מעגליך, אַז שלמה'קע וואָלט נאָך געוועז אַמאָל אַ קלער געטאָן: „אפשר איז דער טאַטע טאַקע גערעכט". נאָר דאָס, וואָס די מוטער האָט זיך פאַר איהם אָננענומען, האָט איהם ניט דערלאָזט אַזעלכעס צו טראַכטען. ער האָט געמיינט, אַז די מאַמע לאָזט ניט שלאָגען, איז טאַקע אַ סימן, אַז מען דאַרף איהם ניט שלאָגען. און די מאַמע איז טאַקע כסדר דערפאַר ברוגז געווען מיט'ן טאַטען, כאָטש זי האָט איהם, שלמה'קען, כסדר פאַרגעוואָרפען, אַז ער איז אומגערעכט.

דער פאָטער, מיינענדיג אַ טובה טאָן דעם קינד, האָט איהם תמיד איינגעשמועסט, אַז ער איז אַן אויסוואורף, אַז ער איז עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט קיין גלייכען ניט, און מיט דער צייט איז ער טאַקע אַזאַ געוואָרען. ער האָט טאַקע אָנגעהויבען באַווייזען אַזעלכע שטיק, וואָס האָבען ניט נאָר די עלטערען און דעם רבי'ן, נאָר אפילו פרעמדע, זייטיגע מענשען ארויסגעבראַכט פון גערולד. און שלמה'קע האָט אַליין ניט געוואוסט נאָך וואָס ער טוט עס, ער האָט נאָר געפיהלט, ווי עס ברויזט אַ שרעקליכע שנאה אין זיין הערצעל. ער האָט אַלעמען פיינט געקראָגען.

איהם האָט דורכאויס געצויגען צו טאָן אַזעלכעס, וואָס איז אָפטמאָל געווען דערווידער זיינע געפיהלען, נאָר גענוג איז געווען איהם צו וויסען, אַז דער פאָטער וועט ליידען דערפון, האָט ער עס שוין געטאָן. ס'איז ביי איהם כדאי געווען אַליין צו ליידען דערפון, אַבי דעם פאָטער צו פאַרשאַפען יסורים.

אַזוי איז ער איינמאָל ארויפגעקראָכען אויף אַ דאַך און זיך אַוועקגעזעצט אויבען אויפ'ן ווילטשיק און זיך געהאַלטען אַזוי, ווי

ער וואָלט קיין מורא ניט געהאַט צו זיצען, האָט נאָך אַפילו צו־געקלאַפּט מיט די פיסלאַך אינ'ם שינדעל־דאַך. מען איז זיך צו־נויפגעלאָפען ווי אויף אַ בייז וואונדער: „דער תכשיט זיצט שוין אויפ'ן דאַך!" געוויינליך איז דאָ אויך געווען טאַטע־מאַמע. די מאַמע הרג'עט זיך אוועק, „פּאַדעט" אַרום ווי אַ הון, ווען איהרע קאַטשקעלאַך לאָזען זיך אוועק שווימען אויפ'ן וואַסער; שלמה'קע האָט אויף דער מאַמען רחמנות געהאַט, דערפאַר אָבער האָט ער צופיל פאַרגעניגען געהאַט דערפון, וואָס דער טאַטע האָט אַרומ־געטאַנצט אַזוי ווי אַ משוגע'נער, געשריען און געליאַרעמט, ווי אַ צואווילדעטע חיה.

— אַ דבוק, ניט קיין קינד!

— ער וועט שוין מיט זיין טויט ניט שטאַרבען...

— אַ בן יחיד'ל, — האָט אימיצער מיט אַ דייטליך גע־היימניספולער שטימע געזאָגט. איינינע האָבען זיך גאָר לוסטיג געמאַכט און געשריען:

— אַ קיש! אַ קיש! — און געפאָכעט מיט די הענט, און חברה שקצים האָבען זיך, אַמאָל פון איין זייט, אַמאָל פון דער צווייטער זייט, פאַר'גנב'עט און געוואָרפען שלמה'קען אין פלייצע אַריין קליינינקע שטיינדלאַך, און דער פאָטער האָט אָהן אַן אויפ־הער געשריען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ:

— איך דאַרף ניט אַזאַ קינד!... — און געזוכט אַן אָרט, וואו זיך אַרויפצודראַפּען אויפ'ן דאַך. און שלמה'קע האָט אונטערגע־שמייכעלט פון דעם, וואָס דער טאַטע וויל זיך צו איהם דערלאַנגען און ווייסט ניט ווי אַרום.

— אַ, מיט יאַשטשערקעס זאָלסטו שוין לאַכען! — האָבען פרעמדע צו איהם אַרויפגעשריען, מיטפיהלענדיג דעם פאָטער'ס צער.

אַ פּאָר חברה האָבען ערגעץ באַקומען אַ לייטער, איהם גע־בראַכט צוטראָגען און אָנגעשפּאַרט אָן דער סטריכע. אַרויפגע־כאַפּט האָט זיך אויפ'ן לייטער ניט דער פאָטער, נאָר אַ פרעמדער איד, וואָס האָט מעהר פון אַלעמען רחמנות געהאַט אויפ'ן פאָטער

און בייז געווען אויף שלמה׳קען. קריכענדיג אויף אַלע פיער איבער דעם פאַרפוילטען, מיט גרינעם מאָך באַוואַקסענעם דאַך, האָט ער דערלאַנגט צו דעם, וואָס איז אומבאַוועגליך געזעסען אויפ׳ן ווילטשיק, און אַנכאַפּענדיג איהם ביי דער האַנט, געזאָגט:

— איצט וועסטו שוין ביי מיר אַראָפּקריכען.

דער קליינער האָט זיך אונטערגעגעבען. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אַראָפּקריכען מיט׳ן לייטער, נאָר דורך דעם קליינעם דאַך־פענסטערעל, דורך וואַנען ער איז פריהער אהער אַרויפגעקראָכען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין געווען אונטען און איז באַגלייט געוואָרען מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע אַהיים.

און ווידער איז פאָרגעקומען די זעלבע מעשה: דער טאַטע האָט געשמיסען, די מאַמע האָט געגוואַלדעוועט און פרעמדע, וואָס זיינען דערביי געשטאַנען, האָבען געשריען:

— אַ מצוה, אַ מצוה, אַ מצוה!

## 3.

ניט אומזיסט האָט שלמה׳קע אַזאַ ביטער האַרץ אויף אַלעמען געטראָגען, און אויסגעגאָסען האָט ער אָפט זיין ביטער האַרץ צו דער קליינוואַרג: „געפּאַקט אין מאַרק אַ „יאַט" — קנאַק אין „פּיסק" אַריין, גלאַט אַזוי, אָהן אַ שום הקדמה. און ווען דער קליינער איז אַנטלאָפען מיט אַ געוואַלד צום רבי׳ן, איז זיך שלמהקע געשטאַנען און שעלמיש געשמייכעלט, ווי ער וואָלט זיך געטראַכ׳ט: דאָס מיין איך טאַקע.

ער האָט זיך שוין אויפגעהערט צו שרעקען פאַר שמיץ און פּעטש. אַזוי האָט ער איינמאָל אַריינגעוואָרפען אַ גע׳פּגר׳טע קאַץ אין באָד־ברונעם אַריין, און באַקומענדיג דערפאַר זיין רעכטען לוין, און פיהלענדיג, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ וויכטיגע שטיק אַרבייט, פון וואָס דאָס גאַנצע שטעדטעל איז אויפגערעגט געוואָרען, האָט ער דערפאַר, אין אַ קורצער צייט אַרום, איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע מעשה, נאָר מיט אַ לעבעדיגער קאַץ.

דער גורל איז גראַד געפאַלען אויפ׳ן רבי׳נס קאַץ, ווייל דער

לעצטער האָט זיך שוין צופיל געקאָכט מיט דער קאַץ. און, מעג־ליך, אַז ס'איז איהר שוין גלאַט באַשערט געווען אַזאַ גרוילזאַמער טויט, אַנדערש וואָלט זי איהם אפשר ניט געווען נאָכגעגאַנגען, ווען ער איז אַרויס פון חדר, וואָלט איהם ניט נאָכגעגאַנגען פוס־טריט און ניאַווקען, ווי זי וואָלט זיך געבעטען: „אַט נעם מיך און דערטרינק מיך". און ער האָט זי טאַקע גענומען, זי געטאָן אַ היל איין אין אַ פאָלע פון קאַפּאָטקעלע און איז אַראָפּגעפלויגען פון באַרג צום טייך.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט איהר אויפ'ן ברעג, האָט איהר פּאַמעלאַך, צאַרט אָנגעבונדען אַ שטיין אויפ'ן האַלז, און „פּוץ אין וואַסער אַריין!"

דאָס וואַסער האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם געשריי, ווי עס וואָלט זיך פאַר דער קאַץ דערשראָקען, און דאָרטען, וואו די קאַץ איז אַריינגעפאַלען, האָט זיך עס אויפגעהויבען אויף עטליכע טפּחים די הויך, און געדוכט האָט זיך, אַז עפּעס איז אַרויסגע־שפּרונגען פון טייך און צעהנדליגע וואַסער רינגען האָבען זיך צו־לאָזט איבער דער ברייט פון טייך, און די זון, וואָס האָט זיך פריהער אָפּגעשפּיגעלט אין וואַסער, האָט זיך צוהוידעט פון איין ברעג צום אַנדערען, איז צורונען געוואָרען, ווי עס וואָלט שוין גאָר קיין זון ניט געווען, נאָר אַ שטיק פייער, וואָס איז אויף אַ וואונדערליכען אופן ניט אויסגעלאָשען געוואָרען און געפינקעלט מיט טויזענטער לענגליך צובראָכענע פּאַסען.

שלמה'קע איז געשטאַנען ביים ברעג מיט צונויפגעשרומפּענע ליפּעלאַך, מיט גליהענדיגע אויגעלאַך, און אַ שוידער האָט דורכגע־נומען דאָס גאַנצע וועזען זיינס, ווען ער האָט אין עטליכע סעקונדען אַרום דערזעהן, ווי די קאַץ האָט פון וואַסער דאָס קעפּעל אויפגע־הויבען און אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט צוויי ווילדע קעציש־ע אויגען, אַזעלכע, וואָס שלמה'קע האָט נאָך אויף זיין לעבען ניט גע־זעהן, און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז די קאַץ האָט גאָרניט געוואָלט, נאָר אַ קוק געבען אויף איהר מלאך המות און פאַרשווינדען ווערען.

אָפּטוענדיג דאָס שטיק אַרבייט, האָט ער פּלוצלינג דערהערט,

ווי אימיצער לאָזט זיך מיט האסטיגע טריט פון בארג אראָפּ. און וואונדערליך, ער האָט זיך גאָרניט דערשראָקען פאר דעם אידען, וואָס האָט זיך מיט א רויט, אויפגערעגט פנים געלאָזט צו איהם, נאָר, פארקערט, איהם איז עפּעס גאָר גרינגער געוואָרען דערפון, וואָס נאָך איינער א חוץ איהם ווייסט ,וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן...

דער איד, וואָס האָט זיך האסטיג פון בארג אראָפּגעלאָזט, איז געוועזן חיים מאיר דער קצב, א געזונט, פעסט און קורץ אידעל, וואָס איז די גאנצע צייט אויפ'ן בארג געשטאנען און צוגעקוקט, וואָס דער „תכשיט" טוט דאָ. און ווען דער לעצטער האָט זיין ארבייט אָפּגעטאָן, האָט ער זיך בגנבה געלאָזט אראָפּנידערען פון בארג, און דערזעהענדיג, אז שלמה'קע קוקט אויף איהם, האָט ער געמאכט אזא מינע, ווי ער וואָלט גאָרנישט ניט באמערקט, וואָס שלמה'קע האָט דאָ אָפּגעטאָן, כדי ער, שלמה'קע, זאָל ניט אנטלויפען. נאָר ווי פארוואונדערט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט דעם קליינעם אָנגענומען ביים אויער און ניט באמערקט קיין שינוי אויף זיין פנים. ער האָט זיך גאָר ניט פרובירט ארויסרייסען פון זיינע פינגער, וואָס האָבען זיך ווי קלאמערס איינגעקוועטשט אין זיין אויער.

— אהא! — האָט דאָס אידעל אויסגעשריען געפינענדיג זיך נאָך אלץ אין צווייפעל צי ווייסט שלמה'קע, אז ער האָט געזעהן, ווי דער לעצטער האָט אָפּגעטאָן אזא נבלה.

— מיינסט איך האָב ניט געזעהן וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן? — האָט ער זיך אויף איהם צושריען. — קום, פיינער בחור, קום! — און, ניט אָפּלאָזענדיג דעם אויער, האָט ער איהם אזוי געפיהרט ביז זיין היים.

אין עטליכע מינוט ארום איז שוין דאָרט געוועזן א פולע שטוב מיט מענשען און אלע האָבען דאָס מאָל, מעהר ווי תמיד, ארויסגעוויזען מיטלייד צו די אומגליקליכע טאטע־מאמע, וואָס גאָט האָט זיי געשטראָפט מיט אזא אויסוואורף. און יעדער איינציגער איז צוגעשטאנען צו שלמה'ן מיט פראגען:

— פארוואָס האָסטו דערטרונקען די קאָץ?

שווייגט ער.

פרעגט שוין א צווייטער מיט א מעהר זיכערען קול:

— זאָג מיר, פאַרוואָס האָסטו דערטרונקען די קאַץ, האַ? זאָג, פאַרוואָס?

— פאַר גאָרניט! — גיט ער אַן ענטפער אָפּ אויף גיך.

— פאַר גאָרניט!... מעג מען אַזוי?

שווייגט ער.

— דו ווייסט, אז די קאַץ קאָן דיר קומען בייגאַכט ווערגען?

— וועט זי מיך ווערגען! — ענטפערט ער שטיל, קוים וואָס מען הערט.

— וואָס הייסט? האָסט גאָר קיין מורא ניט?

און דער טאַטע שטעהט פון ווייטען און קוקט אויף איהם מיט צוויי ברענענדיגע אויגען; די מאַמע ציטערט, כאַפּט אַלע מאָל א קוק אויף שלמה'ן, אויפ'ן פאָטער, ווי זי וואָלט זיך ביי זיי ביידען עפּעס שטום בעטען. א פאָר ווייבער און אידען רינגלען אַרום שלמה'קען, און יעדער באַזונדער פלייסט זיך צו קוקען איהם אין געזיכט אריין.

— אָבער פאַר גאָט האָסטו מורא, זאָג?

א לייכט, טרויעריג שמייכעלע האָט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּעלאַך.

— אויף יענער וועלט, ווייסטו וועט מען דיר אויך וואַרפען אין וואַסער אריין!

שלמה'קע ווערט פון מינוט צו מינוט אויפגערעגטער, דאָס דערקענט זיך אין זיינע באַוועגונגען, אין דעם דרעהען זיך, און די אַקסעל, וואָס הויבען זיך אַלץ אָפטער און אָפטער. ער וואָלט גע־וואָלט, אַז דאָס וואָס דאַרף געשעהן, זאָל שוין גיכער קומען. ער פיהלט דעם טאַטען, ער פיהלט איהם אין יעדען אבר, און ניט זע־הענדיג, זעהט ער זיינע בייזע אויגען, וואָס קוקען אויף איהם, נעמען איהם דורך און דורך, און וועלענדיג פּטור ווערען פון זיי, גיט שלמה'קע אַן ענטפער אָפּ:

— נו, וועט מען מיך וואַרפען!

— וואָס הייסט?!... — ווערען אַלע ערשטוינט.

און דער פּאַטער שפּרינגט פון געדולד אַרויס, גיט איהם אַ שטעק אַריין די האַנט פון הינטען אין קאָלנער אַריין, טוט איהם אַ טרייסעל און פרעגט:

— וואַ־אַ־ס זאַגסטו, וואָס? וואָס זאַגסטו עפּעס: „וועט מען מיך וואַרפען!"... וואָס הייסט?... האָסט שוין גאָר קיין מורא ניט פאַר גאָט אויך?!

— געוואַלד, אידען! — שרייט די מוטער, ברעכענדיג די הענט און קוקענדיג איהם גלייך אין פּנים אַריין, און ער, דער פּאַטער, שטורעמט ווי ניט מיט זיין קול:

— ענטפער מיר!

ווי מען וואָלט צו אַ שטומען גערעדט.

ראובן האָט זיך געגעבען אַ ציה אויס, און אַ פלאַמענדיגער, אַ צוהיצטער, ווי ער וואָלט שרעקליך קיין צייט ניט געהאַט, איילענדיג אַראָפּגעכאַפּט דעם פּאַסיק פון די הויזען, און אויפהויבענדיג איהם אַ צוזאַמענגעלעגטען אין צווייטען איבער שלמה'קעס קאָפּ, אויס־געשריען:

— זאָלסט מיר ש ו י ן ענטפערען!

אַזוי ווי אין דער וואַנט אַריין.

— אָן עקשן! — האָבען פּרעמדע, זייטיגע מענשען געגאָסען בוימאויל אויפ'ן פייער, און אייניגע האָבען דער מוטער אין די אויגען דאָס קינד געשאָלטען:

— ער האָט נאָך געמעגט אויסגערונען ווערען ביי דער מאַמען אין בויך! — און די אומגליקליכע מוטער האָט עס געמוזט, נעבאָך, צוהערען און שווייגען.

— ניין, איצט איז שוין געקומען דער סוף דיינער! — האָט דער פּאַטער מיט אַ מאָדנער פאַרביטערטקייט אויסגעשריען. — איצט איז געקומען דיין סוף... אַזעלכעס איז גאָר ניט געווען... נעמען אַ „צער בעלי חיים" און דאָס דערטרינקען... איהר זעהט, ווי ער שטעהט?! — האָט ער געזאָגט מיט אַ צובראָכען קרענקליך קול. — ער האָט שוין פאַר קלעפּ אויך קיין מורא ניט! — און פּלוצלינג הילפלאָז אויסגעשריען:

— האָט אויף מיר רחמנות, נעמט איהם צו פו" מיר! אַ־ניט, וועל איך פון איהם אָדער פון זיך מאַכען אַן עק... —און האָט זיך צוכליפּעט ווי אַ קליין קינד...

.4

שלמה׳קען האָט דער פאָטער אָפּגעגעבען צו אַ שוסטער.

אַ שטיק צייט פריהער האָט ער איהם געהאַלטען אין איין שרע־קען דערמיט, נאָר שלמה׳קע האָט זיך דערפון גאָרניט געמאַכט, און ענדליך האָט דער פאָטער עס טאַקע געטאָן. און אָנגעזאָגט האָט ער דעם שוסטער, אַז עסען זאָל ער איהם געבען, קוים די נשמה צו דער־האַלטען, שלאָפען זאָל מען איהם לעגען אין קיך, און דאָס — אָהן אַ קישען, און דערפאַר האָט דער פאָטער צוגעזאָגט דעם שוסטער גוט צו באַלוינען.

די שוסטערקע, אַ הויכע, דאַרע, זויערע אידענע, וואָס האָט געהאַט אַ יונג און אַן אַלט פּנים, האָט זיך איינמאָל אפילו צוקריגט מיט׳ן מאַן. זי האָט ניט געקאָנט צוזעהן דאָס רחמנות פון דעם אינגעל, און איינמאָל, ביינאַכט, איז זי אַרונטער פון געלעגער און האָט אונטערגערוקט שלמה׳קען אַ קינדעריש קישעלע צוקאָפּענס. ווי פאַרוואונדערט איז זי אָבער געוואָרען, ווען זי האָט אין דער פריה געטראָפען דאָס קישעלע אָן אַ זייט אָפּגעוואָרפען...

— דער הונט איז טאַקע ווערט דעם שטעקען, — האָט זי געזאָגט, און זי האָט איהם שוין מעהר ניט געגעבען קיין קישען צו־קאָפּענס.

דער שוסטער, אַ פרעהליך אידעל, וואָס האָט ליב געהאַט קאַ־טאָוועס טרייבען, האָט, וויסענדיג, אַז פאַר זיינע מעשים וועט ער ניט זיין פאַראַנטוואָרטליך, ברייט אויסגענוצט זיין פולמאַכט איבער דעם שוצלאָזען אינגעל און איהם אָנגעטאָן געברענטע ליידען. אַזוי האָט ער איינמאָל, ווען שלמה׳קע איז אין דרויסען אַרויסגעגאַנגען, אַריינגעקלאַפּט עטליכע צוועקלאַך אין שלמה׳קעס ביינקעלע, און דער לעצטער, ניט באַמערקענדיג, האָט זיך געטאָן אַ זעץ אַוועק און אַרויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי. אַ צווייטען מאָל, ווען דער אינגעל

איז געשלאָפען, האָט ער איהם צוגעקלעפּט צום באָרוועסען פוס א שמאָל פּאַסיקעל פּאַפּיר און עס אונטערגעצונדען, און שלמה׳קע האָט זיך מיט א ווילדען געשריי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. א דריטען מאָל האָט ער איהם אונטערגעגאָסען וואַסער אויפ׳ן געלעגער און אין דער פריה געמאַכט אויף איהם א בלבול... ניט קוקענדיג אויף די אַלע יסורים, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען ביים שוסטער, האָט שלמה׳קע זיך דאָך געהאַלטען אזוי שטיל, ווי מען וואָלט איהם דאָרטען גאָרניט געטאָן. ער איז געווען געהאָרכזאַם, געטאָן וואָס מען האָט איהם געהייסען, נאָר די ליפּעלאַך זיינען ביי איהם פון טאָג צו טאָג איינגעשרומפּענער געוואָרען און די אויגעלאַך האָבען גע־בלאַנקט מיט א קרענקליך פיבעריש פייערעל.

דער פּאָטער פלעגט זיך אַלע טאָג מיט׳ן שוסטער זעהן און אמאָל טרויעריג פרעגען:

— וואָס הערט זיך?

— וואָס זאָל זיך הערען? — האָט דער שוסטער פרעהליך געענטפערט.

— איהר באַמערקט ניט?... איהר ווייסט ניט, ער וויל שוין אפשר געהן אהיים?

— אָט! — האָט דער שוסטער נאָך פרעהליכער געענטפערט און דערביי פאַרבויגען דעם קאָפּ אויף א זייט.

אזוי אַרום האָט דער פּאָטער שוין פאַרלאָרען די לעצטע האָפ־נונג, אז עס וועט ווען עס איז זיין פונ׳ם קינד א לייט, און געקומען איז ער אַלע מאָל אהיים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און געפרעגט ביי דער מוטער:

— וואָס וועט זיין דער תכלית, א?

געפרעגט האָט ער עס גלאַט אזוי. געוואוסט, אז קיינער איז ניט ביכולת איהם צו ענטפערען אויף דער שווער אָנגעוועהטאָגטער פראַגע; געוואוסט, אז א חוץ טרערען, וועט ער פון איהר גאָרניט זעהן און הערען, און האָט דאָך געפרעגט:

— וואָס זשע וועט זיין מיט איהם דער תכלית, א? — און

האָט שוין אזוי געפונען פאַר נאַטירליך, וואָס זי האָט זיך אַלע מאָל נאָך דער פראַגע צואווײנט.

איינמאָל האָט זיך דער פּאָטער פּנים צו פּנים מיט׳ן קינד באַגעגענט.

שלמה׳קע האָט אָפּגעטראָגען ערגעץ אַ פּאָר גרויסע אַלטע שטיוועל מיט נייע גראָבע זוילען. די שטיוועל זיינען ביי די אויערען געווען צונויפגעטשעפּעט, איינער איז געהאַנגען פון פאָרענט, דער צווייטער פון הינטען, און האָבען זיך געטעלעבענדעט, געקלאַפּט, ווי אַ פּאָר לעבעדיגע פיס וואָלטען אויף איהם רייטענדיג געזעסען; און אַן אויסזעהן האָט ער געהאַט ניט ווי קיין אינגעלע, נאָר ווי אַ גרויס־קליין מענשעלע, וואָס לאָזט זיך ערגעץ צופוס אין אַ ווייטען וועג, פאַרזאָרגט, דער׳הרג׳עט פון דאגות פרנסה.

שלמה׳קע איז זיך געגאַנגען זיין וועג, ווי ער וואָלט דעם פּאָטער ניט באַמערקט, אָדער ווי ער וואָלט דעם אידען ניט געקענט, און דער פּאָטער האָט געקוקט אויף איהם מיט אַזעלכע ברייט צועפּענטע אויגען, ווי ער וואָלט פלוצים דערזעהן אַזעלכעס, וואָס ניט ער און ניט קיין אַנדערער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן... און געזעהן און געפיהלט האָט ער, וואָס האָט שוין קיין ווערטער ניט געהאַט, נאָר אַ שטום, פיינליכער וועהטאָג האָט געפרעסט דאָס פּאָטערליכע הארץ, און עס האָט שוין גאָר ניט געהאַלטען וויט דערפון, ער זאָל איהם נאָכלויפען, כאַפּען איהם און טאָן מיט איהם אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געטאָן. ער האָט אָבער ניט געטאָן. האָט עס ביי זיך פועל׳ן ניט געקאָנט, עפּעס איז שוין דאָרט דאָס הארץ צו פאַרבלוטיגט געווען פון דער לאַנג יאָהריגער מלחמה, וואָס ער האָט מיט׳ן קינד געפיהרט, און אויך איצט האָט איהם שמערצליך פאַרדראָסען, וואָס דאָס קינד איז איהם אזוי פאַרבייגעגאַנגען, גלייך ווי ער וואָלט שוין גאָר קיין פּאָטער ניט געווען...

ער איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט און איהם נאָכגעקוקט און געברענט האָט איהם דער פּנים פון פרעמדע אויגען, וואָס האָבען געזעהן דאָס, וואָס ער האָט געזעהן... ער האָט זיך געשעמט, ער האָט ניט געוואוסט וואו צו באַהאַלטען די אויגען פון חרפּה... עפּעס

האָט איהם אָט דער קליינער איצט אָפּגעטאָן אָזעלכעס, וואָס האָט שוין גאָר צו זיינע פריהערדיגע מעשים קיין גלייכען ניט געהאַט. און געוואָלט האָט ער אַ גרוב זאָל זיך איהם עפענען און ער זאָל איינגעזונקען ווערען אין איהר, ווי קרח מיט זיין עדה.

ענדליך האָט ער זיך פון אָרט אָפּגעריסען, איז ווי אַ גנב אַי־בערגעלאָפען דעם מאַרק, און אַריינקומענדיג אין שטוב, האָט ער זיך מיט ביידע הענט ביים קאָפּ אָנגעכאַפּט, אויסגעקרימט דעם פּנים און פּאַמעליך, נאָר שאַרף דורכדרינגענדיג, אויסגערופען:

— ח־נ־ה!... ח־נ־ה!... איך באַקום באַלד די פּאָפּלעקסיע! אָט־אָט־טאָ באַלד וועט מיר צושפּרונגען ווערען דאָס האַרץ...

און ביידע, אי ער, אי זי, האָבען זיך יאָמערליך צוואַויינט.

דאָס איז געוועזן בייטאָג, און דעם זעלבען טאָג ביינאַכט איז עפּעס אומערוואַרטעטעס געשעהן.

## 5.

שפּעט ביינאַכט, ווען דאָס גאַנצע שטעדטעל איז אין אַ שטילער געדיכטער פינסטערניש געלעגען איינגעהילט, האָט אַ פייער דעם שוסטער'ס שינדעל־דאַך אַרומגעכאַפּט. אַ ליכטיגקייט האָט די פינ־סטערניש אַרומגענומען און הונדערטער שוואַרצע שויבען פון די אַרומיגע שטיבער, צווישען זיי אויך שלמה'קעס עלטערענ'ס שטוב, האָבען אָנגעהויבען צו בליאַסקען, און געדאַכט האָט זיך, אַז אין די אַלע שטיבער האָבען זיך מיט אַמאָל פייערען אָנגעצונדען, וואָס האָבען דאָך ניט געלויכטען, נאָר עפּעס נאָך שוואַרצער און טרויערי־גער די פענסטער געמאַכט, און אַ העל־ראָזער קאָליר האָט אויף די ווענט און די דעכער געטאַנצט.

און אויפגעכאַפּט האָט מען זיך ביים שוסטער אין שטוב, ווען דער רויך האָט זיך שוין דורכ'ן סופיט דורכגעשלאָגען און די שלאָ־פענדיגע אָנגעהויבען צו שטיקען. ווי צושראָקענע משוגעים זיינען אַלע מיט די הוילע העמדער דורך די פענסטער און טירען אַרויס־געשפּרונגען, נאָר איין שלמה'קע איז זיך שטיל, וואַכעדיג אויף זיין געלעגער געבליבען, איבערגעדעקט מיט אַן אַלטער גראָבער בורקע,

און האָט אַלע מאָל צוגעהוסט פון דעם רויך, וואָס האָט איהם וואָס אַמאָל מעהר, ווי אין אַ געדיכטען נעפּעל איינגעהילט. און שלמה׳קע וואָלט געווים געווען פאַרבּרענט געוואָרען, ווען עס קומט ניט צו־לויפען דער פּאָטער, אַ טויט דערשראָקענער, און כאַפּט איהם פון שטוּב ניט אַרוים אַ האַלב דערשטיקטען.

און ווי ער האָט איהם נאָר אַרויסגעכאַפּט, האָט זיך אַ שטיק פייער די לענג ווי אַ האַנט דורכ׳ן סופיט דורכגעשלאָגען, און די שטוּב אינוועניג איז רויט באַלויכטען געוואָרען, און אַלעס, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט זיך פון רויך אַרוים אַ ווייז געטאָן, נאָר די האַנט איז באַלד צוריק אויפ׳ן ליכטיגען בוידעם אַרויף, און אין שטוּב איז ווידער פינסטער געוואָרען. און געדוכט האָט זיך, אַז דאָס פייער פון אויבען האָט אַ האַנט פון אונטען אַראָפּגעשטעקט, האָט אַ טאָפּ געגעבען, צי עס טויג צום ברענען, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַ שטיק סופיט אַראָפּגעפאַלען, און דער פלאַם האָט זיך מיט אַ גע־רויש, ווי מען גיט אַמאָל אַ גאָס וואַסער, אין שטוּב אַריינגעכאַפּט און האָט אָנגעהויבען שוואַרץ צו מאַכען די ווענט; און אַלעס, וואָס עס איז אין שטוּב געווען, האָט אָנגעהויבען צו פאַלען און קניען און פאַרלירען זייער געשטאַלט. עס האָט זיך דערהערט אַ קלינגערייי און אַ קלאַפּעריי פון שויבען. און דער פלאַם האָט פון שטוּב אַרוים אין דרויסען צינגער געשטעקט, געגעבען אַ לעק די ווענט פון דרויסען, אַריין און ווידער אַרוים, און אויבען, גאַנץ הויך, האָבען זיך, ווי פון פייער אַרוים, שוואַרצע פויגעל געוויזען, וואָס האָבען געמאַרשירט אין רויך אַריין און צוריק. און אויף די אַרו־מיגע נאָהענטע דעכער זיינען גוים מיט אידען געשטאַנען און גע־זעסען, און האָבען אַלע מאָל די דעכער צוגענעצט. די פּנים׳ער זייערע זיינען העל באַלויכטען געווען און די אויגען האָבען שוואַרץ געבלאַנקט, ווי קיילעכדיגע שטיקלאַך גלאָז, אונטערגעשמירטע מיט סאַזשע, און הינטען האָט מען פון די ברייט צועפענטע טירען, ווייסע און שוואַרצע פעקלאַך געשלעפּט, מיט אָפענע מיילער און מיט ברייט צועפענטע אויגען אויפ׳ן פייער געקוקט, און האַרץ רייסענדע גע־שרייען האָבען זיך ווייט אַרום אין דער שטילער פינסטערער נאַכט

געהערט, און געדאַכט האָט זיך, אַז ניט די, וואָס טראָגען די פּעקלאַך שרייען, נאָר עפּעס אַנדערע. עס שרייען יענע, וואָס מען זעהט זיי נאָרניט. און די שוסטערקע מיט'ן שוסטער מיט אַ פּאָר קינדערלאַך זיינען אַנטקעגען פייער געשטאַנען און העגט געבראָכען, זי שרייענדיג און ער שטילערהייט. און אָט איז זיך אַ פערדעל מיט אַ פאַס וואַסער צוגעפאָהרען, און אימיצער האָט אַן עמער געכאַפּט, און פון דער ווייטען האָט זיך עפּעס ווי אַ ברייטער, גרויסער וואַסער צוג אין פייער אריינגעוואָרפען און איז ניט געבליבען, ווי דאָס פייער וואָלט איהם איינגעשלונגען, און איידער מען האָט נאָך דעם צווייטען עמער געגאָסען, האָט שוין אויף דעם זעלבען אָרט, וואו מען האָט דעם ערשטען עמער אַ גאָס געגעבען, ווידער געברענט, און דאָס פייער האָט זיך מיט מעהר שטאַרקייט צופלאַקערט, ווי אויף צו להכעיס.

און אָט האָט זיך נעבען דער שטוב אויף אַ צווייטען דאַך ביי דער סטריכע אַ פייערעל באַוויזען. עס האָט זיך געגעבען אַ ציה אַרויף און ניט געבליבען, נאָר אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז שוין אַ האַלבער דאַך אין פייער געווען, און יעדער דאַך האָט מיט אַמאָל געטאָן אַ פאַל איין, און אַ לאַנגער ראָזער קוימען איז גדלות'דיג שטעהן געבליבען, ווי ער וואָלט געזאָגט צום פייער: „נו, טו מיר עפּעס!" און פונ'ם קוימען איז זיך אַ גאַנץ געוועהנליכער רויך געגאַנגען, ווי אונטען וואָלט אימיצער וועטשערע געקאָכט... און פון ווינקעל האָבען פּסח'דיגע טעפּלאַך פון בוידעם אַראָפּגעקוקט, און דאַכט זיך, צום פייער געשמייכעלט.

פּלוצים האָבען זיך צווישען די געשרייען און געוואַלדען נייע געוואַלדען און נייע געשרייען דערהערט, און די אַלע מענשען, וואָס זיינען אַנטקעגען פייער געשטאַנען, האָבען זיך דערשראָקען, זיך אומגעקוקט, מיינענדיג, אַז עס ברענט שוין נאָך ערגעץ. נאָר אַ חוץ דער פינסטערניש, וואָס איז ווי אַ געדיכטע שוואַרצע וואַנט, נאָהענט ביים פייער געשטאַנען, האָט מען גאָר ניט געזעהן, נאָר קליינע פייערלאַך, וואָס האָבען, דאַכט זיך, ווי פון ווייט-ווייט טרויעריג און עלענד געקוקט אהער צום גרויסען פייער. און די געוואַלדען זיינען אַלץ נעהענטער צום פייער געקומען, און אין אַ

פּאַר מינוטען אַרום האָט זיך ווי פון דער פינסטערניש עפּעס אַ ווייס באַוויזען, און דאָס ווייסע איז אַלץ נעהענטער. אַהער צום פייער געלאָפען, און וואָס עס איז נעהענטער צום פייער צוגעקומען, אַלץ דייטליכער האָט מען געזעהן, אַז עס לויפט עפּעס אַ קליין איינ־געלע אין אַ העמדעלע און נאָך איהם יאָגען זיך נאָך צוויי פיגורען: איינע אַ פרוי דאַכט זיך, און די צווייטע — אַ מאַנסביל, און די צוויי פיגורען שרייען: „כאַפּט איהם! כאַפּט איהם!" און ווען דאָס קליינע, וואָס מען האָט פון נאָהענט דערקענט, אַז דאָס איז שלמה'קע, האָט זיך גלייך אין פייער אריינגעלאָזט, האָט איהם אימיצער דאָרט אַ כאַפּ געטאָן און איהם איבערגעגעבען דעם פאָ־טער, וואָס האָט איהם מיט אַלע כחות קוים איינגעהאַלטען אין ז'ער לענג אויף די הענט. ווי אַ ווילד באַשעפעניש האָט ער זיך געוואָרפען און געריסען זיך אין פייער אריין, און ענדליך, ווען ער איז מיד געוואָרען וואַרפענדיג זיך, האָט ער ווי אַ ווילדע חיה, אַ ר'טשע ארויסגעלאָזט און האָט אָהנמעכטיג דעם קאָפּ פאַרוואָרפען.

## 6.

שלמה'קע איז נאָך דער געשיכטע צוויי וואָכען קראַנק געווען. געקרעכצט האָט ער נאָר דאַן, ווען ער האָט היץ געהאַט, און ווען די היץ האָט אָפּגעטראָטען, איז ער שטיל געבליבען און מיט טרוי־עריגע אויגען געקוקט אין פענסטער אריין. די מוטער איז טאָג און נאַכט געזעסען נעבען איהם אויפ'ן בעט, האָט איהם אַנגעקוקט מיט פאַרוויינטע אויגען און וויפיל זי האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהר זאָגען, וואָס און וואו טוט איהם וועה, האָט ער ניט געענט־פערט. און אַז זי איז שוין גאָר שטאַרק צוגעשטאַנען צו איהם און ארויפגעלייגט די האַנט אויפ'ן ווייסען שטערנדעל און געפרעגט: „דאָ טוט דיר וועה?" האָט ער אַ שאָקעל געגעבען מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

דער פאָטער איז ארומגעגאַנגען האַלב־טרויעריג, האַלב־צאָרנ־דיג און האָט געשוויגען, איז אַלע מאָל שטעהן געבליבען אַנטקעגען בעט מיט אָראָפּגעלאָזטע פאַרבראָכענע הענט, האָט צוגעשאָקעלט

מיט'ן קאָפּ, אָפּגעזיפּצט און ווידער אַוועקגעשפּאַנט. און אַלע מאָל האָט זיך דערהערט אַ קנאַק פון פינגער, און ווען די פינגער האָבען שוין ניט געקאָנט קנאַקען, האָט ער זיי גלאַט אַזוי געבראָכען, גע־דרעהט היץ און צוריק. נאָך דעם האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט הינ־טער איהר פּלייצע און אַ פרעג געגעבען:

— וואָס וועסטו עפּעס איצט זאָגען?

איהם האָט זיך געוואָלט הערען פון איהר, וואָס וועט זי עפּעס זאָגען אויף דער געשיכטע, וואָס ער איז געלאָפען אין פייער אריין. דאַמאָלסט האָבען זיי געדענקט, אַז ער האָט זיינע געדאַנקען פאַר־לאָרען, נאָר דער דאָקטאָר האָט זיי בארוהיגט, אַז ער איז ביים פאַלקאָמען פארשטאַנד, נאָר ער איז צו אויפגערעגט. פון וואָס? פון וואָס האָט ער געוועהנליך ניט געוואוסט, און האָט אָנגעזאָגט, אַז למען השם, מען זאָל איהם ניט אויפרעגען און אַלעס וואָס ער וועט וועלען זאָל מען איהם נאָכגעבען, ווייל ער איז צו נערוועז. און דער דאָקטאָר האָט זיך דערביי שטאַרק געוואונדערט, וואָס אַזאַ קינד האָט שוין אַזעלכע צושרויפטע נערווען.

די מוטער איז, געוויינליך, באַלד ארויפגעפאַלען אויפ'ן פאָטער און האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז דערפאַר, וואָס ער שלאָגט איהם כסדר. איז ער ווידער אויף איהר ארויפגעפאַלען און געזאָגט, אַז עס איז דערפאַר, ווייל זי פלעגט זיך פאַר איהם אָננעמען. ווען זי וואָלט איהם פון קינדרווייז אָן ניט געוועזן צולאָזען, וואָלט ער גאָר פארשפּאָרט צו שלאָגען. און לסוף האָט ער ערשט געזאָגט, אַז עס איז גאָרניט דערפאַר. אָט אַזוי איז ער פון געבוירען אָן, און וואָלט געוועזן אַזוי פיל ווען מען שלאָגט איהם ניט. ער איז ניט נערוועז, נאָר פּשוט אַ משוגע'נער. און פאַר אַ משוגע'נעם איז דאָ איין רפואה: שלאָגען און געגוג.

און שלמה'קע האָט עס אַלץ געהערט און — גאָרניט, ווי מען וואָלט פון אימיצען אַנדערש רעדען, נאָר די אויגען זיינען שאַרפער, שטעכעדיגער געוואָרען, ווי געוויינליך, און האָבען זיך עפּעס ווי נאָך טיפער אין פענסטער אַריינגעקוקט.

נאָך די צוויי וואָכען איז שלמה'קע אויפגעשטאַנען פון זיין

קראַנקען בעט, האָט מען איהם פון שטוב ניט אַרויסגעלאָזט און „געפּילעוועט" מיט עסען און טרינקען. די מאַמע האָט איהם גע־האַלטען אין איין גלעטען און קושען, און אמאָל גאָר אויף די הענט גענומען און האָט זיך מיט איהם געהאַלטען, ביז דאָס האַרץ האָט איהר פון מידקייט שטאַרק אָנגעהויבען קלאַפּען. דער טאַטע האָט זיך אויך אַ פּאָר מאָל געבראָכען דאָס האַרץ און האָט איהם אויך אמאָל אַ גלעט איבער'ן קאָפּ געשענקט.

ענדליך, ווען ער איז שוין אינגאַנצען געזונט געוואָרען, האָט מען איהם צוריק אין חדר אָפּגעגעבען.

אַ פּאָר וואָכען איז שלום ושלוה געווען. שלמה'לע איז גאָר אַ סטאַטיק געוואָרען: געהט זיך גאַנץ פריה אַוועק אין חדר און קומט פאַרנאַכט אהיים, און וויל זיך גאָר באַלד לעגען שלאָפען. און אויב ניט שלאָפען, פאַררוקט ער זיך ערגעץ אין אַ טונקעלען ווינקעל, שטעלט זיך דאָרט אַוועק און שטעהט. דער פאָטער האָט פון דעם אַ ביסעל פאַרדרוס, און דאָך איז ער געווען צופרידען: פאָרט גע־וואָרען אַ שטיל קינד. דער מוטער אָבער האָט עפּעס זיין שטילקייט געשראָקען. פלעגט זי צו איהם אָפּט צוגעהן און אַ רוף געבען:

— שלמה'ניו?!

זי האָט אפילו געוואוסט, אַז ער וועט ניט ענטפערען, אָבער דאָך פלעגט איהר דערפון ווי גרינגער ווערען אויפ'ן האַרצען...

אַ פּאָר מאָל האָט מען איהם פון דאָרט אַן איינגעשלאָפענעם אַרויסגענומען. נאָר איהר, דער מאַמען, האָט זיך געדאַכט, אַז ער שלאָפט ניט, נאָר האַלט אַזוי די אויגען צוגעמאַכט...

און דער טאַטע האָט זיך מיט אַ לייכט געמיט אַלע מאָל געזאָגט:

— אַי איז ער ווערט שמיץ, אַי איז ער ווערט קלעפּ.

זי האָט אויף איהם ביי יעדען מאָל אַ גיפטיגען קוק געוואָרפען, און איהר איז ווי אויף דער צונג געלעגען:

— האָסט שוין ניט וועמען צו שלאָגען!

און דאָרטען, טיף ערגעץ ביי איהר, האָט אַ שוואַרצער געדאַנק געקלאַפּט:

„מיר האָבען שוין קיין קינד ניט, מיר האָבען שוין קיין קינד ניט"...

טרעפט זיך, אַז שלמה'לע איז אין איין שעהנעם טאָג ווידער פון חדר ניט געבליבען.

דאָס מאָל האָט איהם דער פּאָטער אַליין געשענקט, נאָר גע־פונען פאַר נויטיג איהם מזהיר צו זיין:

— הער זשע, דאָס מאָל שענק איך דיר. נאָר טאָמער וועט נאָך אַמאָל טרעפען, דו וועסט אוועקגעהן אָהן דעם רבי'נס וויסען פון חדר, זאָג איך דיר, אַז דיין לעבען וועט קיין לעבען ניט זיין... געדענק זשע!

אין עטליכע טעג ארום נאָך דער שטרענגער אזהרה איז געקומען צו לויפען א „שטאַפעט" פון חדר און געפרעגט פאַרוואָס איז שלמה'לע ניט געקומען אין חדר. טאַטע־מאַמע האָבען אויס־געגלאָצט די אויגען און ביידע מיט אַמאָל, ניט דאָס צום אינגעלע, און אויך ניט איינס צום אנדערען אויסגערופען:

— וואָס הייסט? ער איז דאָך אוועק אין חדר!

— ער איז ניטאָ.

— ער איז גאָר ניט געווען אין חדר? — פרעגט די מוטער.

— ניין, ניט געווען! — ענטפערט דאָס אינגעלע מיט א טרויעריג קול, פיהלענדיג די עלטערנ'ס אויפגערעגטקייט, — ניט געווען. דער רבי האָט מיך געשיקט, איך זאָל איהם רופען.

און געכאַפּט האָט ראובן אויף זיך די קאַפּאָטע, געטאָן א רוק אָז דאָס היטעל, און איינציגווייז, ווי ער האָט זיך א לאָז געטאָן הענדום־פּענדום צו דער טיר, האָט חנה אָן עפּעס געטאָן דאָס מויל, און פאַרגליווערט איז עפּעס געבליבען אויף דער צונג, און אויסגע־שטרעקט האָט זי ביידע הענט צום מאַן, ווי זי וואָלט איהם אָפּ־האַלטען געוואָלט. נאָר אויך דאָס האָט זי ניט געטאָן. און ערשט אין א פּאָר מינוט ארום, ווען ראובן האָט שוין ווייט אַנגעשפּאַרט, האָט זי זיך ווי פון א חלום דערוואַכט, און איז ארויסגעלאָפען אין דרויסען און נאָכגעשריען:

— ר א ו ב ן ! ! ! — —

דער טאטע מיט'ן רבי'ן האבען זיך פון בארג צום טייך אראפּ־געלאזט און נאך פון ווייטענס דערזעהן שלמה'קעס קעפעל, וואס האט ארויסגעשטעקט פון איינס פון די שיפלאך, וואס זיינען אין א גרויסער צאהל געשטאנען האלב אויף דער יבשה און האלב אויפ'ן וואסער. צוקומענדיג נאהענט צו איהם, אזוי נאהענט, אזביידע האבען שוין געזעהן, אז שלמה'קע זעהט זיי, האט דער רבי מיט א צומישטען, פארצווייפלענדיג־איינגעהאלטענעם פארדרוס געזאגט צום פאטער:

— איהר זעהט? ער האט שוין גאר קיין מורא ניט, ער זיצט זיך גאנץ רוהיג!

— פאני פריין, זייט זיך נאר מטריח, קריכט ארויס פון שיף! — האט דער רבי געזאגט אונטער דער נאז מיט אן איינגע־האלטענעם כעס — מיר דארפען אייך נויטיג האבען...

שלמה'קע האט ביידען באטראכט מיט ברייט אפענע, גיפטיג־איראניש־שמייכלענדיגע אויגען, און עס האט זיך געדאכט, אז ער קוקט ניט אויף זיי, נאר אין זיי, וויל זיי דורכשטעכען מיט זיינע בליקען. ביידע האבען זיך ניט גוט דערפיהלט פון דעם קוק, און האבען מיט אמאל אויסגעשריען:

— וואס קוקסטו אזוי? האסט אונז ניט דערקענט!...

שלמה'קע האט ניט געביטען דעם קוק, און דערצו האט זיך נאר אן איראניש־גיפטיג שמייכעלע באוויזען אויף זיינע ליפען.

— ארויסגעהן! — האט דער פאטער א געשריי געטאן, און דערביי א טופּ געגעבען מיט'ן פוס, — זאלסט שוין ארויסגעהן!

שלמה'קע איז זיך רוהיג, קאלט געזעסען און געקוקט דעם פאטער גלייך אין די אויגען אריין.

— וואס זאגט איהר עפעס אויף דעם עזות, א? — האט דער רבי נאך מעהר היץ אונטערגעגעבען, — א שייגעץ קען!

עס זיינען אוועקגעגאנגען עטליכע מינוט, און אין די עטליכע מינוט האבען די ביידע גרויסע מענשען עפעס מאדנע זיך גע־פיהלט אנטקעגען דעם קליינעם מענשעלע... די רוהיגקייט זיינע און די שטעכעדיגע אויגעלאך האט זיי עפעס ווי פאראליזירט. זיי

האָבען גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט איהם... שיער, שיער ניט מורא געקראגען פאר איהם...

— ארויסגעה! — האָט דער פאָטער ענדליך אויסגעשריען, קוקענדיג אָן א זייט...

ער איז געזעסען.

האָט שוין דער רבי א געשריי געטאָן:

— דו, ממזר להכעיס!... דו... דו... דו וועסט ארויסגעהן צי ניין!

שלמה'קע האָט געקוקט. האָט דער פאָטער גערעדט, האָט ער געקוקט אויפ'ן פאָטער; האָט דער רבי גערעדט, האָט ער געקוקט אויפ'ן רבי'ן. ביים פאָטער האָט זיך דורכגעשניטען א געדאנק:

„אפשר איז ער גאָר משוגע געווארען!"

און אויפגערעגט פון דעם געדאנק, איז ער אין שיף ארייננגע־שפרונגען, האָט א נעם געטאָן שלמה'קען ביי א האנט און האָט איהם געגעבען א שלעפ ארויס פון שיפעל.

דער רבי האָט איהם דערלאנגט אין האלז־און־נאקען אריין, פון וואָס שלמה'קע האָט זיך געגעבען א בויג איין צו דער ערד, און דעם פאָטער, וואָס האָט זיך דוקא געקלערט אפצוהאלטען שוין איהם ניט שלאָגען, האָט דער קלאפ געגעבען עפעס א קאָך־אונטער און ער האָט כמעט אינסטינקטיוו דעם צווייטען איבער'ן קאָפ דערלאנגט.

מעהר האָט מען איהם ניט געשלאָגען. נאָר איין שטופ האָט איהם נאָך דער רבי געגעבען אין פלייצע, ער זאָל געהן. איז ער זיך געגאנגען: ער פון פאָרענט, און זיי פון הינטען. נאָר פלוצלינג גיט זיך שלמה'קע א בויג אָן, א דרעה אוים צו זיי מיט'ן פנים, און עפעס טוט א שווינדעל אין דער לופט, און דער פאָטער גיט פלוצלינג זיך א כאפ פאר'ן קאָפ:

— אי!...

שלמה'קע איז ניט אנטלאָפען, נאָר איז שטעהן געבליבען מיט א רויט פנים, מיט פלאמענדיגע אויערען, מיט ברענענדיגע אויגען, און ווער וויים וואס דאָ וואָלט פארגעקומען, ווען עם לויפען ניט צו

די עטליכע ווייבער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים טייך און געוואַשען כּולטערם מיט לאָקשען־ברעטער, און איינע א יונגע „בעזדיעט־ניטשקע" כאַפּט ניט ארוים שלמה'קען, און מיט נאַסע ראַזעווע הענט און פּיס, איהם אוועקגעשלעפּט צו זיך אין קליינעם שטיבעלע אריין.

מיט שטילע פאַטערליכע טריט האָט זיך ראובן געלאָזט געהן אהיים. ער איז געגאַנגען טרויעריג מיט אַן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ, ווי מען געהט פון א לויה, און ווי ער איז נאָר אין שטוב אריין, האָט ער פאַרקרימטערהייט זיך געהייסען איינגעצען א האַנטוך און דערביי אראָפּגענומען דאָס היטעל, פון וועלכען עס האָט זיך געוויזען איבער'ן אויער א רויטער נאַסער פלעק.

— בלוט! — האָט חנה אויסגעשריען און איז צו צו זיין קאָפּ. וואו! ווער?... וואו האָסטו זיך עס געמאַכט?...

— נעץ נאָר איין א האַנטוך — האָט ער שטיל און טרויעריג געזאָגט, לייכט אָפּשטופּענדיג זי פון זיך, — נעץ נאָר איין א האַנטוך, וועל איך דיר שוין דערצעהלען...

ווען זי איז אריינגעקומען מיט'ן נאַסען האַנטוך, איז ער געלעגען אין בעט און געקרעכצט.

— נו, לאָמיר שוין הערען — האָט זי, אין גאַנצען ציטערענדיג, געזאָגט, פעסט ארומבינדענדיג איהם דעם קאָפּ, — לאָמיר שוין הערען!

— וואַרט אוים, האָסט קיין צייט ניט? — האָט ער איהר געענטפערט מיט דער זעלבער געמאַכטער רוהיגקייט... ועסט נאָך צייט האָבען צו הערען די גוטע בשורה...

— גוואַלד, אידען! וואָס נעהמט ער מיר די נשמה ארוים!

— איך נעהם ביי דיר די נשמה ארוים?... נו, וועל איך זי שוין ביי דיר ניט ארויסנעהמען. איך וועל דיר זאָגען, וועלען מיר זעהן, צי עס וועט דיר גרינגער ווערען... אָט זאָג איך דיר: ראָס האָט מיר דיין זוהנדעלע געמאַכט — און האָט איהר, זאָגענדיג עס, מיט ביידע אויגען אין פּנים אריינגעקוקט צו זעהן, וואָס פאַר אַן איינדרוק וועט עס אויף איהר מאַכען.

— וואַ־אַ־אַ־ם ?

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען ! פאַרשטעהסט גאָר ניט, וואָס איך רייד צו דיר ? ד י י ן ז ו ה נ ד ע ל ע !

— שלמה׳קע ? !

— כ׳וויים, אַזוי הייסט, דאכט זיך, דיין זוהנדעל... צי דו האָסט שוין גאָר זיין הייליגען נאָמען פאַרגעסען ?

— וואָס הייסט ? ווי אַזוי ?... האָט זי נאָך אַלץ ניט פאַר־שטעהענדיג געפרעגט.

— ווי אַזוי, פרעגסטו !... ווייסט גאָר ניט ווי אַזוי מען מאַכט א לאָך אין קאָפּ ? — האָט ער מיט א ביטער שמייכעלע געפרענט — מען נעהמט א שטיין און מען גיט א וואָרף אין קאָפּ אריין, ווערט א לאָך...

— אידען, גוואַלד ! וואָס וויל ער פון מיין לעבען האָבען ? וואָס ציהט ער ביי מיר דאָס חיות ארוים ! זאָג מיר, דערצעהל מיר ! וואָס, ווער, ווען ? וואָס איז דאָס פאַר א ריידען, וואָס ? און וואו איז ער ? וואָס הייסט שלמה׳קע האָט דיר געוואָרפען א שטיין אין קאָפּ, ווי אַזוי איז עס פאָרגעקומען ?...

ער האָט איהר שוין ניט געוואָלט ענטפערען.

— מסתמא איז עפּעס פאָרגעקומען ?

ער האָט געשוויגען.

— און דו שלאָגסט איהם נאָך, אַ ? ער איז דאָך אין דיר נעראָטען... אין דיר מיט די ביינער... אין דיר אין גאַנצען... יע־נער, אז ער שפּאַרט זיך איין, וועט ער שוין ניט ענטפערען, און אַזוי איז ער... פאַרשטומט זאָלסטו שוין ווערען, רבונו של עולם, און מיר גיב א טויט, א גיכען טויט, וועל איך פּטור ווערען מיט אמאָל פון אַלע צרות.

זי האָט זיך צוואויינט, און ער האָט איינגעגראָבען דעם פּנים אין קישען און איז אנשלאָפען געוואָרען.

---

שלמה׳קען האָט די „בעזדעטניטשקע" א גאַנצען טאָג פון שטוב ניט ארויסגעלאָזט, כאָטש ער האָט זיך אפילו שטאַרק ניט

געריסען ארויסצוגעהן. פון עסען האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. וויפיל זי האָט איהם ניט געבעטען, האָט ער אַלץ געדרעהט מיט דעם קאָפּ. נאָר א גלאָז מילך האָט ער אויסגעטרונקען. ער איז זיך געזעסען ביז פארנאכט, רוהיג און שטיל, מאָדנע שטיל איז ער געזעסען. די אויגעלאך האָבען עפּעס אזוי ווייט און טרויעריג ערגעץ געקוקט. זעהר אָפט האָט זיך ביי איהם א קרים געטאָן דאָס פּנים, ווי עפּעס שרעקליכעס וואָלט פאר זיינע אויגען פארבייגעלאָפען. און אמאָל פארקעהרט, האָט זיך א שמייכעל צוגאָסען, א ביטער שמייכעלע, און די „בעזדיעטניטשקע" איז אַלע מאָל צוגעגאנגען און געפרעגט:

— וואָס איז דיר, זוהן? וואָס זיצסטו עפּעס אזוי?

ער האָט ברייט די אויגען צועפענט און א פארטראכטען קוק אויף איהר געטאָן, עפּעס ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט וואָס זי רופט איהם זוהן, און זיין הערצעל האָט קינדעריש אָנגעהויבען צו קלאַפּען. אין די אויגען האָבען זיך איהם טרעהרען געשטעלט, און זי, דערזעהענדיג עס, האָט איהם ארומגענומען און, דריקענדיג צום הארצען, בארוהיגט.

— האָב ניט קיין מורא, מיין קינד! האָסט מורא פאר'ן טאַטען, פאר'ן טאַטען, יאָ?

ער האָט זי פּלוצלינג מיט די הענטלאך ארומגעכאַפּט און איינגעגראָבען דאָס פּנים אין איהר ברוסט.

— מען מאכט עס א תל פון א קינד, — האָט זי פאר זיך א זאָג געטאָן — ס'זיינען עפּעס מערדער, ניט קיין טאַטע־מאַמע...

דאָ האָט זיך שלמה'קע פון איהרע הענט א ריס געטאָן, געגעבען א שפּרונג אראָפּ און זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר. נאָר דאָס פלינק ווייבעל האָט איהם באצייטענס געכאַפּט, איהם אויפגעהויבען אין דער לופטען און צודריקענדיג איהם שטארק צום הארצען, שטאַמלענדיג געמורמעלט:

— שלמה'ניו, גאָט איז מיט דיר... וואוהין לויפסטו?

זי האָט זיך מיט איהם אוועקגעזעצט אויף דער לאנגער באנק, וואָס איז געשטאנען צווישען טיש און פענסטער, האָט איהם פעסט גטראַלטען ארומגענומען און גערעדט צו איהם גוטע, ווייכע, באַ־

האַרצטע ווערטער, און ער איז זיך שטיל אויף איהר שוים גע־זעסען און די אויגעלאַך האָבען געקוקט אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. פון צייט צו צייט האָט זיך ביי איהם אַ קרים געטאָן דער פּנים און דאָס ווייבעל, וואָס האָט אויף אַ מינוט ניט אַראָפּגעלאָזט דאָס אויג פון איהם, האָט אַלע מאָל געפרעגט:

— וואָס איז דיר, זוהן! — און ער האָט אַ פּאָר מאָל געענט־פערט מיט אַ ציטעריג קול:

— לאָזט מיך!... און האָט ניט געענטפערט, ווען זי האָט איהם געפרעגט וואוהין ער וויל געהן.

זיצענדיג אַ לענגערע צייט, איז דאָס קינד אַנשלאָפען גע־וואָרען, איינגעאָרענדיג דעם פּנים אין איהר ברוסט, און זי האָט איהם פאַמעליך אַריבערגעטראָגען און אוועקגעלייגט אויף דער בעט, און געהערט האָט ער דורכ׳ן שלאָף, ווי דאָס פרעמדע ווייבעל האָט ווידער געזאָגט:

— מען מאַכט אַ תל פון אַ קינד. ס׳זיינען עפּעס מערדער, ניט קיין טאַטע־מאַמע...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין אין שטוב געווען טונקעל און פּוסט. און דאָ, פּונקט אויף דער וואַנט, נעבען וועל־כער ער איז געלעגען, האָט זיך אָפּגעשלאָגען זעקס קעסטלאַך פון אַ זעקס־שויביגען פענסטער. שלמה׳קע האָט לאַנג ניט געקענט קו־מען צו זיך. ער האָט ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך און וואָס איז מיט איהם געשעהן — עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער איז עפּעס אויף אַזאַ אָרט, וואָס ער ווייסט ניט וואו ער איז...

ליגענדיג אַזוי פאַרטראָגען, האָט איהם פּלוצים פון אונטער׳ן טיש עפּעס אַ בליאַסקע געטאָן... עס האָט אַ בליאַסקע געטאָן לע־בעדיג־שטיל, און ערגעץ טיף ביי איהם אין אַ פאַרוואָרפען פינסטער ווינקעל האָט דער בליאַסק געקראָגען אַן אָפּשיין, ווי ערגעץ ביי איהם וואָלט שוין לאַנג עפּעס עהנליכעס געלעגען פאַרבאַהאַלטען, ווי דאָס וואָלט עפּעס אַ מין ווייטע בולט־שאַרפע עראינערונג גע־ווען...

אַ שוידער האָט דורכגענומען דעם גאַנצען קערפּער זיינעם. ער

האָט געוואָלט זיך אויפהויבען און אנטלויפען, נאָר ער איז אָבער, ווי א פּאראַליזירטער, געבליבען ליגען. און מאָדנע, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, כאָטש איהם איז נאָך ניט באוואוסט ווי אזוי קומט ער אהערצו, און פאַרוואָס איז ער דאָ עפּעס איינער אליין, האָט ער עס דאָך געפונען פאר גאנץ נאַטירליך, ווי ער וואָלט שוין לאנג עפּעס אויף עהנליכעס דערויף גע־ווארט, ווי ערגעץ וואָלט שוין לאנג געלעגען א באהאַלטענער געפיהל, אז אזעלכעס וועט ווען־עס־איז פּאַרקומען... און אויך די צוויי בלי־שטשענדיגע פינטלען זיינען איהם געווען באקאנט, ווי ער וואָלט זיי שוין ערגעץ אמאָל געזעהן...

איהם איז איינגעפאלען, אז עס איז א קאַץ, כאָטש ער האָט קיין קאַץ ניט געזעהן. ער האָט אָבער טיף אין זיך געגלויבט, אז אַזעלכע איז דאָ יאָ דאָ, אז אַזעלכעס מוז דאָ זיין אין פאַרבינדונג מיט דער איצטיגער לאַגע און מיט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז גע־שעהן און א שרעק־געפיהל האָט דאָס גאַנצע וועזען זיינס פאר־נומען. ער האָט פון גאָר ניט געטראַכט און ניט געקענט טראַכטען. איהם האָט זיך, ווי נאָך א פאַרגעסענעם חלום, געדענקט, אז מיט איהם איז עפּעס אונגעוועהנליכעס געשעהן... עפּעס האָט מען איהם אי געשלאָגען, אי געגלעט און געקושט, און אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע האָט מען איהם געטאָן א דאַנק דעם, וואָס ער האָט עפּעס א שרעקליכע זאַך אָפּגעטאָן, און פאַר דעם זעלבען ליגט ער איצט דאָ, און אַלע מענשען האָבען איהם פאַרלאָזט, און ער ליגט דאָ איינער אליין אין דעם פינסטערען, ענגען שטיבעל און כ'האָט זיך אזוי שטום, אזוי וועהטאָגדיג געבענקט נאָך דער אומבאַקאַנטער ווייבעל, וואָס האָט איהם דאָ איינעם אליין געלאָזט ליגען. און עפּעס האָט אזוי וועה געטאָן דאָס האַרץ און ניט געוואוסט פאַר וועמען. עפּעס האָט ער אויף אימיצען רחמנות געהאַט, און דער רחמנות איז דורכגעדרונגען געווען מיט אַן אומבאַגרייפליך־שוי־דערליכער מורא.

ארום איז געווען שוואַרץ און שטיל, און פון דער שוואַרצער שטילקייט האָבען געבלאַנקט א פּאָר אויגען... האָבען אריינגעקוקט

אין איהם און האָבען זיך פּאַמעליך, שטיל, ווי די שטילקייט אליין, זיך דערנעהנטערט צו איהם, און גערדאכט האָט זיך איהם, אז צו־זאַמען מיט די אויגען רוקט אַלעס אָן אויף איהם. די גאַנצע שטוב רוקט זיך צונויף, ווערט קירצער און שמעלער. און, טיף באַהאַל־טען אונטער דער שטילקייט, טוט זיך עפּעס... עס קומט פּאָר עפּעס אונפאַרשטענדליכעס, אונבאַגרייפליכעס...

...אַ טייך!... גלאַט און דורכזיכטיג... די זון... אַ פּאָר אויגען... שווימען צו איהם... פּאַמעליך... פּאַמעליך... שטיל... שטיל...

— ניאַ־אַ־וו.

„און דו ווייסט, אז די קאַץ וועט דיך קומען ווערגען ביינאַכט ?"

דער געדאַנק איז עפּעס ווי פון ווייט־ווייט אָנגעקומען... האָט זיך שאַרף אַריינגעשניטען אין מח און גערדאכט האָט זיך איהם, אַז אימיצער האָט עס איהם נאָר וואָס איינגערוימט אין אויער אריין. און די פּאָר אויגען האָבען שטום־רעדעווודיג באַשטעטיגט.

— איך בין געקומען דיך ווארגען!... איך בין געקומען דיך ווארגען...

ווען די מוטער און די „בעזדיעטניטשקע" זיינען געקומען, האָ־בען זיי שוין דאָס קינד נישט דערקענט. דער פּנים איז געווען פאַר־קרימט, די אויגען זיינען געשטאַנען שטאַר, ווי פאַרגליווערט, און געקוקט אויף איין פּינטעל. זיי האָבען געמאַכט אַ ליאַרם, האָט זיך שלמה'קע צולאַכט, ניט שלמה'קע נאָר עפּעס אימיצער אַ פרעמ־דער האָט פון איהם אַרויסגעלאַכט און אין געלעכטער האָבען זיך פון צייט צו צייט אונפאַרשטענדליכע ווערטער אַרויסגעריסען:

— קאַץ!... אי—אי—קאַץ!... קאַץ! — און סיי ביים לאַ־כען און סיי זאָגענדיג די ווערטער, האָט זיך דאָס פּנים זיינס ניט געענדערט און די אויגען זיינען שטאַר געשטאַנען און געקוקט אין איין פּינטעל...

# דער פּלאָנטער.

צווישען דאָס פּאָר־פּאָלק האָט זיך עפּעס אזוי ווי „א ניט־גוטער" אריינגעכאפּט און האָט אָנגעהויבען אונטערצוגראָבען זייער שטיל אָרענטליך פאַמיליען־לעבען. ער האָט זיך שטיל אויפ'ן עכט־טייוולאָנישען אופן אָנגעהויבען די ארבייט זיינע... ער האָט זיך פאַרקליבען אין זייערע הערצער און שטיל, אומבאַמערקט פאַרדרעהט זייערע מוחות און פאַרפּלאָנטערט זייערע געפיהלען מיט אויסערגעוועהנליכעס און אויסער־טאָג־טעגליכעס, וואָס פּאַסירט אָפּט צווישען מאַן און ווייב. ניין, ביי זיי איז עס גאָר אויף אַן אנדער אופן פאָרגעקומען.

אין די ערשטע פּאָר טעג האָט זיך די „ארבייט" גענעבען צו שפּירען. אין די ערשטע פּאָר טעג, וואָס א יונגערמאַן האָט ביי זיי דאָס צימער פאַרנומען. עס האָט דעם פּאָר־פּאָלק אָנגעהויבען צו פאַרדריסען, וואָס דער יונגערמאַן, דער שכן, האַלט זיך פון זיי פון ווייטען. די ערשטע האָט זי באַמערקט, אז „ער האָט פליי אין נאָז". פאַר זיך האָט איהר ניט געאַרט. זי איז א פרוי. א ווייבעל — וואָס קאָן ער מיט איהר האָבען? באַליידיגט האָט זי זיך געפיהלט פאַר'ן מאַן... נאָך איהר מיינונג איז דער מאַן איהרער ניט געוועזען אזעלכער, וואָס עס זאָל ניט דאַרפען אָנשטעהן אזא פאַרשוין, ווי יענער איז, מיט איהם צו רעדען. ער ווידער, דער מאַן, האָט זיך שטאַרק געפונען באַליידיגט פאַר דער ווייב. עפּעס האָט ער דערפיהלט אין יענעמס קוקען אויף איהם און אויף איהר אזוינס, ווי ער וואָלט געזאָגט: „און איך וואָלט קיינמאָל אזעלכע ניט גענומען". און ס'האָט אָנגעהויבען איהם צו פאַרדריסען פאַר איהר און איהר פאַר איהם און שוין גאָר ניט־ווילענדיג איינס אויף דאָס אנדערע און ביידע האָבען דערשפּירט, אז זיי פאַלען אין א זומפּ,

וואָס דאָס צווייטע האָט געוואָלט אַרויסשלעפּען, נאָך טיפער אָנ־געהויבען צו זינקען.

אַז זי איז געשטאַנען און פאַרשפּרייט דאָס בעט, איז צוגע־גאַנגען דער מאַן (דער שכן איז, געוועהנליך, דעמאָלט ניט געווען) און געזאָגט, זי זאָל איהם בעסער לאָזען צוקלייבען דאָס צימער. ס'שטעהט איהם ניט אָן, זיין ווייב זאָל ביי יענעם זיין אַ דינסט. האָט זי ניט געלאָזט. דאָס איז ניט קיין אַרבייט פאַר קיין מאַנס־ביל. אויב ער, דער מאַן, וויל ניט, זי זאָל זיין אַ דינסט, וויל זי ניט, אַז ער זאָל זיין ביי איהם אַ משרת. האָט ער געזאָגט, אַז פאַר איהם זאָל איהר ניט אַרען. האָט זי געזאָגט, אַז איהם זאָל פאַר איהר ניט אַרען. האָט ער געזאָגט, אַז זי האָט ניט קיין איינגען־ליבע, האָט זי איהם זיך אָוועקגעשטעלט באַווייזען, אַז ער האָט עס ניט, והא ראיה, ער קריכט צו איהם אין צימער אַריין, ווען יענער בעט איהם ניט. האָט עס איהם פאַרדראָסען, האָט ער געזאָגט, אַז פאַר איהם זאָל איהר דער קאָפּ ניט דאַרען, לאָז זי בעסער קוקען אויף זיך, ווי זי געהט אַרום פאַרשלומפּערט, אַז ס'פּלאַמט איהם פּשוט דאָס פּנים פאַר'ן שכן. האָט זי געזאָגט, לאָז ער זיך בעסער צוהערען, ווי דער שכן לאַכט פון איהם, אַז ער צולאָזט זיך מיט זיין מענה־לשון... און אַזוי ווייטער און ווייטער. און דער שכן איז ווילענדיג־ניט־ווילענדיג אויסגעוואַקסען צווישען זיי ווי אַ הויכע פעסטע וואַנט, און זיי — צוויי ווערים, האָבען זיך געלאָזט קלעטערען אויף איהר, נאָר אַראָפּגעפאַלען, איינס אויף דאָס צווייטע געפאַלען, און געדרעהט זיך, געקאָרטשעט זיך פון וועהטאָג...

בערעל האָט ניט געקוקט אויף די פּראָטעסטען פון דער ווייב, אַלע אָוועגט באַזוכט דעם שכן. ער האָט עס איהר ניט געטאָן אויף צו־להכעיס, נאָר ס'האָט איהם עפּעס געצויגען אַהינצו. ער איז עס אַליין ניט געווען געווען, ער האָט אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף אַהינצו ניט „קריכען", אַז יענער האַלט זיך פאַר אַ גאַנצען „יאַ טעבע דאַם". און כאָטש ער אַליין, בערעל, האָט געוואוסט, אַז יענער איז ניט העכער פון איהם, ס'הייסט, אַז ער איז נידע־ריגער, איז דאָך מיט יענעמס האַלטען זיך געשאַפען געוואָרען אַזעל־

בעם, וואָס ער האָט זיך דאָך געפּיהלט נידעריגער. און דאָ איז געלעגען דער סוד, וואָס עס האָט איהם געצויגען צו יענעם, גלייך ער וואָלט מיט יעדען באַזוך זיך איבערוועגען מיט איהם, ווער ווע־מען ס׳וועט אַריבערציהען. ער האָט זיך אויסגעזוכט רייד פון דער וועלט, געוועהנליך געמיינט, אַז אַלץ, וואָס ער רעדט, איז לויטער חכמה, און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער שכן האָט געשוויגען, און במילא ניט געזאָגט קיין נאַרישקייטען און ניט קיין חכמות, האָט ער דאָך ניט געקאָנט אויסראָטען פון זיך דאָס געפּיהל, אַז דער לעצטער איז קלינער פון איהם. איהם האָט זיך אויף קיין פאַל ניט איינגעגעבען איינצוהאַלטען זיך מיט יענעם, ווי מ׳זאָגט, אויף איין ברעט... האָט ער אין דעם שווייגען אין יענעמס געבריה׳ט זיך צו געפינען נאַרישקייטען... „דאָס איז קיין קונץ ניט, דאָס איז קיין חכמה ניט” — האָט ער זיך גענומען איינרעדען. אַ קונץ איז צו רעדען און ניט זאָגען קיין נאַרישקייטען. און דאָך האָט איהם דעם שכנ׳ס שווייגען געררייצט און דערנידעריגט. און אַ צוגאָב דערצו: קיינמאָל ניט געבעטען זיצען... „ער איז פּשוט אַ גראָ־בער מענש” — האָט אַלע מאָל אַ געדאַנק אויסגעשריען — „אַ גראָבער יונג, ווייטער גאָרנישט”... ווען ער, בערעל, זאָל שוין אפילו דערלאָזען, אַז ער, בערעל, איז טאַקע אַ גאָרניט, אַ פּראָסט מענשעלע, ניט קיין געלערענטער, אַ הענדלער אין גאַס, נו איז וואָס? טאָר מען איהם ניט בעטען זיצען? נו איז דאָך קלאָר, אַז יענער איז אויף אַזוי פיל טעמפּ, אַז ס׳פאַלט איהם ניט איין צו בעטען זיצען אַ מענשען אין דער צייט, ווען ער אַליין זיצט. בערעל האָט גאַנץ לאַגיש געטראַכט, נאָר די געפּיהלען האָבען אויף קיין פאַל ניט געוואָלט, אָדער ניט געקאָנט, זיך צונויפגיסען מיט די געדאַנקען... דאָס געפּיהל, אַז דער שכן איז העכער פון איהם, איז געבליבען אומבאַריהרט. פּאַרקערט, וואָס מעהר ער האָט עס גע־וואָלט דערשטיקען, אַלץ שטאַרקער, פעסטער האָט זיך עס איהם איינ־געפּרעסען אין האַרצען, אין בלוט און יעדער אבר. און צו באַוואונ־דערען, וואָס נאָך דעם אַלעמען האָט ער איהם דאָך ניט פיינט גע־האַט. ער האָט איהם געוואָלט פיינט קריגען, נאָר ניט געקענט.

געטראָפּען האָט אפילו ניט זעלטען, אז יענעמס א קוק (אזא קוק איז עס געווען) האָט דאָס גאַנצע האַרץ זיינס מיט ליבע פאַר־שווייַנקט, די ליבע איז אָבער ניט געווען אַזעלכע, ווי צו זיינס א גלייכען, נאָר דאָס איז מעהר געווען א הינטישע ליבע, אַזעלכע, ווי א געטרייער קנעכט פיהלט צו זיין בעל־הבית...

דער ווייב פלעגט אַלע מאָל אָנקומען מיט צרות ארויסצושלע־פּען איהם פון שכן. אריינגעגאַנגען אין דער צייט, ווען ביידע, דער מאַן און דער לעצטער, זיינען דאָרט געווען, איז זי אַהין קיינ־מאָל ניט... נאָר גערופען האָט זי איהם, געשריגען און לעצטענס געקלאַפּט אין טיר, ער זאָל אַרויסגעהן. ארויסגעקומען איז ער פון דאָרטען תמיד א פאַרפלאָמטער, די אויערען, די באַקען זיינען געווען ראָז. די שוואַרצע אויגען האָבען געגלאַנצט, ווי אַן אויסגעפּוצטער שוך; עפּעס איז ער תמיד, ווען ער איז דאָרטען געשטאַנען, ארויס פון גלייכגעוויכט, תמיד איז ער, אַמאָל מעהר אַמאָל ווינציגער, געווען אויפגערעגט; דאָס בלוט האָט עפּעס ווי פלייסיגער, הי־ציגער געפליסט אין זיינע אָדערען.

— איך וואָלט געוואָלט וויסען, וואָס דו טענה'סט דאָרטען ? !

— איז זי אַמאָל צוגעשטאַנען צו איהם מיט איין און דער זעלבער פראַגע. און מאָדנע, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט דעם מאַן ניט געהאַלטען פאַר קיין נאַר, איז זי אַלע מאָל זיכער געווען, אז ער מוז דאָרטען רעדען נאַרישקייטען, און דער געדאַנק האָט זי ניט געלאָזט רוהען...

— ...דערצעהל מיר כאָטש אַמאָל, וואָס דו טענה'סט דאָרטען. איך הער דאָך, אז דו רעדסט כסדר! — איז זי אָפט צוגעשטאַנען צו איהם, און רעדענדיג אַזוי, האָט זי איהם צורעכט געמאַכט דאָס שניפּסעל, וואָס איז געווען פאַררוקט אָן א זייט, אָדער אָנגענעצט א פינגער און אָפּגעשקראָבעט א פלעק פון דער לאַץ... געטאָן האָט זי עס דוקא דאַן, ווען ער איז פון שכנ'ס צימער ארויס, און דאָס ניט מיט צערטליכקייט, ווי עס טוען אָפט פרויען, נאָר עפּעס מיט א שטיל איינגעהאַלטענעם פאַרדראָס, מיט נערוועז־ציטערדיגע הענט.

דער מאַן, ניט געוויינט צו אַזעלכע צערטליכקייטען, איז גע־שטאַנען „כאַטש מעלק איהם אויס”. נאָר איין מאָל איז ער אריינ־געפאַלען אין אַזאַ קעלבערנע התפעלות, אַז ער האָט זי פּלוצים געגעבען אַ כאַפּ אַרום און אַ קוש געטאָן. און זי, ניט נאָר וואָס זי האָט מיט אַזעלכעס ניט געענטפערט, נאָר פאַ־קערט, זי האָט איהם מיט אַ גוואַלדיגער קאַלטבלוטיגקייט אָפּגעשטופּט פון זיך, און אין די גרויע אויגעלאך האָט זיך באַוויזען אַ פאַרדראָסיג פייער־ערעל פון דעם פּלוצלונג אויפגעבליצטען געדאַנק, אַז דער שכן וואָלט אַזעלכע ווי זי ניט געקושט. און דערמיט איז דער מאַן נאָך נידעריגער ביי איהר אין די אויגען געפאַלען.

— וואָסי? — האָט ער תמ׳עוואַטע געפרעגט.

— איך זאָג דיר נאָך אַמאָל אָן! — האָט זי אין אַ פּאָר מינוט אַרום אויסגעשריען, מעגליכסט אויף אַזוי פיל, דער שכן זאָל ניט דערהערען. — דו זאָלסט זיך ניט דערוועגען אריבערצוטרעטען די שוועל זיינע... דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר, צי ניין?

* * *

— אַ גוטען אָוונט! — האָט בערל געזאָגט צו דער ווייב, קומענדיג פון גאַס מיט׳ן קויש „צעלניק”, וועלכער איז געווען אי־בערגעדעקט מיט אַ שטיק ברעזענט.

— אַ גוט יאָהר! — האָט זי געענטפערט.

פון פינסטערען קאָרידאָר האָט זיך צוזאַמען מיט איהם אריינ־געריסען אַ קאַלט פייכט ווינטעל, דורכגעזאַפּט מיט אַ מאָדנעם ניט־אנגענעמען ריח, ווי דער קאָרידאָר וואָלט געווען אָנגעפילט מיט קויטיגע ועש, צופוילטע שמאַטעס און מויזען־קויט... פון איהם אַליין, פון בערלען, האָט זיך אויך געשפּירט אַ פוילע פייכטקייט, מיט וועלכער עס זיינען געווען אָנגעזאַפּט די אַלטע בגדים זיינע. די שוואַרצע אויגען זיינען געווען מאַט; דאָס טונקעלע, קיילעכיג־ארומגעשוירענע בערדעל צוקאָשמעט; דאָס האַרטע „קעפּעלע” איז פון פאָרענט געווען איינגעקנייטשט, דער פאַפּירענער קאָלנער צור־ווייקט, ווייך, ווי אַ שטיקעל לעדער; דאָס שניפּסעל פאַרדרעהט אָן אַ זייט — און דאָס אַלץ האָט איהם, אַ חוץ זיין נאַטירליכען,

נעבאכדיגען אויסזעהן, נאָך מעהר רחמנות צוגעגעבען. ער האָט זיך ארומגעווישט מיט א קויטיג טיכעלע דאָס פּנים און געזאָגט אין טיכעלע אריין:

— א פּאַגאַדע!

ער האָט זיך פּאַמעליכקע, שטיל אוועקגעזעצט ביים טיש, און דאָס ווייבעל איז אריינגעגאנגען צוגרייטען אָווענט־ברויט. אין א צעהן מינוט ארום איז שוין געשטאנען א הערינג, פּוטער און ברויט, און פון דאַרטען, פון קיך, האָט זיך געלאָזט הערען דאָס זשומען פון דער שפּירט־מאַשינקע.

— א פּאַסקודנעם טאָג היינט געהאַט! — האָט ער שטיל געזאָגט, וואַרפענדיג א קוק אויף איהר. דערפילענדיג ביי דער זייט דעם שכן, האָט זי געפונען פאר נויטיג איהם צו טרייסטען:

— מילא, איז וואָס, דאַרף מען זיך אוועקלעגען?... דאכט זיך, ס'דאַרף שוין ביי דיר קיין נייס ניט זיין... ביי גרעסערע סוחרים פון דיר געהט דער פדיון אין אזעלכע פּאַגאַדעס שוואַך...

איהם איז אפילו ניט איינגעפאלען זיך צו וואונדערען, וואָס פריהער, איידער דער שכן האָט ביי זיי געוואוינט, האָט זי זיך אלע מאָל געבלאָזען, ווען ער איז געקומען מיט א קליינעם פאַרדינסט, און פון יענער צייט, וואָס ער וואוינט דאָ, איז זי אזוי גוט און פרום געוואָרען!...

נאָכ'ן עסען האָט ער ארויסגענומען פון בוזעם טאַש א נאָטיץ־ביכעלע מיט א בלייפען, פאררוקט דעם קאַפּעליוש און צונויפגע־רעכענט דעם פדיון פון טאָג. געלייזט האָט ער פינף רובעל מיט קאָפּיקעס, פאַרדינסט — א רובעל מיט פופציג.

— א רובעל מיט פופציג! — האָט ער געזאָגט דער ווייב, אז זי האָט איהם צוגעטראָגען א גלאָז גרויע קאַווע.

נאָכ'ן טרינקען האָט ער פאררויכערט א פּאַפּיראָס און זיך אָנ־געהויבען ארומצודרעהען אינ'ם פאררוקטען קאַפּעליוש איבער'ן שטערען. ארומגעדרעהט האָט ער זיך, ווי דער שטייגער זיינער, אין דער לענג פון דער וואַנט, וועלכע איז געווען אינגאַנצען ליידיג, אי אויבען, אי אונטען, אויף דער פּאָדלאָגע. זיין ארומדרעהען זיך

האָט זי תמיד אַרויסגעבראַכט פון געדולד, ווייל ער האָט זיך פשוט אויסגעריבען די אַרבעל. זי האָט אָפּגעשאַרט אין איין העלפט טיש דאָס ברויט מיט די גלעזער און האָט זיך גענומען פאַר שטוביגער אַרבייט.

פון יענער זייט וואַנט, נעבען וועלכער ער האָט זיך אַרומגע־דרעהט, און וואו עס האָבען געוואוינט אומבאַקאַנטע מענשען, וואָס ניט זי און ניט ער האָבען זיי קיינמאָל ניט געזעהן, נאָר אָפט גע־הערט קוויטשען פון קינדער, געשרייען פון גרויסע מענשען, האָט זיך דערהערט דאָס שלאָגען פון זייגער. און ווי ביידע, דער מאַן און די ווייב, האָבען געוואָלט וויסען, וויפיל איז דער זייגער, האָט זיך דער ערשטער אויפגעהערט אַרומצודרעהען, די לעצטע — האָט אוועקגעלעגט די אַרבייט, און ווי פאַרגליווערטע, יעדער פאַר זיך, שטיל אין זיך, נאָכגעצעהלט יעדען קלאַנג און געקוקט אויף דער ליידיגער וואַנט מיט אַזאַ אָנשטרענגונג, ווי זיי וואָלטען ניט הערען, נאָר עפּעס זעהן געוואָלט...

אַז דאָס קלינגען האָט זיך געענדיגט, האָט זיך געעפענט די טיר. דאָס ווייבעל האָט געטאָן אַ קנויל צונויף די גאַטיעס, וואָס זי האָט געהאַלטען אין האַנט, געבליבען שטעהן אין אַ צושראָקען, צומישטער פּאָזע. פון דער טיר האָט זיך באַוויזען דעם שכ'נס קאָפּ... מיינענדיג, אַז ער דאַרף דאָ עפּעס האָבען, האָבען ביידע איהם גע־בעטען אַריינגעהן, נאָר ער האָט גאָרניט געדאַרפט, האָט נאָר גע־פרעגט, וויפיל דער זייגער האָט געשלאָגען.

— צעהן! — האָבען מאַן און ווייב געענטפערט.

ער האָט באַדאַנקט און געוואָלט צומאַכען די טיר, נאָר אין דעם אויגענבליק איז דער בעל־הבית'ל אונטערגעשפּרונגען, אַריין צו יענעם אין צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

— אַ געפעהרליך וועטער אין דרויסען! — האָט בערל אויס־געראפען, אָנשפּאַרענדיג זיך מיט'ן בויך אָן אַ שפּיץ פון טישעל, וואָס איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט האַרט צום פענסטער־ברעט.

— שרעקליך! — האָט דער שכן געענטפערט, אוועקזעצענדיג זיך ביים זעלבען טישעל, אַריבערגעלעגט אַ פוס איבער אַ פוס.

אויפ'ן טישעל האָט געברענט א קליין לעמפעל, נאָר מיט א גרויס לויטער פייער; אויך דאָס גלעזעל איז געווען ריין, קענטיג, אויסגעווישט פון א געניטער, פלייסיגער האַנט. דאָס טישעל איז געווען ריין צוגעקליבען, פארשפרייט מיט אַן אַלט ריין טישטוך און פון אויבען א צייטונג, און ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָ און דאָרטען איז געווען אָנגעוואָרפען טיטון מיט הילזען און פארטיגע פאפיראָסען מיט טשוביקלאך, וואָס האָבען באַדאַרפט ארומגע־שוירען ווערען, איז דאָך די ריינקייט ניט געשטערט געוואָרען. אין גאַנצען צימער האָט זיך געשפירט א האַנט פון א בעל־הבית'טע: דאָס אייזערנע בעטעל, וואָס איז געשטאַנען מיט'ן צוקאָפּען־וואַנטעל ביים פענסטער־וואַנט איז געווען פארשפרייט מיט א ווייסער פי־קייענער דעקע, פארלעגט מיט א פאלב. פון אויבען איז פּאַפּעראַק געשטאַנען דאָס קישען מיט צוויי שאַרפע שפּיצען, און דער גרויסער קויש, וואָס איז ניט ווייט פון בעטעל געשטאַנען, איז געווען פאר־שפרייט מיט צייטונגען. דער שכן, אַ בלאָנדער יונגערמאַן, א הויכער, מיט א גוט, געזונט, עהרליך און ערנסט געזיכט, מיט קלוגע, ברוינע, שאַרפע אויגען, וועלכע האָבען טאַקע געהאַט עפּעס שטאָלצעס, האָט דעם גאַנצען צימער צוגעגעבען עפּעס א מין שטיל־געמיטליך, נאָר פאָרזיכטיג־שטרענג אויסזעהן. אין יעדער באַווע־גונג זיינער האָט זיך געשפּירט א מאָדנע שטילע גלאַסענקייט, און דאָס אליין האָט עפּעס שטאַרק געגעבען צו פיהלען, אַז דער מענש פארמאָגט עפּעס אייגענאַרטיגעס, עפּעס געזונטעס, און דער עיקר, אַזעלכעס, וואָס האָט ניט צוגעלאָזט צו זיך, און שטום געזאָגט: איך בין איך, איך בין ניט דו, כאָטש בטבע איז ער גאָר קיין שטאָלצער ניט געווען. ער האָט א קוק געגעבען אויפ'ן בעל־הבית'ל, און אין קוק איז געלעגען עפּעס אַזעלכעס, ווי ער וואָלט געפרעגט: „וואָס טוסטו דאָ, שוטה איינער?” דער לעצטער האָט עס גלייך דער־שפּירט, און איהם איז, ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע פאַלען, אָנגעפאַלען א פיינליכער חשק, צו דערווייזען איהם, אַז ער, דער שכן, איז א גרעסערער שוטה פון איהם, נאָר דאָס טראַכטען האָט איהם ווינציג וואָס געהאָלפען. ער איז פאָרט ווי א געפּלעפּטער געשטאַנען, זיך

ניט געקאָנט פריי באַוועגען און ניט געקאָנט אריבערטראָגען יענעמס אויגען, וואָס זיינען איהם געוואָלדיג אָפּשטויסענדיג געוועזען און גלייכצייטיג געוואָרימט און געצויגען צו זיך. ער איז איצט, ווי אַלע מאָל, געפינענדיג זיך אין זיין נעגענוואַרט, אַרויס פון נאָרמאַלען, רוהיגען צושטאַנד. עפּעס האָט זיך דאָרטען אין האַרצען און מוח, אין בלוט, געדרעהט אזעלכעס, אין וואָס ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין רעכענונג, נאָך וואָס ער „קריכט" אהער, וואָס אַזעלכעס ציהט איהם צו דעם מענשען, וואָס ער האַסט איהם, און האָט איהם דאָך ניט פיינט... וואָס אַזעלכעס ציהט איהם צו דעם מענשען, וואָס פאַרטיליגט איהם מיט זיינע שמייכלענדיגע איראָנישע בליקען? און אויף לעצט, ווי קאָן ער אריינגעהן צו אזעלכען, וואָס האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט געבעטען זיצען? בערל האָט איהם דאָס מאָל געוואָלט באַווייזען, אַז ער רעכענט זיך ניט מיט איהם, אַז ער וועט זיך שוין דוקא אַוועקזעצען אומגעבעטען, און אַזוי אַרום יענעם געבען צו פיהלען, אַז ער איז אַ גראָבער יונג...

דער שכן האָט זיך גענומען צו זיין אַרבייט, האָט געשטאָפּט פּאַפּיראָסען. דער בעל־הבית האָט איהם געקוקט אין די הענט אריין, און עס האָט זיך איהם שטאַרק געגלוסט אָפּצושערען די טשוביקלאַך פון די אָנגעשטאָפּטע פּאַפּיראָסען... געוויינליך האָט עס ווייט געהאַלטען דערפון, ער זאָל עס טאָן, און וועלענדיג פאַרטויבען דאָס געפיהל, האָט ער גענומען אַ הילזע אין די הענט אריין און זיך גענומען פּאַרען מיט איהר... כלומר'שט דאָס האָט ער געוואָלט טאָן, ניט יענם... האָט זי פאַרדרעהט און אָפּגעדרעהט, נאָכדעם אָנגעהויבען רייסען פון איהר שטיקלאַך און ברעקלאַך. האָט לעצטענס אויפגעריסען דאָס קאַרדאָנדעל, און אַזוי אַרום געוואָלט באַווייזען, אַז ער פיהלט זיך גאַנץ פריי דאָ... ער האָט זיך דאָס מאָל באַשלאָסען גאָרניט רעדען, אַזוי ווי יענער רעדט ניט, און לאָז ער ניט איבערקלערען, אַז ער, בערל, זוכט מיט איהם צו רעדען... נאָר איהם האָט די שטילקייט געשטיקט און געוואָרגען... איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע צימער איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ שווער־אומזיכטיגער משא.. .עס האָט זיך געדאַכט, אַז

יעדע זאַך, דער טיש, די בענקלאַך, דער קאָרב, די שאַפע, דאָס בעטעל האָבען באַקומען אַ טאָפּעלטע וואָג, אַלץ איז שווער, אומ־געהויער שווער געוואָרען. יעדע זאַך באַזונדער איז עפּעס ווי אַריין אין זיך, זיך פאַרטיפט וועגען דער אייגענער שווערקייט, און אויך דער שכן האָט באַקומען אַן אומבאַגרענעצטע וואָג, און דער שאָטען זיינער, וואָס האָט דריי פערטעל צימער פאַרגאָסען, האָט נאָך מעהר געגעבען צו שפּירען די שווער פאַרהאַרטעוועטע שטילקייט, זי געדיכטער געמאַכט. און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז פון איהם איז פאַרשוואונדען געוואָרען, ווי דורך אַ מין כישוף, איינער פון זיינע פינף חושים... ער האָט ניט געוואוסט וואָס, נאָר געפיהלט, אַז עפּעס פעלט, און אַז דער ליידיגער פּלאַץ האָט זיך, ווי דאָס גאַנצע צימער, מיט אַ בלייענער שווערקייט אָנגעגאָסען. און געפיהלט האָט ער, אַז ווייטער אַזוי זיצען איז אוממעגליך: אָדער פאַר־לאָזען דאָס צימער, אָדער איבעררייסען די שטילקייט. נאָר אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע איז איהם שווער געווען ביי זיך צו פועל'ן... ער האָט זיך לאַנג גע'ישוב'ט און באַשלאָסען, גלייכער עפּעס אָנהויבען צו רעדען, איידער אַרויסגעהן... נאָר פון וואָס הויבט מען אָן?... ער האָט זיך ענדליך דרעמאָנט אָן אַ „קלוג" שפּיצעל, וואָס ער האָט היינט אָפּגעטאָן אַ קונה, און געפונען פאַר צוועקמעסיג דאָס צו דערצעהלען דעם שכן.

ער האָט אַ הוסטעלע געטאָן, אַ שמייכעל באַוויזען און איז אַרויס מיט לשון:

— איך האָב היינט אָפּגעטאָן אַ קונה אַ שפּיצעל, — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ פאַרגליווערט שטיל קול, — איהר מעגט דאָס אויסהערען... היינט געהט צו מיר צו אַ יונגערמאַן... און וויל ביי מיר קויפען אַ בייטעלע. געפעלט איהם צוויי בייטעלאַך אין פאַר־שיידענע פּרייזען, איינס אַ טייערערס און דאָס צווייטע אַ ביליגערס. פרעגט ער מיר, וואָס קאָסט דאָס, וואָס קאָסט יענעס. פאַלט מיר איין צו זאָגען איהם, אַז דאָס ווערלוועלערע, וואָס קאָסט ווערלוועלער פונ'ם טייערען אויף צוואַנציג קאָפּיקעס, קאָסט נאָך טייערער פונ'ם טייערען מיט פינף קאָפּיקעס... הערט, איהר מעגט עס אויסהערען...

באַטראַכט ער זיי בײדע, באַקוקט, טאַפּט, רײבט, עפּענט זײ און פאַרמאַכט, און איך שטעה און קוק וואָס וועט דאָ זײן דער סוף. מילא, טראַכט איך, וועל איך אַרײנפאַלען, איז אויך פאַרפאַלען... דערויף איז מען דאָך אַ סוחר... שפּעקולאַציע... ס׳הייסט, איך האָב דאָ ניט געוואָלט קײן מסחרים מאַכען, נאָר מיר האָט זיך גלאַט פאַרגלוסט אַ תוספות׳ל... מ׳מיינט דאָך, אַז אונזערע לייט האָבען שוין גאָר ניט קײן שכל אין קאָפּ... דערצו אומעטיג אויפ׳ן הארצען איז... קײן געלט לייזט מען ניט... זעה איך, ווי ער האַלט זיך מיט׳ן טײערערען... מיט׳ן װעלװעלערען, ס׳הייסט טאַקע מיט׳ן טײערערען, נאָר וואָס איך האָב איהם געזאָגט, אַז ס׳קאָסט װעל־װעלער פונ׳ם װעלװעלערען... ניט קײן נאַר, טראַכט איך... נאָר מײן האָפנונג האָב איך נאָך אַלץ ניט פאַרלאָרען. ער האָט נאָך ניט אָװעקגעלעגט דאָס װאָלװעלע, ס׳הייסט דאָס, װאָס איך האָב בכיון געזאגט, אַז ס׳קאָסט טײערער, און קאָן זיך קײן עצה ניט געבען, װעלכעס צו קױפען. בקיצור, ער נעמט זיך דינגען און דינגען, דינגט בײדע, דערנאָך װעט ער, הייסט עס, נעמען װאָס איהם װעט געפעלען. אַ צעהנער אַראָפּ, אַ צעהנער אַרױף, און דאָס װעלװעלערע שטעהט אַלץ מיט פינף קאָפּיקעס טײערער אױסגע־דונגען. פרעגט ער מיך: זאָגט מיר, איך בעט אײך ,פאַרװאָס קאָסט דאָס טײערער פון יענעם? מיר דאַכט זיך, אַז דאָס ביליגע איז בעסער פונ׳ם טײערען. זאָג איך צו איהם: „נו, דאָס קאָנען נאָר מיר, פאַבלײט, װיסען, װאָס פאַר אַ סחורה ס׳איז בעסער און װאָסערע ס׳איז ערגער״. בקיצור, איך װעל אײך מאַכען אין קורצען: ער האָט געקױפט. ער האָט געקױפט דאָס טײערע, ס׳הייסט דאָס געמײנערע, נאָר װאָס האָט געקאָסט מיט פינף קאָפּיקעס טײערער פונ׳ם טײערען און מיר געלאַזט... און מיר געלאָזט דאָס ביליגע, ס׳הייסט דאָס טײערע, װאָס האָט געקאָסט טײערער פונ׳ם טײערען מיט צװאַנציג קאָפּיקעס...

— געװאַלד, האָט אױף מיר רחמנות! — האָט דער שכן פּלוצ־לינג אױסגעשריען, אַ כאַפּ געבענדיג בײדע הענט צו די אױערען, האָט זיך שטיל, מיט אַ גוטמוטיג געלעכטער אױפגעהױבען און, ניט

אראָפּנעמענדיג די הענט פון די אויערען, ארומגעשפּריזט פון איין עק צימער צום אנדערען און אַ פּאָר מאָל איבערגע׳חזר׳ט: „גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!" — און געלאַכט.

— בערל! בערל! בערל! בערל! — האָבען זיך איינס נאָך דאָס אנדערע דערהערט סימע׳ס קולות, פּונקט ווי זי וואָלט זיך דאַרטען אָפּגעבריהט מיט הייסע וואסער.

ער האָט שוין פארשטאַנען, וואָס מ׳רופט איהם. ער האָט אַן איינגעבויגענער, אַן איינגעהויקערטער, ווי אַן אָרים יתומ׳ל, זיך באַוויזען צו איהר און דערזעהן... ניין, ער האָט זי ניט דערקענט. א טייוועל, אַ מכשפה איז פאַר זיינע אויגען געשטאַנען... די אויגען האָבען געבליצט, די באַקען און די אויערען געפלאַמט. זי האָט גאָר־ניט גערעדט, נאָר איינגעגראָבען אלע פינגער אין פנים, פון וואָס עס האָבען זיך אָפּגעצויגען די אונטערשטע לעדלאַך פון די אויגען און באַקומען עפּעס א מין ווילד אומגעלומפּערט אויסזעהן... שפּעטער האָט זי, נאָך אַלץ גאָרניט רעדענדיג, זיך אָנגעהויבען צו רייסען די האָר, פּאַמעליך, מיט אַ שטיל, פאַרביסען עקשנות, האָט זי פונ׳ם קאָפּ ביז די עקען, אָנשטרענגענדיג אלע קרעפטען, געריסען זשמוטען־ווייז די האָר. אויף לעצט איז זי איהם מיט איהר צואווילדרעוועט פנים אריין אין פנים אריין און מיט אַ הארטער, פאַרביסענער, איינגעהאַלטענער שטילקייט געפרעגט:

— זאָג מיר, וואָס איז דאָרטען געוועזן?...

— איך האָב דיר ניט וואָס צו זאָגען, — האָט ער שטאַמלענדיג געענטפערט, אויפהויבענדיג די אַקסעלאַך, פון וואַנען עס האָט זיך נאָר ארויסגעזעהן דער הארטער קאַפעליוש... — גאָרניט, וואָס האָט דאָרטען געהאַט צו זיין?...

— ת־א־א־מעץ! — האָט זי איהם אריינגעזאָגט אין פנים אריין.

אין א פּופצעהן מינוט ארום זיינען שוין ביידע געלעגען אין די ברייטע הילצערנע בעטען מיט הויכע קאָפּען־ווענטלאַך, וואָס זיינען געשטאַנען איינס אַנטקעגען דאָס אנדערע, פאַנאַנדערגעטיילט דורך דעם גרויסען פענסטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט אין פינסטערען

הויף, פון וואנען עס האט זיך פון צייט צו צייט געלאזט הערען פרעמדע טריט און דאס איינטאניגע צאפען זיך פון די רינעס אויף דער אויסגעשטיינערטער ערד. ביידע האבען געהערט, ווי דער זייגער פון יענער זייט וואנט, וואו עס האבען געוואוינט פרעמדע, אומבאקאנטע מענשען, האט געשלאגען צוועלף, און האבען אין די געדאנקען נאכגעצעהלט: איינס!... צוויי!... דריי!... און ארום דעם קלינגען האבען זיך געדרעהט שווארצע, שווער דריקענ־דיגע געדאנקען...

* * *

בערל האט אלע יאהרען, ס'הייסט, זינט ער איז צום שכל גע־קומען, געגלויבט, אז ער פארמאגט אויסערגעוויינליכע פעהיגקייטען צו מסחר. ביי איהם אין קאפ האבען זיך, זינט ער האט אנגעהויבען צו האנדלען, געדרעהט פארשיידענע אונטערנעמערישע פלענער, וואס עס האט איהם געשטערט זיי אויסצופיהרען זיין מאטעריעלע לאגע. ער האט געגלויבט, אז ער וואלט מיט איין צעהן־הונדערטער געקאנט איבערקערען א וועלט, אזא קאמבינאטאר איז ער עס, נאך זיין מיינונג, געוועזן. און וואונדערליך: פון יענער צייט אן, וואס דער שכן וואוינט ביי איהם, האט ער אויפגעהערט צו גלויבען אין זיין געניאליטעט... אין אנהויב האט ער זיך אפט געפלייסט צו באווייזען, אז צו לערעריי (דער שכן איז א לערער) דארף מען ניט האבען קיין באזונדערע פעהיגקייטען. יעדער איינציגער, אבי ער קען נאר (און קענטניש, אבי מ'וויל נאר, קאנען על אלע דערגריי־כען), קאן זיין א לערער, אבער ניט אלע מענשען קאנען זיין סוחרים. מ'דארף דערצו געבוירען ווערען, מ'דארף האבען קודם כל דעם גוטען דרעה־קאפ; מ'דארף פארמאגען א גוואלדיגע ענערגיע, און אויב ער וויל גאר וויסען, דער שכן, — טאלאנט, מ'דארף פשוט האבען טאלאנט דערצו... אז מ'גיט א קוק אויף א קונה, דארף מען איהם קאנען דורכנעמען מיט'ן אויג און וויסען, וואס אזעלכעס איהם צו ווייזען און וואס פאר א פרייז אויסצובעטען. קורץ, ער האט זעהר פיל גערעדט וועגען דעם. ער האט, אגב, זעהר ליב געהאט (ער האט עס נאך היינט אויך ליב) צו לעזען אנאנסען, ווי אזוי געוויסע פיר־

מעס אנאָנסירען זיך, און האָט ער אָנגעטראָפען, נאָך זיין מיינונג, א גוטען אנאָנס, האָט ער פשוט אָנגעקוואָלען. ס'האָט איהם ווילד הנאה געטאָן, וואָס יאָשעל אָדער פייבוש האָט אָפּגעדרוקט א גוטע רעקלאַמע, און ער איז זיי, די פירמעס פאר זייער חכמה, געוואָרען דער בעסטער גוטער פריינט. ער אַליין, בערל, טראָגט זיך א יאָהר פינף אַרום מיט א „סוד" ווי צו מאַכען אזא מין זאַלב, וואָס וואָלט אָנגעמאַכט א גרויסען רושם. נאָר פאַרוואָס פאַרעפּענטליכט ער עס ניט, ווייסט ער אַליין ניט. אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך שוין איין מאָל אָפּגעבריהט, ווען ער האָט גע'פּטר'ט די צוויי הונדערט קאַרבען וואָס ער האָט גענומען נדן, אויף זיין מאַכען...

נאָר זינט דער שכן האָט זיך צו זיי אריינגעקליבען, האָט ער פשוט פאַרלאָרען דעם באָדען פון אונטער די פיס. ער האָט פאַר־לאָרען זיין „איך". ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין רעכע־נונג, צי איז ער א גוטער, א שלעכטער, א נאַר, אָדער א קלוגער, אָדער אפשר פאַרמאָגט ער גאָרניט, ניט קיין נאַרישקייט און ניט קיין חכמה. צומאָל, אז ער האָט עפּעס געטראַכט, האָט זיך איהם געדאַכט, אז ניט ער טראַכט, אז ער האָט עפּעס געפיהלט, — אז ניט ער פיהלט. אזעלכע געדאַנקען זיינען איהם צום מיינסטען איינגעפאַלען, ווען ער איז אין שטוב געווען, פיהלענדיג פון איין זייט די ווייב, פון דער צווייטער — דעם שכן... ער ווייסט ניט, צי זאָל ער רעדען, ווען ס'ווילט זיך רעדען, צי זאָל ער געהן, ווען ס'ווילט זיך געהן. ניטאָ, ניט געבליבען קיין אייגענער ווילען. עפּעס פיצלאַך מיט ברעקלאַך, א צוזאַמענשמעלץ פון פרעמדס און אייגענס, און ער קאָן זיך ניט פאַנאַנדערקלייבען, וואָס איז זיינס און וואָס פרעמדס...

—— דו זעהסט אוים ווי אַן אמת'ער אידיאָט! — האָט איין מאָל די ווייב באַמערקט, ווען ער איז געזעסען פאַרטיפט אין דעם פלאָנטער.

געוויינליך, האָט זי ניט אָנגעהויבען צו ווייסען, וואָס פאַר אַן איבערקערעניש עס איז ביי איהר מאַן געוואָרען א דאַנק זייער שכן און א דאַנק איהרע אָפּטע אָנפאַלען אויף איהם. זי האָט פון טאָג

צו טאָג, האָבענדיג דעם שכן ביי זיך, אַלץ מעהר חסרונות אויפ'ן מאַן דערזעהן... זי האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז יענער שטעהט פיל העכער פונ'ם מאַן, און געוואָלט האָט זי אויפהויבען דעם מאַן, מאַכען פון איהם עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס ער איז, נאָר ניט געוואוסט, וואָס און ווי אַזוי. עס וואָלט איהר אפילו גענוג געווען צו וויסען, אַז דער שכן גלויבט, אַז זי האַלט דעם מאַן העכער פון איהם, מעג עס אין דער אמת'ן אפילו ניט זיין אַזוי... האָט זי אָבער — ווער ווייסט, דורך וואָס פאַר אַ קוועלע — געוואוסט, אַז יענער ווייסט, אַז ס'איז פּונקט פאַרקערט. האָט עס איהר געקרענקט, איז זי געווען בסדר אויפגערעגט... זי אַליין פאַר זיך האָט שוין דוקא געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו האַלטען. זי האָט געמאַכט אַזאַ אָנשטעל, אַז איהר שטעהט גאָר ניט אָן מיט איהם צו רעדען, נאָר דער עיקר איז דאָ געווען דער מאַן... ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס זי האָט פאַר אַ ליאַדע קלייניגקייט, פאַר גאָרנישט, פאַר אַ וואָרט, אויסגעגאָסען די גאַנצע באַד אויפ'ן מאַן, און ער, ווידער, האָט ניט געקאָנט פאַרשווייגען, וואָס זי טשעפּעט זיך צו איהם אומזיסט... האָבען ביידע איינס אויף דאָס אַנדערע געטראָגען שווערע הערצער: אין דער לופט איז געווען עפּעס אַ מין אומ־רוהיגער עלעמענט, וואָס איז גרייט געווען אַלע טאָג, אַלע שעה, אַלע מינוט, אויפצופלאַמען און אָנמאַכען אַ געוואַלדיגען חורבן, און ניט זי און ניט ער האָבען קיינע פאַרהיטונגס מיטלען ניט געקאָנט פאָרנעמען. די גרעסטע געפאַהר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איינער פון צווייטען האָט ניט געוואוסט, וואָס יענעם דריקט. עס זיינען קיין ווערטער ניט געווען, וואָס זאָלען קאָנען אויסדריקען דאָס, וואָס זיי האָט אומ'ברחמנות'דיג געפּייניגט... צומאָל האָבען זיי אפילו אָן שכן איינגאַנצען געהאַט פאַרגעסען, נאָר אַ שאָטען פון איהם איז צווישען זיי געשטאַנען און געדריקט, ווי אַ שווערע, גרויע וואַנט. זיי האָבען זיך ווי געשעמט צו באַווייזען צערטליכ־קייט איינער צום אַנדערען, דער שאָטען האָט זיי עפּעס ווי פאַר־היפּנאָטיזירט און ניט אָפּגעטראָטען אפילו אין די אינטימסטע מינוטען... זיי האָבען שוין אפילו אויפגעהערט צו טראַכטען פון

איהם מיט ווערטער, נאָר ער איז געוואָרען ביי זיי א טייל פון זייערע געדאנקען, פון זייערע געפיהלען.

ביי איהר איז עס אזוי וויט דערגאנגען, אז עס האָט זיך איהר געלאָזט גלויבען, אז זי וואָלט איהם ניט געקאָנט, אז זי וואָלט קיין דרייסטקייט ניט געהאט, צו געבען איהם א ווידערשטאנד, ווען ער זאָל צושטעהן צו איהר. און די זיכערקייט, אז אזעלכעס וועט קיינמאָל ניט טרעפען, ס'הייסט, אז איהם וועט ניט אָנשטעהן צוגעהן צו איהר, האָט אויסגעארבייט א פארלאנג, אז אזעלכעס זאָל יאָ געשעהן...

זי האָט געוואָלט דערשטיקען אין זיך דאָס געפיהל, זיך גע־וואָלט איינרעדען, אז ער וואָלט געקראָגען פון איהר אזא פסק, אז ער וואָלט זי געהאט צו געדענקען, נאָר ס'האָט זיך איהר ניט איינ־געגעבען... איז זי געוואָרען בייז, ווי א טייוועל, א טאָפּעלע בייז־קייט: איין מאָל, וואָס ער וועט קיינמאָל ניט צוגעהן צו איהר, און דאָס צווייטע, וואָס ווען ער וואָלט צוגעגאנגען, וואָלט זי קיין דרייסטקייט ניט געהאט איהם אָפּצושטויסען.

און וואונדערליך, וואָס אויך ער, דער מאַן, האָט ניט איין מאָל וועגען דעם געטראכט. אויך איהם האָט געפרעסען דער געדאנק, אז דעם שכן וועט ניט אָנשטעהן אריינצולאָזען זיך מיט זיין ווייב אין נאָהענטע באציהונגען. אויך ער האָט זיך דערפון באליידיגט געפיהלט... און ביידע האָבען געזעהן מיט אלע מעגליכקייטען זיך צו באהאלטען איינס פאר דאָס אנדערע מיט די געדאנקען. זיי האָבען זיך בכלל געזעהן צו באהאלטען מיט אלעמען, וואָס האָט א שייכות געהאט צום שכן. און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער לעצטער האָט ניט ווילענדיג אָנגעמאכט צווישען זיי די גאנצע בורע, האָבען זיי זיך צו איהם בערך גאנץ גוט פארהאלטען און זיינען גרייט געווען פאר איין גוט וואָרט צושמאָלצען ווערען פאר איהם. אזעלכעס האָט איין מאָל געטראָפען, ווען ער האָט אריינגעטראָגען זיין פאלטאָ און געבעטען, זי זאָל צונעהען א הענגער. זי האָט זיך דערפרעהט, ווען ער האָט איהר צוגעטראגען דעם פאלטאָ, און האָט זיך גלייך גענומען צו ערפילען זיין בקשה.

ער איז געשטאַנען ניט ווייט פון איהר, אָנגעשפּאַרט ביים טיש, און איהר געקוקט אין די הענט אריין. זי האָט איהם געבעטען זיצען, נאָר ער האָט גוטמוטיג געדאַנקט, און זי האָט אַ טראַכט געטאָן: „שטעהט איהם ניט אָן". אז זי האָט שוין געהאַלטען ביים ענדיגען די ארבייט, איז איהר געלונגען צו פאַרבינדען מיט איהם אַ שמועס. ער האָט איהר געזאָגט, אַז ס'איז איהם זעהר לאַנגווייליג, זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט דאָ ניט קיין באַקאַנטע, וואוהין ער זאָל קאָנען אריינגעהן פאַרברענגען אַ פּאָר שעה. האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן די פּאָר ווערטער, האָט זיך אויך פאַרקלאָגט פאַר איהם אויף איהר אומעט, און אום צו דערוויייזען איהם, ווי ווייט מ'קאָן זיך דאָ פיהלען פרעמד אין אַ גרויסער שטאָדט, האָט זי איהם דערצעהלט פאָלגענדען עפּיזאָד:

— מיר וואוינען שוין דאָ, אין דער דירה, דאָס פערטע יאָהר, ס'הייסט פון דער חתונה אָן. און אַנטקעגען אונז דאָ אין קאָרידאָר וואוינט אַ שכן, וואָס האָט שוין דאָ געוואוינט פריהער איידער מיר האָבען זיך אריינגעקליבען אהערצו... נומער דריי און פופציג... אַנטקעגען... באַקענט זיינען מיר ניט, כאָטש מיר באַגעגענען זיך אַלע טאָג אויף די טרעפּ ביי די טירען. נאָר קענען קען איך זיי אַלע פונ'ם באַגעגענען טאָקע, ס'הייסט, איך קען זיי אויף די פּנים'ער, איך ווייס, פון וויפיל מיטגלידער עס באַשטעהט די פאַמיליע, איך ווייס, אַז דער אַלטער איז דער אַלטערס מאַן, און די אַלטע דעם אַלטענס ווייב... די יונגע איז זייערע אַ טאָכטער, דער יונגער — זייערער אַ זוהן, דאָס אינגעלע — זייערס אַ אינגעלע און אַ מיידעלע — זייערס אַ מיידעלע. מעהר האָב איך ניט באַגעגענט. איינמאָל, פּאר אַ יאָהרען איז עס געווען, דערהערען מיר, איך מיט מיין מאַן, גאַנץ פריה אַ געוויין. עפענען מיר די טיר, און — אַ יללה, פּונקט, ווי מ'באַוויינט אַ טויטען, ניט דאָ געדאַכט. שטעהען מיר, איך מיט מיין מאַן, ביי דער טיר, הערען זיך איין און פרעגען איינס דאָס אַנדערע: ווער האָט דאָ געקאָנט פּלוצ-לינג שטאַרבען? מיר זיינען לאַנג געשטאַנען, טשיקאַווע גע-

װען צו װיסען, װער ס'איז געשטאַרבען. פאַר דער צייט האָבען מיר געזעהן דעם אַלטען אַרויסגעהן און אַריינגעהן, געזעהן דעם יונגען אַריינגעהן און אַרויסגעהן, געזעהן די יונגע, דאָס מיידעלע, דאָס אינגעלע, און זי, די אַלטע, האָבען מיר געהערט װיינען. װער זשע פאַרט האָט דאָ געקאָנט שטאַרבען, װען אַלע דרעהען זיך אַרום? איך װעל אייך מאַכען בקיצור: דאָרטען ביי דער אַלטער איז געװען אַן אַלטע מוטער אַ געליימטע, ניט פאַר אונז געדאַכט, און זי, די אַלטע, איז עס פּלוצלינג בײנאַכט געשטאָר־בען, און מיר, אָפּװאױנענדיג צװיי — דריטהאַלבען יאָהר אַ טיר אַנטקעגען אַ טיר, האָבען ניט אָנגעהויבען צו װיסען, אַז דאָרטען איז דאָ אַן אַלטע אידענע, אַ געליימטע...

דער שכן האָט זיך, קענטיג, פאַראינטערעסירט מיט דער מעשה, װייל ער האָט זיך ערנסט, טיפזיניג פאַרטראַכט, פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס און, בלאָזענדיג דעם רויך צום פענסטער־צו, טיפזיניג באַמערקט:

— און איהר מיינט, אַז מ'װייס שוין, װי אַזוי אַ מענש הייסט, און װאָס ער טוט, קען מען איהם שוין?... מ'קען אָפּ־לעבען מיט אַ װייב, מיט אַן אייגענער װייב יאָהרען, און דער מאַן זאָל ניט װיסען, װער דאָס װייב איז, און זי — װער דער מאַן איז...

—יאָ, איך פאַרשטעה! — האָט זי געזאָגט אַ צופרידענע, װאָס ער האָט זיך אָפּגערופען אויף איהר ערצעהלונג, און אין הארצען איז געװען אַזוי װאַרעם, אַזוי װאַרעם — יאָ, איך פאַר־שטעה, עס טרעפען אמאָל אַזעלכע זאַכען אויך. איך מיין אָבער, אַז ניט אַלע װייבער...

זי איז פּלוצלינג אַנטשװיגען געװאָרען, באַמערקענדיג אויפ'ן שכנ'ס ליפען אַ טרוקען, סאַרקאַסטיש שמייכעלע. זי האָט דער־שפּירט אַ קעלט אין די שפּיץ פינגער, װי עס װאָלט פּלוצלינג ביי איהר עפּעס אָפּגעשטאָרבען, און אויפ'ן הארצען איז געװאָ־רען אַזוי שװער, אַזוי אומעטיג, אַזאַ פּוסטעניש. אין אַ פּאָר

מינוט אַרום, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערען, האָט זי געזאָגט מיט אַן אונטערטעניג־געפאַלענעם טאָן:

— ... איך ווייס ניט, אפשר האָב איך ניט פאַרשטאַנען וואָס איהר האָט געמיינט. — נאָר דער שכן האָט שוין ניט געענטפערט. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט „אָפּשאָקלען" פון איהר, האָט אָפּגעבלאָזען צום פענסטער דעם רויך און זיך פאַרקוקט אויף אַ באַלקאָן, וואו עס איז געשטאַנען אַ פרוי און אויסגעשאָקעלט אַ קאָלדרע.

מיט דעם האָט זיך דער שמועס געענדיגט. ער האָט איהר ניט געענטפערט, און ביי איהר האָט שוין אָפּגענומען דאָס לשון. זי האָט אָפּגעגעבען דעם פּאַלטאָ מיט'ן צוגענעהטען הענגער. ער האָט איהר באַדאַנקט און איז אריין צו זיך אין צימער, פאַרמאַ־כענדיג פעסט הינטער זיך די טיר. און דערפיהלט האָט זי זיך אַזוי באַליידיגט, אַז זי האָט זיך נאָך קיין מאָל אַזוי ניט גע־פיהלט. און אין אָוועגט, ווען דער מאַן איז געקומען, האָט זי זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטען ניט אויסצודריקען דעם שמאַרץ, וואָס האָט זי אומברחמנות'דיג געשטיקט. זי האָט פּלוצלינג אַ זאָג געגעבען:

— דאָ וועט עס טרעפען אימיצען אַ בראָך!...

ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, וועמען זי מיינט און געפונען פאַר צוועקמעסיג צו ענטפערען:

— און דו מיינסט, אַז ער וועט אַמאָל חתונה האָבען!...

— פאַרוואָס זשע האָסטו חתונה געהאַט?...

— און ער, מיינסטו, וועט ניט חתונה האָבען? — האָט ער שוין צוריק גערעדעהט, וועלענדיג כאָטש אַזוי אַרום אָוועק־שטעלען דעם שכן מיט זיך אויף איין ברעט...

— האָסט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז ער וועט ניט חתונה האָבען! — האָט זי מיט אַמאָל אויסגעשריען — און איצט זאָג־סטו שוין, אַז ער וועט יאָ חתונה האָבען.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, ווי זיך אויסצודרעהען פון דעם פּלאָנטער... ער האָט פאַרלוירען דעם פאָדים. צי איז גלייבער

צו זאָגען, אז ער וועט יאָ חתונה האָבען, צי גלייכער צו זאָגען, אז ניט?... ער האָט זיך א קראַץ געטאָן הינטערן אויער און פּלוצלינג אויסגערופען:

— ער איז דאָך א קראַנקער!...

— ווער איז א קראַנקער?... — האָט זי פאַרוואונדערט געפרעגט.

— „ער"!

— נו...

— וועט ער ניט חתונה האָבען! — האָט ער נאָך א לאַנגער פויזע געענטפערט.

— פאַרוואָס זשע האָסטו חתונה געהאַט?

— איך בין דען א קראַנקער?...

— איך פרעג עס גלאַט אזוי...

— וואָס הייסט, פאַרוואָס? ווייל אַלע מענשען האָבען חתונה.

— ביסטו דאָך א מאַלפּע!...

— וואָס א מאַלפּע?...

זי האָט ניט געענטפערט.

— וואָס א מאַלפּע? — האָט ער דאָס צווייטע מאָל געפרעגט, און די אויגען האָבען באַקומען א טעמפּ פאַרגליווערט אויסזעהן...

— א מאַלפּע! א מאַלפּע! — האָט זי זיך צושריען, — דו ביסט א מאַלפּע, א אידיאָט און ווייטער גאָרניט.

באַקומענדיג זיין פּאַרציע, איז ער נעבאַך געבליבען זיצען ווי אן אָפּגעשמיסענער, אונטערגעשפּאַרט מיט איין האַנט דעם קאָפּ, און מיט דער צווייטער האָט ער מיט'ן אָנווייז-פינגער געקנעטען א שטיקעל ווייך ברויט אויפ'ן טיש. און איהר, וואָס איז געזעסען איהם אנטקעגען מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער דאַרער ברוסט, האָט פאַרדראָסען, פאַרוואָס ער ענטפערט איהר עפּעס ניט, פאַרוואָס ער קאָן זיך ניט אויסדרעהען. זי האָט איצט מעהר ווי אַלע מאָל געגאַרט פון איהם עפּעס אזעלכעס,

וואָס זאָל איהם, דעם מאַן, קענען אוועקשטעלען, אויב ניט הע־כער, איז כאָטש גלייך מיט׳ן שכן. און איז נאָך אַ פּאָר מינוט צייט אַרום, קוקענדיג אויף איהם מיט גליהענדיגע אויגען, האָט זי עטליכע מאָל אויסגעשריען:

— אידיאָט!... אידיאָט! טום—טאָם! — און געלאַסע־נער צוגעגעבען: — וואָס ביסטו געקומען אויף מיינע יאָהרען?

און ער איז זיך שטיל, קאָלטבלוטיג געזעסען און ווי פאר זיך געמורמעלט:

— משוגע! משוגע!... משוגע, זאָל איך אזוי לעבען.

ענדליך האָט זי זיך אַריינגעוואָרפען מיט׳ן אָנטאָן אין בעט, מיטן פּנים צו דער וואנט, און ער איז אַלץ געזעסען אונטערגע־שפּאַרט דעם קאָפּ...ביידען האָט עפּעס שווערעס, געוואַלדיג שווערעס און אומדייטליכעס געדריקט... זיי האָבען זיך דאָס מאָל אזוי ווייט, אזוי פרעמד געפיהלט איינס פון דאָס צווייטע, אז מאָמענטענווייז האָט זיך זיי ביידען ניט געגלויבט, אז זיי זיינען מאַן און ווייב...ביידע האָבען געפיהלט, אז צווישען זיי האָט זיך עפּעס אַ מין טייוועל אריינגעכאַפּט, אַ ניט־גוטער, וואָס צושטערט פון טאָג צו טאָג דאָס לעבען זייערס.

— משוגע! — האָט בערל אויסגערופען, ווי פאר זיך, אויפ־הויבענדיג זיך פון טיש — משוגע! — האָט ער מיט דעם זעל־בען טאָן געזאָגט, זיך נעמענדיג אויסטאָן — משוגע! — האָט ער געזאָגט, אויסלעשענדיג דעם לאָמפּ — משוגע! — האָט ער געבורטשעט, אַריינלייגענדיג זיך אין בעט אריין. און געדאַכט האָט זיך, אז ניט ער, נאָר אַן אַנדערער, גאָר קיין מענש ניט, נאָר עפּעס אַ מין גייסט, אַ בייזער גייסט, וואָס איז געווען אין דער לופט צוגאָסען, האָט די ווערטער איינטאָניג, מיט אַ מאָד־נער דורכדרינגענדיגער האַרטער שטילקייט געזאָגט: משוגע! משוגע! משוגע!...

---

נאָך אַ לאַנגער רייה כמאַרנע, פייכטע נאַסע טעג האָט זיך אין איינעם אַ פריהמאָרגען אין אַ ווינקעל הויף באַוויזען אַ ראַזער

פלעק, וואָס האָט פארכאפּט די אויבערשטע צוויי גאָרענס, עטליכע פענסטער אין מערב זייט און א פּאָר פענסטער אין דרום און משופּע מיט א שאַרפען שפּיץ זיך אראפּגעלאָזט צום דריטען גאָרען און אויך דאָרטען פארכאפּט אַנדערהאַלבען פענסטער. ווייטער איז דער גאַנצער הויף געווען פארהילט אין א געדיכטען קאַלטען שאָטען און שטיל, ווי פארזונקען אין טיפע, טרויעריגע מחשבות, אריבער־געקוקט אין יענעם פרעהליך ליכטיגען ווינקעל. און די אין שאָטען פארהילטע פענסטער האָבען, דאכט זיך, מיט קנאה, מיט א שטיל פארבאָרגענעם וועהטאָג, אריבערגעקוקט צו זייערע שכנים, וואָס האָבען פרעהליך געבלאַנקט אנטקעגען דער זון, וועלכע קוקט זעלטען ווען צו צו זיי, צו די מקנאים, אפילו אין די גרויסע לאַנגע זומער־טעג.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס צום פאָר־פאָלק האָט די זון ניט אריינגעשיינט, איז דאָך אויך דאָרטען ליכטיג געוואָרען פריהער, ווי אין יענע טעג, ווען די זון איז ניטאָ. און בערל איז אויפגעשטאַנען מיט א האַלבער שעה פריהער, ווי ער שטעהט אויף געוועהנליך. ער האָט אויסגעריבען און אויסגעפּוצט דעם פּאַלטאָ, וואָס איז פון הינטען געווען פארשפּריצט מיט בלאָטע במעט ביז'ן קאָלנער; דאָסזעלבע האָט ער געטאָן מיט די הויזען, וואָס זיינען אזוי געווען פארשליאָכעט, אז מ'האָט שוין גאָרניט ארויסגעזעהן דאָס, אויף וואָס די בלאָטע האָט זיך געהאַלטען. נאָכדעם האָט ער זיך ארומגעוואַשען און, אָנטועענדיג זיך, א טראכט געגעבען, אז ער וואָלט שוין באדאַרפט האָבען א נייעם קאָלנער, נאָר אזוי ווי ער האָט אזעלכען ניט געהאט, האָט ער ארויסגענומען דעם אלטען, וועלכער איז שוין אזוי קויטיג געווען, אז ס'איז שווער געווען צו דערקענען זיין פּאַפּירענעם פּרצוף.

ער האָט אפּגעדאַווענט, זיך געמאכט אויף דער מאַשינקע א גלאָז טיי, אויף לעצט ארויפגענומען דעם קויש אויפ'ן טיש, אויס־געלייגט די סחורה און איז ארויסגעגאַנגען אין גאַס.

דאָס ווייב איז ניט געשלאָפען. זי האָט אפילו געהאַלטען

צוגעמאכט די אויגען, נאָר געשלאָפען איז ניט ניט. זי האָט געהערט, ווי דער מאן האָט זיך געפּאָרעט, זיך ארומגעדרעהט און מאָמענטענווייז זיך ניט געקאָנט אפּגעבען קיין רעכענונג, וואס א מענש קאָן זיך אזוי פיל דארפען ארומדרעהען... צומאָל זיינען די געדאנקען פארוויקעלט אין א ווייכען ווארימען נעפּעל, און ס'האָט זיך איהר געדאכט, אז ס'דרעהט זיך ארום א פרעמדער, א ווייטער, א אומבאַקאַנטער...

דער קלאַפּ פון טיר האָט זי צולעצט ארויסגעפיהרט פון דעם האלב־דרעמלענדיגען, האלב־וואכענדיגען צושטאנד. זי האָט גע־עפענט די אויגען, און כאָטש זי האָט פריהער, האלטענדיג זיי פארמאכט, אויך געוואוסט, אז ער איז אוועק, האָט זי זיך עס איצט דאָס צווייטע מאָל דערוואוסט, נאָר עפּעס אנדערש ווי פריהער... דייטליכער... און ווער ווייסט, פארוואָס איהר איז פּלוצלינג גוט געווארען דערפון, וואָס דער מאָן איז אויפגעשטאַנען פריהער פאר איהר און זי געלאָזט ניט זיצען אָדער ארומגעהן, נאָר ליגען אין בעט ? ... דאָס דאָזיגע משונה'דיגע באַגעהר צו בלייבען ליגען אין בעט נאָכ'ן מאנ'ס אוועקגעהן האָט זי שוין באהערשט א לענגערע צייט... עפּעס האָט זיך געדרעהט א נעפּעלדיגער געדאנק, אז ס'וועט זיך עפּעס ענדערען, נאָכדעם וואָס דער שכן וועט זי איין מאָל טרעפען ליגען אין בעט... קוקען, ס'הייסט, קוקען וועט ער ניט, נאָר ער וועט זיך, ווי עס פיהרט זיך ביי איידעלע מענשען, שטיל, הכנעה'דיג אויף די שפּיץ־פינגער דורכגעהן די שטוב און וועט טראַכטען, אז זי שלאָפט... זי האָט געגלויבט, אז ער זאָל כאָטש איין מאָל פיהלען צו איהר דאָס אומדייטליכע, צערטליכע און עטוואס אכטענדע געפיהל, וואס ס'פיהלט א וואכעדיגער, פאר־בייהענדיג א שלאָפענדיגען... און וואָס וועט זיין ? וואָס וועט זיין, אז ער וועט צוגעהן צו איהר ? זי האָט אין דעם געדאנק ניט גע־גלויבט, האָט געוואוסט, אז ער וועט ניט צוגעהן, און פארשפּאָרט פארצונעמען מיטלען. נאָר אזוי ווי זי איז עס גערן געווען, דערפאר, וואָס אזוי ארום וואָלט ער זיך מבזה געמאכט, האָט זי קאַלט־בלוטיג געטראכט, ווי אזוי און מיט וואס פאר א ווערטער זי וועט איהם

זידלען, און אויב ס'וועט גאָר האַלטען שמאָל, וועט זי איהם דער־לאַנגען אין די ציין אריין.

פון די געדאַנקען איז איהר אזוי ליכטיג געוואָרען אויפ'ן הארצען, פונקט ווי איינעם, וואָס האָט לאנגע יאָהרען געשמאַכט אין תפיסה, און פלוצלינג, אין איינעם א שעהנעם פריהמאָרגען, זיך דערזעהן אויף דער פריי... ביי איהר האָט זיך, א חוץ דאָס ריין מענשליכע, וואָס האָט זיך געפונען באַליידיגט פון שכנ'ס אפשיי־ליכען האַלטען זיך, אויך דערוועקט און געפונען שטאַרק באליידיגט די פרוי... די לעצטע באַליידיגונג איז געווען פיל שווערער, אומ־דערטרעגליכער פון דער ערשטער, און די געדאַנקען זיינען אוועק אויף דעם טאַנץ, ווי אזוי צו נעמען נקמה פאַר אזא באַליידיגונג...

עס האָט זיך דערהערט א סקריפ פון בעטעל.... דאָס הארץ האָט ווילד אָנגעהויבען צו קלאַפען... זי האָט זיך אינסטינקטיוו געגעבען א הויב אונטער און מיטביידע הענט פאַרוואָרפען אַרונטער די האָר, וועלכע זיינען פריהער אין אומאָרדענונג געווען צוזאַוואָרפען איבער'ן קישען. נאָכדעם איז זי געבליבען ליגען א פאַרגליווערטע, גלייך ווי א געוויסער טייל לעבען וואָלט זיך פון איהר אפגעטיילט און אוועק אין אַן אומבאַשטימטען אָרט... די געדאַנקען זיינען פלוצים ווי אויסגעלאָשען, און געפיהלט האָט זי אין קאָפ עפּעס א מאָדנע שווערע רוהיגקייט. נאָר געדויערט האָט עס ניט לאַנג, זי האָט זיך אַרומגעקוקט, און געדאַכט האָט זיך איהר, אַז דערווייל איז אוועק א לאַנגע, לאַנגע צייט, און אין דער צייט איז פאַרגעקומען עפּעס זעהר וויכטיגעס, נאָר אומדייטליכעס.

עס האָבען זיך דערהערט טריט. דאָס הארץ האָט ווידער אָנגעהויבען קלאַפּען, און די געדאַנקען זיינען ווידער אוועק א ווילדען טאַנץ... עס איז ניט געבליבען פיל צו וואַרטען, און אין דער קורצער צייט האָט זי באַדאַרפט אויפלייזען זעהר א שווערע אויפגאַבע, וועל־כע איז נאָך פאַר איהר אליין אזוי אומקלאָר, אזוי אומדייטליך געווען, אַז מאָמענטענווייז האָט זי גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען דעם תוך, וואָס האָט זי אַריינגעבראַכט אין דער פאַרצווייפעלטער לאַגע... זי האָט נאָר געפיהלט, אַז איבער איהר רעגירט עפּעס אַזוינס, וואָס

זי איז ניט אומשטאַנד אפּצוהאַלטען, און געשעהן וועט עפּעס, וואָס איז דערוויידער איהרע געפיהלען און פאַרלאַנגען, און כדי אז עס זאָל געשעהן, דאַרף זי טאָן אַזעלכעס, אז דאָס זאָל ניט קענען ניט געשעהן. און ווען זי האָט פּלוצלינג פון זיך געטאָן א שלײדער אַראָפּ די קאָלדרע, איז איהר אַלץ קלאָר און דײטליך געוואָרען... עטליכע מינוט צייט איז זי געלעגען אין א מאָדנער פאַרגליווערונג... מאָמענטענווייז האָט זיך איהר געדאַכט, אז דאָס האַרץ האָט אינגאַנצען אויפגעהערט צו קלאַפּען, און אין די געדאַנקען איז געוואָרען א מאָדנע געמישעכטס, א מאָדנער פּלאָנטער. איהר האָט זיך געדאַכט, אז פון איהר אײנער איז צוויי געוואָרען. אײנע א ממשות־דיגע, וועלכע ליגט אַזוי פּרעך און וואַרט אויף יענעמ׳ס אַריינקומען, און א צווייטע, וואָס ליגט טאַקע אין דער ערשטער, א שטיל, אַרענטליך ווייבעל, וועלכע וואָלט זיך אפילו געשעמט א נאַקעטע האַנט צו באַווייזען... די ערשטע, וואָס זי האָט זי אפילו מיט צוגעמאַכטע אויגען געזעהן, האָט זיך איהר געדאַכט, איז ניט זי — א פרעמדע איז עס, א פרעמדער קערפּער, וועלכער וועט באַלד אויפ׳ן נידערטרעכטיגסטען אופן באַשמוצט ווערען, ניט באַווייזענדיג אפילו דעם קלענסטען ווידערשטאַנד... זי האָט עס געפיהלט... זי האָט געפיהלט, אז זי, יענע, הייסט עס, וואָס ליגט אפּגעדעקט, אז עס גליווערט דער קערפּער פון קעלט און פון אומגעדולדיג־נייגעריגער ערוואַרטונג, וועט ניט קיין כח האָבען צו באַווייזען קיין ווידערשטאַנד. און כאַפּען צוריק זיך צודעקען איז פּונקט אַזוי אוממעגליך, אַזוי שווער געווען ווי דאָס ערשטע, ווי עס וואָלטען פּלוצלינג געליימט געוואָרען הענט און פיס...

זי האָט אַזוי ווי דורכ׳ן שלאָף געהערט, ווי ס׳האָט זיך געעפענט די טיר, און געדאַכט האָט זיך איהר, אז די טיר געפינט זיך אַזוי ווייט, אַזוי ווייט פון איהר, און — א לאַנגע, פיינליך־דריקענדיגע שטילקייט... קיין שאָרך... און געדאַכט האָט זיך איהר, אז די שטילקייט איז עפּעס א מין חלום... עס חלומ׳ט זיך, אז ס׳איז שטיל... שטיל... שטיל... און ווי אין א ווייטען חלום האָט זיך געדענקט, אז ס׳האָט זיך געעפענט א טיר און ווי אין חלום האָט זי געפיהלט און

געהערט דאָס ווייטערדיגע, וואָס מיט איהר האָט געטאָן עפּעס איינער א פרעמדער, א ווייטער, אַן אומבאַקאַנטער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זי איז לאַנג געלעגען מיט צוגעמאַכטע אויגען, האָט מורא געהאַט צו עפענען זיי, איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט אַן אַנדער שטוב דערזעהן, אַן אַנדער לופט: אַלץ, אַלץ, האָט זיך איהר געדאַכט, וועט זי אַנדערש, ווי ס'איז געווען, דערזעהן... זי האָט זיך געשעמט די אויגען צו עפענען, פאַר די פיר ווענט האָט זי זיך געשעמט... זי איז לאַנג געלעגען אין אַן אומ־באַשרייבליכער פּאָזע, קיין ריר זיך ניט געגעבען, גלייך ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָפּהאַלטען, ניט געבען מיט א וועלכער עס איז באַוועגונג זיך צו פיהלען, אַז דאָס איז זי, זי טאַקע, זי און ניט קיין אַנדערע, באַגאַנגען דאָס שרעקליכע פאַרברעכען. און ביז וואַנען זי איז אַזוי אומבאַוועגליך געלעגען, ביז וואַנען זי האָט ניט געעפענט די אויגען, האָט זי ווירקליך ניט געפיהלט אַזוי שטאַרק די גרויסע שווערע שולד. עפּעס איז ביי איהר געווען ווי אין א געדיכטען נעפּעל פאַרהילט. נאָר גלייך ווי זי האָט געעפענט די אויגען, האָט זי שאַרפער, בולט'ער דערפיהלט, וואָס מיט איהר איז דאָ פאָרגעקומען, — און א ים טרערען האָבען זיך א לאָז געטאָן אויף די באַקען, אויף דער נאָז, געררו־נען אין מויל אריין... זי האָט געקריצט מיט די ציין, געקנייפּט, געריסען פון זיך שטיקער פלייש... וואָס איז דאָ מיט איהר פאָרגעקומען, ווען און וואָס און ווי אַזוי איז דאָס געשעהן?... וואָס פאַר א טייוולאָנישע קראַפט האָט זי אין דער שענדליכער נעץ אריינגעדרעהט?... ניין, זי האָט עס אויף קיין פאַל ניט געקענט פאַרשטעהן... א מאָדנער פּלאָנטער אין קאָפּ, ניטאָ קיין אָנהויב, ניטאָ קיין ענדע. נאָר קלאָר איז איהר געווען איין זאַך, אַז איהר פרויען־עהרע איז באַשמוצט געוואָרען, באַשמוצט פון אַזעלכען, וואָס זי האָסט מיט איהר גאַנצער נשמה, באַשמוצט געוואָרען דורך אַן אומקלאָהרען, אומפאַרשטענדליכען פּלאָנטער...

זי האָט טיף פאַרגראָבען דאָס פּנים אין קישען, די אַקסלען,

די פּלייצע האָבען זיך קאָנוואולסיוו געוואָרפען פון די טרערען, וועלכע האָבען זי געשטיקט אין הארצען, געוואָרגען אין האלז, פון צייט צו צייט האָט זיך געלאָזט הערען אַ שלוכץ, עהנליך אויף דעם, ווי מ׳שטיקט אימיצען.

די ספּאַזמעס האָבען זיך אין אַ גרעסערער מאָס איבערגע־חזר׳ט, ווען זי האָט זיך אָן איהר מאַן דערמאָנט, וואָס זי האָט אָן איהם, צום באוואונדערען, גאָר אינגאַנצען געהאַט זיך פאַר־געסען. און מאָדנע: זי האָט זיך ניט געפיהלט שולדיג אַנט־קעגען איהם, נאָר זי האָט רחמנות געהאַט אויף איהם... דאָס רחמנות איז געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי שאַרף, אַז ס׳האָט ווי אַ מעסער געשניטען דאָס הארץ.

זי איז פון בעט ניט אויפגעשטאַנען, געלעגען און אָהן אויפהער געגאָסען מיט טרערען.

און פאַרנאַכט, ווען ער, דער מאַן, איז געקומען עסען מי־טאָג, האָט זי באַקומען אַזאַ היסטעריקע, אַז ס׳איז אוממעגליך געווען איינצושטילען זי מיט היימישע מיטלען, און ער, דער מאַן, האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט, נאָך לאַנג באַטראַכטען זי, געזאָגט, אַז ביי איהר איז פאַרגעקומען אַ גוואַלדיגע נערווען־צוטרייסלונג. ער האָט איהר פאַרשריבען אַ באַרוהיגונגס־רעצעפּט, נאָר באַרוהיגט האָט עס זי ניט. פאַר־קערט, אַרום ניין אַ זייגער אין אָווענט האָט זי אָנגעהויבען שטאַרק צו פיבערען און באַקומען היץ. דער מאַן, זיצענדיג נעבען איהר, האָט געהאַלטען פאַרבראָכען די הענט און מיט אַן אומבאַשרייבליכען שרעק זיך איינגעהערט צו דעם אומפאַר־שטענדליכען פּלאַנטער, וואָס האָט זיך דאָרטען געדרעהט ביי איהר אויף דער שפּיץ צונג.

אַרום צוועלף אַ זייגער איז זי איינגעשלאָפען. בערל, פיה־לענדיג זיך מיד, האָט זיך אין אָנטאָן צוגעלייגט אַנטקעגען ביי זיך אין צווייטען בעט. נאָר שפּעט ביינאַכט האָט איהם אויפ־געריסען פון שלאָף אַ גוואַלדיג גערודער און שרעקליכע גע־שרייען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און צו זיין גרויס פאַר־

וואונדערונג ניט געטראָפּען די ווייב אין בעט, און די געשרייען דערהערט פון שכנ'ס צימער. ער איז פייל פון בויגען אריינגע־שפּרונגען אהינצו און דערזעהן א שרעקליך בילד: דאָס ווייב אין איין העמד, מיט צושויבערטע האָר, א פלאַמענדיג פּנים און גליהענדיגע, ארויסגעשטאַרצטע אויגען, יאָגט זיך ארום נאָכ'ן שכן מיט א מעסער אין האנט...

אין דער פריה, האָט די היץ אביסעל אָפּגעטראָטען, און זי האָט גארניט געדענקט, וואָס מיט איהר איז ביינאכט פאָרגע־קומען. זי האָט געבעטען דעם מאַן, ער זאָל זיך זעצען נעבען איהר אויפ'ן בעט, געקוקט אויף איהם מיט צערטליך־טרויעריגע אויגען, און געגאָסען מיט טרערען. און, דערזעהענדיג פּלוצ־לינג דעם שכן ארויסטראָגענדיג דעם קויש מיט די זאכען, האָט זי באקומען אזא היסטעריקע, אז עס זיינען זיך צונויפגעלאָפען די ארומיגע נאָהענטע פרעמדע שכנים, און יעדער באזונדער האָט געטאָן זיינע מיטלען צו בארוהיגען זי. און נאָכדעם, ווען זי האָט זיך בארוהיגט, איז זי געבליבען אזוי אָהן כחות, אז זי איז אַלע צעהן־פופצעהן מינוט אריינגעפאלען אין א טיפען חלשות, און יעדעס מאָל איז אָנגעקומען מיט פיל מיה צו ברענ־גען זי צום באוואוסטזיין. און פון איין חלשות צום צווייטען האָט זי אזוי יאָמערליך געוויינט, פונקט ווי מ'באקלאָגט א טויטען...

אין דעם ארויסציהען זיך פון שכן האָט זי עפּעס נאָך דייט־ליכער, שאַרפער דערפיהלט די גרויסע, טיפע באלייידיגונג... פאר איהר איז פיל גרינגער געווען צו האָבען די שאנדע אין שטוב, איידער ערגעץ וואו... עס האָט זי טיף אינערליך, וועהטאָגדיג פארדראָסען, וואָס ער, דער שכן, וועלכער איז געווען די סבה פון איהר געפעהרליכער לאגע, פארהאַלט זיך אזוי לייכטזיניג צו איהר... זי איז גערן געווען, אז ס'זאָל ניט זיין אזוי... עפּעס אנדערש... זי האָט זיך אזוי ארום נאָך מעהר באלייידיגט גע-פיהלט... דער מאַן איז געזעסען ניט אָנגעטאָן נעבען איהר בעט און געפיהלט האָט ער, אז עפּעס איז דאָ געשעהן, געשעהן

אזעלכעס, וואָס האָט אויף תמיד, אויף אייביג קאַליע געמאַכט זייער פאַמיליען־לעבען... ער האָט געפיהלט, אז דאָ האָט זיך עפּעס א מין שווארצער טייוועל אריינגעדרעהט, האָט אָפּגעטאָן א שטיק טייוולאָנישע ארבייט, האָט עפּעס אָנגעדרעהט אזעל־כעס, וואָס וועט איהם תמיד דריקען, וועט אַלע יאָהרען מאַ־טערען און פּייניגען, און ער וועט קיין מאָל ניט וויסען, וואָס דאָס איז...

ער האָט זיך פון צייט צו צייט אָפּגעדרעהט אין א ווינקעל און שטיל יאָמערליך געוויינט. זי האָט איהם שטיל נאָכגעקוקט און האָט אויך געגאָסען מיט טרערען. דאָס כליפּען פוןביידע אומגליקליכע נפשות האָט זיך דייטליך געלאָזט הערען אין דער שטילקייט, און ניט ער און ניט זי האָבען קיין איין טרייסט־וואָרט ניט געפונען איינס פאַר דאָס צווייטע. און צוזאמען מיט זייער שווייגען האָט זיך געפיהלט, ווי פון מינוט צו מינוט ווערט עפּעס פאַרהאַרטעוועט אין דער לופט; עס ווערט פאַרהאַרטע־וועט עטוואָס שוידערליכעס — עס גליווערט עטוואָס שרעקלי־כעס, און עס פאַרקלייבט זיך, פאַררוקט זיך ערגעץ ווייט, טיף אין די הערצער, אין די נשמות. און געפיהלט האָבען זיי, ווי זיי טיילען זיך אָפּ איינס פון דאָס צווייטע, ווערען איינס פאַר דאָס אַנדערע דאָס, וואָס זיי זיינען פריהער ניט געוועזען, דאָס וואָס עס וואָלט ניט באַדאַרפט זיין, און ס'איז אָבער געשעהן אזעלכעס, וואָס איז אוממעגליך, ס'זאָל אַנדערש זיין... — — — —

# אַ שכן.

לאה איז שוין טיף אריינגעקראָכען אין דריטען צעהנדליג, דער יונג־מיידעלשער טשאַד איז שוין פאַריבער... ערנסט און אַלט־מיידעלש ניכטער, ווייסט זי שוין אַלע איהרע מעלות און חסרונות און גיט שוין גאַנץ אָפּט אַ טראַכט אַז אַ בעל־מלאכה... אַ בעל־מלאכה קען אויך זיין אַ לייטישער מענש... און דער־פאַר... און דערפאַר האָט זי זיך אַ מלאכה געלאָזט אויסלערנען... ס'קען צוניץ קומען... באהילפיג זיין... און אַ מאַשין אריינ־גענומען אין שטוב אריין... דאָס קען דאָך אַלע מאָל צוניץ קו־מען...

לאה איז געווען איינע פון יענע מיידלאך, וואָס הייסען „היימישע", דאָס הייסט פון יענע וואָס זיצען ביי טאַטע מאַ־מע און טוען ניט קיין האַנט אין קיין קאַלטע וואַסער. און די היימישקייט איז אַ באַזונדערע מעלה צו אַ שידוך... דאָס וואָס זי האָט געהאַט פאַר זיך צו טאָן איז שוין לאַנג אָפּגעטאָן גע־וואָרען. ביי איהר איז שוין אַלצדינג גרייט, כאָטש נעם און פיהר זי אונטער דער חופּה. ס'ליגט ביי איהר בעט־געוואַנט אויף וועלכען קיינער שלאָפט ניט, וואָס ווערט אַלע נאַכט אָפּ־געלעגט אָן אַ זייט און אַלע קאָמאָדען און שופלאָדען זיינען אָנ־געפּאַקט מיט איהר וועש, אויסגענייהט, אויסגעצייכענט און אויסגעהעפּט. דאָס וועש איז שוין אפילו אַ פּאָר מאָל געוואַשען געוואָרען ניט גענוצטערהייט, עס זאָל ניט פאַרגעלט ווערען ליי־גענדיג, און נדן איז דאָ, ס'איז דאָ אַזוי פיל, וויפיל אַ היימיש מיידעל דאַרף האָבען צו געבען אַ לייטישען בחור, דאָס הייסט אַזעלכען, וואָס טוט אויך גאָרניט און פאַרדינט געלט גאָרניט טוענדיג...

ס׳האָבען זיך שוין געוויזען אויף איהר האָריזאָנט אַ פּאָר בחורים מיט אַ שדכן און אָהן אַ שדכן. דער איז איהר ניט גע־פעלען געוואָרען, אַ צווייטען איז זי ניט געפעלען און עפּעס נאָך אַ בחור, וואָס האָט געוואוינט אין הויף און האָט אַ גאַנץ יאָהר, וואָס ער האָט דאָרט געוואוינט, אַלע מאָל צו זיי אין די פענסטער פּארקוקט און ארויפגעשמייכעלט צו איהר.

אַ חוץ צורוימען די שטוב, האָט לאה גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן און ס׳איז שוין גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דאָרטען איז אַזוי ריין געווען... ס׳איז שוין געווען אַזוי ריין, אַז ס׳האָט זיך אַזש געשפּירט אַן אומעט פון דער ריינקייט... אַ דאַנק דער ריינקייט און מוסטערהאַפטער אָרדנונג האָט זיך געדאַכט, אַז די צייט ציהט זיך לענגער, די טעג גרעסער און די גאַנצע שטוב האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז זי ווארט אויף אימיצען, אַז זי איז ניט פאַר שטוב מענשען, נאָר פאַר איינעם אַ פרעמדען, אַן אונבאַקאַנטען, וואָס איז נאָך דערווייל ניטאָ און מוז סוף כל סוף קומען...

דריי מענשען, טאַטע, מאַמע און טאָכטער האָבען די צימער־רען באַוואוינט, און די מאַמע און די טאָכטער האָבען שוין לאַנג געטראַכט, אַז מ׳וואָלט באַדאַרפט איין צימער פאַרדינגען... ביי לייטען טרעפט אַזוי אָפט, אַז פון שכן ווערט אַ בעל־הבית... באַזונדערס איז די מוטער אין דעם זיכער געווען.... ווייל איהר לאה׳לען דאַרף מען נאָר זעהן אין שטוב, און נאָר אַזעלכער, וואָס וועט זי זעהן אין שטוב וועט קענען וויסען ווער איהר לאה׳לע איז, וואָס פאַר אַ גאָלדענע הענט זי האָט... אַזעלכע דאַרף מען זיפען און זוכען... כאָטש זי איז אימער געווען געגען יענע וואָס האַלטען „קוואַרטיראַנטען" ביי זיך בשעת עס איז פאַראַן דער־וואַקסענע מיידלאַך... נאָר צייט אַ פּאָר יאָהר האָט זי שוין אַנדערש אָנגעהויבען צו טראַכטען... אַ מעשה אָהן אַ סוף... ווייסט זי ניט צי איהר לאה׳לע וואָלט אויף אַזעלכעס מסכים געווען, אריינלאָזען אַ בחור אין שטוב אריין. און כך הוה האָט איהר די טאָכטער איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, מאמע, מיר וואלטען געקענט פארדינגען א צי־מער. וואס דארפען מיר דריי צימערען, נאך וואס?

די מוטער האט פארדרעהט די אויגען אן א זייט, א וויש געטאן אן אויג מיט א באק, און תמ׳עוואטע א מורמעל געטאן:

— ווער ווייס וואס פאר א שלאק ס׳קען אנטראגען אהער־צו?...

— א שלאק? — האט לאה איבערגעפרעגט.

— נו, יא, עפעס אן אפגעריסענע קורסיסטקע, וואס זאל מיר קריכען אין קיך אריין וואשען טיכלאך און בלוזעס.

לאה האט א צופרידענע באמערקט, אז קיינער וועט זי ניט נויטען אזעלכע אריינצולאזען.

— אדער עפעס אן אלטען כריפאטש, — האט די מוטער ווידער א מורמעל געטאן.

ניט לאנג געטראכט האט לאה גענומען א ריין פערטעל פאפיר און אנגעשריבען מיט גרויסער, פעטער שריפט:

„אטדאיאטסיא קאמנאטא דליא כאלאסטאווא״.

— זעהסט, מאמע: דליא כאלאסטאווא. ניט באמערקנ־דיג איז ביי איהר דאס ווארט „כאלאסטאווא״ ארוים מיט א דיקערער און פעסטערער שריפט ווי די איבעריגע ווערטער. אונטערגעשמירט דאס שטיקעל פאפיר מיט א ווייסעל פון אן איי, האט זי עס אנגעקלעפט אויפ׳ן טיר, און גלייך ווי זי איז צוריק אין שטוב אריין, האט זי זיך א ווארף געטאן מיט פייערדיגער איילעניש צו רוימען דאס צימער, יענעם צימער, וואס מ׳האט באדארפט אוועקצוגעבען. זי האט עס געטאן אזוי איילענדיג, גלייך ווי „ער״, דער וואס זי וויל און באגעהרט וואלט שוין די מינוט באדארפט קומען, און אזוי פלייסיג, גלייך ווי דער, וואס וועט קומען דינגען דאס צימער, וועט טאקע זיין נאר דער, וואס זי באגעהרט און ניט קיין אנדערער.

---

דעם זעלבען טאג איז געקומען עפעס אן אלטע פריצה, מיט א לאנג פערדיש פנים, מיט א משונה׳דיג היטעלע אויפ׳ן קאפ,

מיט א פעלערינקע אויף די אקסעל און מיט א מאַנסבילישען שירעם אין האַנט. ביידע, אי די מאַמע, אי די טאָכטער, זיינען איהר אַנטקעגען געקומען מיט אַזא ברוגז'ן אימפעט, ווי די פּריצה וואָלט זיי געקומען בארויבען, און לאה האָט זיך אפילו צושריען אויף איהר:

— צי זעהט זי דען ניט, די אַלטע שליאכטשאַנקע, אַז ס'שטעהט אָנגעשריבען: דליא כאָלאָסטאָווא?

אויפ'ן צווייטען טאָג איז געקומען אַן אַלטער איד, וואָס האָט זיך רעקאָמענדירט פאַר א האָלץ סוחר און אויך מיט איהם האָט מען זיך גיך אָפּגעפּאַרטיגט, ערשט פאַרנאַכט, דעם זעלבען טאָג, איז געקומען דער, פאַר וועמען לאה האָט דאָס קווימעל ארויסגעהאַנגען: א געזונטער, שעהנער בחור, פון א יאָהר דרייסיג, מיט אַן ענערגיש פּנים און מיט קלוגע, שטאָלצע אויגען. לאה האָט פאַר איהם ניט ווי פאַר א שכן, נאָר ווי פאַר א לאַנג-ערוואַרטעטען, מיט איהר גאַנצער מיידעלשער צאַרטקייט און בעל־הבית'ישער ברייטקייט די טיר אין צימער אריין צועפענט, און דער יונגער מאַן איז פשוט צוגעזאָטען געוואָרען צום צימער. ער האָט זיך ניט געדונגען און גלייך מרוצה געוואָרען אויף דעם פּרייז, וואָס מ'האָט איהם אָנגעבאָטען, און גלייך באַצאָהלט פאַר א גאַנצען מאָנאַט פאָראויס.

---

דער יונגער מאַן איז טאָג טעגליך אַוועקגעגאַנגען אין דער פריה און געקומען שפּעט ביינאַכט. געעפענט האָט איהם די טיר דער, ווער עס האָט פריהער דערהערט קלאַפּען. ווען לאה האָט איהם די טיר געעפענט, האָט זי איהם אַלע מאָל געבעטען ער זאָל צו־וואַרטען אביסעל, און ער איז אַזוי פיין און עדעל געוועזען און האָט נאָך געוואַרט לענגער, ווי ער האָט געדאַרפט וואַרטען, און אַלע פריהמאָרגען האָט ער זיך, דער בחור, פאַר־ענטפערט, זיך ענטשולדיגט, וואָס ער שטערט זיי דעם שלאָף, און אויף מאָרגען האָט ער ווייטער געטאָן דאָס זעלבע, ווידער שפּעט געקומען און ווידער געקלאַפּט. בכלל האָט מען איהם אין שטוב

ניט אָנגעקוקט. לאה האָט זיך מיט דער צייט אָנגעהויבען שפּי־רען באַליידיגט, און ניט געוואָלט איהם מעהר געהן עפענען די טיר... שוין גלייכער פאַר איהר מ'זאָל מיינען אז זי שלאָפט און אז זי האָט גאָר אינגאַנצען אויפגעהערט צו וויסען ווען ער קומט... אייגענטליך האָט איהר וואָס אויף איהם פאַרדראָסען?... ס'האָט איהר פאַרדראָסען זיין גראָבקייט? נו, יאָ, זיין גראָבקייט, וואָס ער שטערט נאַכט ביי נאַכט מענשען דעם שלאָף. דער אָנשטעל זיינער... אויף די שפּיץ פינגער געהט ער... ער ווייסט דען ניט, אז קיינער שלאָפט שוין ניט נאָך זיין קלאַפּען?

— דו האָסט געהערט ווען ער איז געקומען? — האָט די מוטער כמעט אַלע פריה-מאָרגען געפרעגט ביי דער טאָכטער און די טאָכטער האָט געענטפערט: ניין, זי האָט ניט געהערט...

דער פאָטער האָט זיך איינמאָל אויףביידען צובייזערט:

— בהמות, וואָס זיי זיינען! איהר קענט דאָך צומאַכען א שליסעל!

---

שוין עטליכע טעג קומט דער שכן א צוטראָגענער, א פאַר'־חשך'טער, און פאַרמאַכט הינטער זיך האַסטיג די טיר. דאָס ערש־טע מאָל ווען ער איז אומגעריכט ווי א דונער אריינגעלאָפען אין שטוב אריין, איז לאה פונקט געשטאַנען ביים שפּיגעל אָהן א בלוזקע. זי האָט א קוויטש געטאָן און פאַרוואָרפען ביידע הענט אויף די בריסט, זיך געטאָן א זעץ נידריגער פוג'ם קאָנסאָל־טישעל. נאָר ער איז געשווינד פאַרבייגעלאָפען, און לאה ווייס עד היום ניט, צי האָט ער זי גאָר אינגאַנצען באַמערקט... סאַי ווי סאַי, אזוי צי אזוי, איז שוין געווען וואָס איהר זאָל פאַרדריסען: האָט ער זי באַמערקט אין דעם גאַרדעראָב, האָט פאַר־דראָסען, וואָס דער וואָס האָט קיינמאָל ניט געטראַכט פון איהר זאָל זי פלוצלינג זעהן אָהן א בלוזע, און אויב ער האָט זי ניט באַמערקט, האָט עס זי שוין ווידער באַליידיגט...

די עטליכע פאַרנאַכטען, וואָס ער איז אויסערגעוויינליך פריה געקומען, האָט ער זיך האַסטיג ארומגעדרעהט ביי זיך אין צימער

אונטער א פּאַרשלאָסענער טיר, און מיט דעם איז נאָך מעהר גע־וועזן ווי געזאָגט, אז ער וויל ניט אימיצער זאָל אריינגעהן צו איהם, אז ער איז דאָ א פרעמדער און אז ס'באדארף דאָ קיינעם ניט אָנגעהן, קומט ער שפּעט, צי קומט ער פריה, און ס'דארף ניט זיין קיינעמס עסק, וואָס ער איז די לעצטע טעג צורודערט. א שכן, א פרעמדער שכן!

לאה איז אלע פארנאכטען געשטאנען ביים פענסטער אן אויס־געפּוצטע, אן אָנגעפּוידערטע, א צוגעפארבטע און איהם אויסגע־קוקט. די שווארצע אויגעלאך האָבען געגליהט פון אומגעדול־דיגער ערוואַרטונג... זי האָט אַלע מאָל געוואוסט, אז אָט היינט וועט ער קומען מיט עפּעס נייעס, און דאָס נייע, גוטס צי שלעכטס, וועט עפּעס זיין אָן אָנהויב פון עפּעס... זי האָט מיט פייכטע, בענקענדיגע אויגען געקוקט אין הויף אריין אויף דעם געוועהנליכען, וואָכעדיגען טומעל און געוואָלט ס'זאָל זיך עפּעס ענדערען... זי האָט פול מיט בענקשאַפט פון דער תמוז'דיגער זון, וואָס האָט פארגאָסען מיט העלער גאָלדענער שיין די פענס־טער און ווענט פון אנטקעגענדיגען פליגעל און נאָך גרויסקייט און הייסקייט פון טאָג עפּעס ערוואַרטעט פון אָווענט, און קיהל־קייט פון אָווענטען קליינע, וואָס עפענען מיט זיך ברייטע מעג־ליכקייטען פון שפּאַציר־גאַנג איבער גאסען און גערטענער...

און אָט איז ער איינמאָל פארנאכט, גלייך פון הויף צוגע־קומען צום פענסטער און צו לאה'ן, און געזאָגט מיט א הארטער צוטראַגענקייט:

— פרייליין לאה! איהר וועט זיך אפשר אביסעל דורכ־געהן?

דער טאָן האָט לאה'ן שטארק באַליידיגט. ער האָט ניט גע־בעטען, נאָר כמעט ווי באַפוילען, זי זאָל געהן מיט איהם. ער האָט עס איהר פאַרגעלייגט מיט אזא טאָן, גלייך ווי ער וואָלט געוואוסט, אז זי קוקט שוין לאנג דארויף ארויס און ווי ער וואָלט עס שוין אין גאנצען געוואָלט טאָן פון איהרטוועגען. דער גאנצער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען א טרויעריגער,

א ברוגז'ער. קיין סמן ניט פון פאַרלאַנג און באַגעהר, וואָס דאַרף אויסגעדריקט ווערען אין אַזאַ פאַל, ווען אַ יונגערמאַן לאַדעט איין אַ מיידעל צום שפּאַציר. לאה האָט איהם אויפ'ן אָרט געוואָלט אָפּזאָגען, אָבער זי האָט אַן אַנדער אויסוועג גע־פונען:

— איהר זייט עפּעס ניט מיט אַלעמען!

א ווילד פייערל האָט זיך ביים יונגענמאַן אין די אויגען אָנגעצונדען. ער האָט האַסטיג געזאָגט:

— ס'איז אייער רעכט יאָ געהן און ניט געהן. וואָס געהער מיין צושטאַנד, דאָס לאָזט פאַר מיר!

און צווישען ביידען, כמעט אונבאַקאַנטע, האָט זיך עפּעס אַ האַרטער רוגז אַריינגעכאַפּט. ביידע האָבען איינס אויף דאָס אַנדערע פון צייט צו צייט געוואָרפען האַרטע, פאַרדריסיגע, כמעט פיינדליכע בליקען, און דערקענט האָט מען אָן איהם, אַז ער איז שוין גאָר ניט אויפגעלייגט צו געהן שפּאַצירען, און לאה האָט שוין ביי זיך אַ פרעג געטאָן: וואָס באַדאַרף ער מיך?

— נו, איהר געהט? — האָט ער אומגעדולדיג האַרט אַ פרעג געטאָן.

לאה איז געווען אין אַ שטאַרקער פאַרלעגענהייט. אָפּזאָגען איהם וואָלט געהייסען אַזוי גלייך ווי איין מאָל אויף אַלע מאָל זיך איינגאַנצען פון איהם אָפּצוזאָגען... געהן, האָט זי ווידער ניט געקענט... זי האָט לאַנג געטראַכט און... אַ שמייכעל גע־טאָן, און ער האָט שוין מיט אַ נאָכגעבענדען טאָן געזאָגט:

— **קומט, איך בעט אייך!**

ערשט נאָכדעם האָט זי זיך מישב געווען און געזאָגט, אַז זי וועט געהן פרעגען ביי דער מוטער, צי די מוטער וועט איהר ערלויבען צו געהן, און געוואָלט האָט זי דערמיט באַווייזען אָט דעם ניט־העפליכען בחור, אַז זי איז נאָך גאָר ניט אַזוי אַלט, אַז זי מוז נאָך ביי דער מאַמען זיך אָנפרעגען.

און שוין שטעהענדיג אין הויף און אָנציהענדיג די הענטש־

קעם אויף די הענט, האָט זי געפרעגט ביי איהם, וואוהין מ׳געהט. און ער האָט גלייך געענטפערט:

— אין פּארק אריין!

---

ווען זיי זיינען געקומען אין פּארק אריין, איז שוין געווען טונקעל, טונקעל און קיהל פון די געדיכטע בוימער און צוויי־גען, דורך וועלכע מ׳האָט זעלטען וואו א שטיקעל הימעל ארויס־געזעהן. ס׳האָט זיך געשפּירט א שטיל פארנאכטיגע געמיטליכ־קייט. אויף די ברייטע אלעען, באשאָטען מיט קליינע ים־שטיינדעלאך, האָבען זיך איינציגווייז פּאָרלאך און גאנצע גרופּעס מענשען ארומגעדרעהט מיט שירעמס, מיט שטעקעלאך און פּאַ־כערס, מיט צווייגלאך און בלומען אין די הענט, און אלעמען איז דאָ קענטיג גוט געווען, ווייל אלע האָבען גערעדט, געשטיפּט און געלאכט. ס׳האָט יעדער איינציגער געוואוסט נאָך וואָס ער איז אהער געקומען און אויסגענוצט דאָס, נאָך וואָס מ׳איז געקומען. נאָר איין לאה האָט עס ניט געוואוסט, ווייל זי האָט מען גע־בראכט אהערצו און זי האָט ניט געוואוסט נאָך וואָס און מיט וועלכען צוועק... זי האָט זיך נאָכגעבלאָנקעט דעם שכן, וואָס האָט זיך ווי א צודולטער ארומגעדרעהט איבער די אלעען און א צוטראָגענער, א נערוועזער פארקוקט יעדע מיידעל אין פּנים אריין, צייטענווייז פארלאָפען אויף פריהער, ווי ער וואָלט שוין גאָר איינגאנצען פארגעסען, אז מיט איהם געהט אויך ווער, אָדער איז גאָר געבליבען שטעהן פון הינטען. לאה האָט זיך פון דעם אלע־מען זעהר דערשלאָגען און באליידיגט געשפּירט, און איז איהם דאָך, ווי פארמאגנעטירט פון איהם, נאָכגעגאנגען.

ווי דורך א כישוף האָט זיך דאָ און דאָרטען איין לאמטערן נאָכ׳ן אנדערען אָנגעצונדען. א בליץ דאָ, א בליץ דאָרטען, און נאָך יעדען בליץ האָט זיך אין דער הויך, צווישען גרינקייט פון בוימער און צווייגען, א מילך־ווייסער פענבער באוויזען און צו־וואָרפען ארום זיך א מילך־צארטע לבנה־בלאסקייט. ס׳איז גע־ווארען ליכטיג אויף די אלעען, אָבער אויף די זייטען, צווישען

בוימער, צווייגען און בלעטער, האָט זיך געדאכט, איז פינסטערער געוואָרען. עס האָט זיך געדאכט, אז די בוימער זיינען זיך נעהנ־טער צונויפגעגאנגען, אז די צווייגען האָבען זיך ענגער צונויפ-געפלאָכטען און באהאלטען אין זיך פאר דער שיין פון לאמטערן נאכט און פינסטערניש...

דער שכן איז געגאנגען און לאה איז איהם נאָכגעגאנגען, כאָטש זי האָט שוין געזעהן, אז ער אליין ווייסט אויך ניט וואוהין צו געהן, דערקענט אז ער זוכט אימיצען און ווייסט ניט וואו צו זוכען און פון דעם וואָס ער ווייסט ניט, האָט ער באוויזען נער־וועזע אונגעדולדיגקייט. און ביי לאה'ן איז איינמאָל און א צווייטען מאָל ארויסגעשוואומען די פראגע נאָך וואָס ער באדאַרף זי דאָ... אָן זיין פארגעסען זיך אָן איהר, איז געווען צו זעהן, אז ער האָט זי מיט א געוויסען צוועק אהערצו געבראכט, צוליב אן אונפארשטענדליכען אויסערגעוועהנליכען ציל און ווייל זי איז שוין געווען זיכער, אז דער צוועק איז ניט פון די געוועהנ־ליכע, איז עס איהר שוין זעהר אינטערעסאנט געוואָרען, און זי איז איהם נאָכגעגאנגען.

פלוצלינג האָט ער זי געגעבען א כאַפּ אונטער'ן אָרעם, פאר־ברייטערט דעם שפאן, און פעסט האלטענדיג אונטער דער האנט, זי מיטגעשלעפּט נאָך זיין טריט און גאנג, ווי א פארהיפּנאָטי-זירטער, ניט אָפּגעבענדיג זיך קיין רעכנונג אין זיינע מעשים, האָט ער זי געשלעפּט, און קענטיג אלץ זי ניט אין זינען געהאַט, און אָנגעיאָגט א פּאָר'ל, וואָס איז זיי געגאנגען פאָראויס, געטור־ליעט איינס אין דאָס אנדערע, האָט ער, דער שכן, פלוצלינג אָנ-געהויבען שיטען מיט ליבעס-ווערטער, מעכאניש, צוטראָגען, איין וואָרט האָט זיך ניט געקלעפּט צום אנדערען. ער האָט איהר, לאה'ן, די ליבעס-ערקלעהרונג גערעדט הויך, און דאָס פּאָר'ל, וואָס איז געגאנגען פאָראויס, האָבען געלאכט. און די „זי" פון יענעם פּאָר'ל האָט פארוואָרפען דאָס קעפּעל אויפ'ן אקסעל פונ'ם „ער", און וואָס מעהר דער, וואָס איז געגאנגען פון הינ־טען האָט גערעדט, האָט דאָס פאָדערשטע פּאָר'ל אלץ מעהר גע-

לאכט און פון שכן'ס מויל האָבען זיך געשאָטען בלייערנע לי־בעס ווערטער. און געפיהלט האָט לאה, ווי ער פיבערט אינ־גאַנצען, קריצט מיט די ציין און אלץ באגלייטען מיט טויטע ווער־טער, ליבעס ווערטער צו איהר, צו לאה'ן, ביז זי האָט זיך גע־געבען א שטעל־אָפּ און אויסגערופען:

— הערט!...

און ער איז אויך שטעהן געבליבען און געשוויגען מיט א פאַרביסענע ליפּ... זיינען זיי ביידע לאַנג געשטאַנען איינס גע־גען דאָס אַנדערע, נאָהענט געשטאַנען, ווייטע איינס דאָס אַנדערע, מיט הארבע פרעמדקייט און פאַרביטערטקייט... ענדליך האָט ער געזאָגט:

— איך בין אַזוי אונגליקליך!

מיט א קול ווי ער וואָלט פּלוצלינג אין א רעיון אריינגעפאַ־לען. און דאָס האָט שוין געהייסען, אז ער האָט זיך פאַרענט־פערט פאַר לאה'ן. און דאָ איז איהר שוין אינגאַנצען קלאָר גע־וואָרען, ווי טיף באַליידיגט ער האָט זי. און מ'איז ווייטער גע־שטאַנען און ניט געקענט פּטור ווערען איינס פון דאָס אַנדערע... געדאַרפט דערצו זיין נאָהענט באַקאַנט, אָדער גאָר אינגאַנצען זיך ניט קענען, און ער האָט שוין נאָר פאַרגעשלאָגען זיך צוזעצען. לאה'ן איז שוין אייגענטליך אלץ איינס געווען. אָהן איהם וועט זי דאָך אהיים ניט געהן... דערצו האָט זי געזעהן ווי ער שטעהט קוים איין אויף די פיס...

זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף איינע פון די לאַנגע, גרין־געפאַרבטע בענק. ביידע זיינען געזעסען ווי אומבאַקאַנטע און דאָך ברוגז'ע, און דאָס איז געווען ערגער ווי אומבאַקאַנט און ער־גער ווי ברוגז...

ארום עלף אזייגער זיינען זיי אהיים געגאַנגען. זיי זיינען געגאַנגען צוזאַמען, ווייל זיי האָבען באַזונדער ניט געקענט געהן. זיי האָבען ניט געקענט געהן באַזונדער, ווייל זיי זיינען ברוגז ניט געווען. און ברוגז האָבען זיי ניט געקענט זיין, ווייל זיי זיינען דאָך פרעמדע געווען. אויף לעצט האָבען זיי דאָך געמוזט

געהן אין איינעם, וויילביידע וואָהנען דאָך אין איין שטוב און ווייל ביידע זיינען אהער צוזאמען געקומען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי נאָר לאה איז אריינגעקומען אין שטוב, האָט זי גע־זאָגט:

— מאמא, איך בין טויט הונגעריג!

דערמיט האָט זי געוואָלט געבען דער מוטער אָנצוהערעניש, אז אנדערש וואָלט זי אזוי פריה ניט געקומען. די מוטער איז געזעסען ביים טיש, אנטקעגען איהר דער עלטערער ברודער, וואס האָט ניט חתונה געהאט צוליב לאה'ן. דער פאָטער איז שוין געשלאָפען. ביידע — די מוטער און דער ברודער — האָבען, זעהט אויס, צווישען זיך עפּעס זעהר אן ערשטען שמועס געהאט, ווייל ווען זיי, לאה מיט'ן שכן, זיינען אריינגעקומען, זיינען יע־נע אנשוויגען געוואָרען. דער ברודער, וואס לעבט זיך זעלבסט־שטענדיג, באַזונדער, איז זיך ברייטלאָך געזעסען ביים טיש, געגעבען מיט זיין זיצען צו פיהלען, אז ער איז זיך דאָ פאר־זעסען איבער זעהר א וויכטיגען ענין. און ווען לאה איז מיט'ן שכן אריינגעקומען, האָט ער זי אָפּגעמאָסטען מיט א טאַטישען בליק. און ווען דער שכן איז שוין ביי דער טיר פון זיין צי־מער געשטאַנען האָט די מוטער צום לעצטען געזאָגט:

— באַקענט זיך, דאָס איז מיין זוהן, מיין עלטערער זוהן.

באין ברירה האָט דער שכן געמאכט צוויי שפּאַן צורי און ביידע האָבען זיך די הענט געגעבען. און גלייך איז דער שכן פארשוואונדען געוואָרען, און איבערגעדרעהט דעם שליסעל אין דער טיר. און שפּעטער מיט א פּאָר מינוט איז דער ברודער אוועק, און דער שוועסטער באַזונדער „א גוטע נאַכט" געזאָגט.

— האָסט זיך מיט איהם עפּעס ניט פאַלאָדעט? — האָט די מוטער ביי דער טאָכטער געפרעגט, זעהענדיג זי אן אויפגע־רעגטע.

אזוי ווייט, האָט די אַלטע געמיינט, האַלט עס שוין. און לאה איז געווען צופרידען, וואס יענע מיינט אזוי. גלייך ווי די

מוטער איז אוועקגעגאנגען שלאָפען, האָט לאה געוואָרפען דאָס עסען, איז אַרויסגעגאנגען אויפ'ן באלקאָן און איהרע געדאנקען האָבען זיך איינגאנצען קאָנצענטרירט אַרום דעם, וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען... וואָס האָט ער געוואָלט פון איהר און נאָך וואָס האָט ער זי געשלעפּט אין פּארק אריין, און וואָס האָט ער דאָרטען מיט איהר אזעלכעס געטאָן... פּשוט חוזק? אָבער ניט חוזק וויל מען דאָך עפּעס פון א מיידעל, און פון איהר?... און דאָס האָט זי שוין אין צווייען באַליידיגט.

ס'איז געווען א ווארימע, פינסטערע נאכט, איינע פון יענע זומערדיגע נעכט, וואָס זאָגען א סך צו און גיבען גאָרניט, ריידען און שטעלען גאָרניט צופרידען. ביי דער מיידעל האָט דאָס הארץ גענאָגט, געבענקט און געצויגען... באַליידיגט און באַשפּיגען האָט זיך געפּיהלט איהר פרויען־אייגען־ליבע... פאר וואָס? פאר וועמען?... וואָס האָט ער געהאַט צו איהר?... ס'וואָלט דאָך געקענט אנדערש זיין... אָט זיינען זיי ביידע פון שפּאציר געקומען און ביידע וואָלטען איצט באדארפט זיצען אויפ'ן באלקאָן... זיצט זי דאָ איינע אליין, און ער דאָרטען, לעבט זיך דאָרטען באזונדער מיט זיין פרעמד־שכנ'דיג לעבען, וואָס האלט זיך מיט זיין גאנצער בחור'ישקייט ווייט און פרעמד פון איהר. אין איין שטוב זיצען א בחור מיט א מיידעל, און מ'איז אזוי ווייט און פרעמד איינס פון דאָס אנדערע...

זעלטען וואו ס'האָט נאָך ערגעץ געבליסטשעט א זומער'דיג פייער'ל. אלע פענסטער אין הויף האָבען געגלאַנצט מיט אימה'־דיג געדיכטער שווארצקייט. נאָר איין פענסטער, זייער פענס־טער, „זיין" פענסטער איז געווען העל באלויכטען. אבער אריינ־קוקען אהינצו האָט זי ניט געקענט, מחמת ס'איז געווען דאָס צווייטע פון באלקאָן, און דערצו נאָך פארשאַרט מיט'ן פאָרהענ־געל. לאה האָט נאָר געהערט די טריט זיינע און געזעהן דעם שאָטען זיינעם, וואָס איז אלע מאָל ארויפגעקראָכען אויפ'ן פאָר־הענגעל און פארשוואונדען געווארען.

לאה האָט אָן זיך כמעט איינגאנצען פארגעסען, און איינגאנ־

צען געטראכט וועגען איהם... עפּעס האָט ער מיט זיינע האָס־טיגע טריט און אומרוהיגקייט געוועקט ביי איהר. פון איהרע אויגען איז ניט אָפּגעטרעטען דאָס אומגליקליכע פּנים זיינס און געקלונגען האָבען אין איהרע אויערען די ווערטער זיינע:

— איך בין אזוי אונגליקליך!

א „ויחד", וואס ער איז אונגליקליך און וואָס ניט זי איז שולדיג אין זיין אונגליק.

„אפשר גאָר אריינגעהן צו איהם?"

פון יענער זייט טויער איז אַ דראָזשקע פאַרבייגעפאָהרען מיט האַרטע, הילכענדע פערדישע טריט, וואָס האָבען דערצעהלט פון פאַר טויער'דיגער פרעמדקייט און נאַכטיגער אונהיימליכקייט. און לאה האָט זיך נאָך איינזאַמער דערפיהלט און האָט שוין ווידער געטראכט וועגען זיך, וואָס זי שטעהט נעבאַך איינע אליין אויפ'ן באַלקאָן און וואָס דאַרטען, ביי זיי, דרעהט זיך ארום איי־נער א מאַן, א בחור, און וויל גאַרניט וויסען פון איהר, פון דער איינזאַמער... ער לעבט זיך פאַר זיך איבער א שלעכט בחור'שען מאָמענט און וויל ניט אימיצער זאָל דערפון וויסען...

„אפשר טאַקע אריינגעהן צו איהם?"...

אָ, ניין, זי וועט עס ניט טאָן, און אפשר וויל זי זיך אזוי אַרום פאַרנאַרען?

ניין, זי וועט עס ניט טאָן!

אָבער די נאַכט! די שטילע, פינסטערע, וואַרימע נאַכט, האָט שטום אויפ'ן נאַכטיגען שטילען אופן גערופען צום לע־בען, און פון דעם רוף האָט ביי לאה'ן געצאַפּעלט דאָס הארץ, אין דער פינסטערניש און שטילקייט האָט זי דייטליך און קלאָהר געוואוסט, וואָס זי וויל...

זי מוז אריינגעהן צו איהם... לאָז ער איהר ערקלעהרען זיין האַנדלען מיט איהר... ניין... זי... זי וועט נאָר אָנקלאַפּען אין טיר, ער זאָל אַביסעל שטילער ארומגעהן, ווייל ער לאָזט טאַטע־מאַמע ניט שלאָפען...

אָבער זי איז געשטאַנען אומבאַוועגליך און ער האָט זיך

דאָרטען אַלץ האסטיגער און האסטיגער ארומגעשפּרייזט איבער׳ן צימער און ס׳האָט זיך גערואכט, אז אין דער שטילער, שוואר־צער נאכט באוועגט זיך אן אומרוהיגער נערוו... לאה האָט זיך איינגעהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערען. יעדער טראָט זיינער האָט זיך ווי אן אומרוהיגער עכאָ אָפּגערופען ביי איהר אין האר־צען. זי האָט מיט איהר גאנצען לעבעדיגען אינסטינקט געשפּירט, אז... זי דאַרף עפּעס טאָן. זי האָט אָבער צו זיך קיין צוטרוי ניט געהאַט און האָט זיך אין פעסטע קייטען פון שטאַרקען ווי־לען אָנגעהאַלטען פון ניט אריינצוגעהן צו איהם.

זי האָט איין הוסט געטאָן און א צווייטען, און גלייך זיך גע־כאַפּט, אז דאָס איז ניט אָנשטענדיג, אין אָנגעהויבען צו זינגען פון אָנהויב גאַנץ שטיל, שפּעטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער... דער שאָטען איז פארגליווערט געווארען אויפ׳ן פּאָרהאַנגעל און ס׳האָט זיך באקומען אן איינדרוק, אז א חוץ שאָטען איז דאָרטען אין צימער קיינער ניט געבליבען...

לאה האָט אַלץ העכער און העכער געזונגען. און אין איהר קול האָט זיך געפּיהלט א טרויעריגע ליידענשאַפטליכע בענקשאַפט; עס האָט זיך גערואכט, אז אין דער נאכט האָט זיך ערגעץ א פאר־בלאָנדזשעטע נשמה צוזונגען מיט נשמה־זיסקייט און נשמה־בענקשאַפט צום גוף, וואָס ווייסט ניט וואו איהם צו געפינען. און איינגעהערט האָט זיך אין איהר זינגען נאכט און שטילקייט און אַלץ וואָס איז אין דעם און אין יענעם געהילט...

פּלוצלינג האָט זיך דער שאָטען א וואַרף געטאָן אהער און אהין, און אין א ווייל׳ע ארום האָט זיך דערהערט א רעוואָלווער־שאָס, און געדאַכט האָט זיך, אז די נאכט האָט מיט איהר שטומען צונג א קלונג געטאָן. — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער זעלבסטמערדער איז געלעגען אינ׳ם ריין מיידעלש אויס־געפּוצטען צימער, און פרעמד ווי ער איז געווען פאר׳ן לעבען, איז ער פאר די שטוב־מענשען נאָך פרעמדער געוואָרען נאָכ׳ן טויט... ס׳האָט פאַרדראָסען די שטוב־מענשען, וואָס זיי האָבען גארניט גע־

וואוסט וואָס צו ענטפערען יענע נייגעריגע מענשען, וואס האָבען זיך נאָכגעפרעגט ביי זיי וועגען „איהם”. און זיי האָבען זיך עפּעס ווי באַליידיגט געפיהלט, וואָס ער האָט אָט די „ארבייט” ביי זיי אין שטוב געטאָן און ניט ערגעץ אנדערש...

צווישען א פולער שטוב מיט פרעמד־אָנגעלאָפענע מענשען, האָבען זיך די היימישע פרעמד ארומגעדרעהט, האָבען זיך קיין אָרט ניט געפונען, און קיינער פון זיי האָט קיין דרייסטקייט ניט געהאַט צו זאָגען דעם פרעמדען עולם, מ'זאָל זיך צוגעהן, ווייל... ווייל ער, דער זעלבסטמערדער איז זיי פונקט אזוי פרעמד געווען, ווי צו די אָנגעלאָפענע פון הויף און גאס און האָבען פונקט אזוי ווי יענע ניט געוואוסט פאר וואָס „ער” האָט זיך דאָס לעבען גענומען... זיי האָבען זיך ארומגעדרעהט צווישען דער געדיכטער מענשען־מאַסע, ווי אומגעבעטענע געסט אויף א פרעמדער חתונה און האָבען נאָך ווינציגער פון אלע געוואוסט, וואס „דאָרטען” טוט זיך...

לאה איז ארומגעגאנגען מיט אן אראפגעבויגענעם קאָפּ, און דערפאַר האָבען פילע געמיינט, אז זי וויסט עפּעס יאָ. און אייניגע האָבען זי אפילו חושד געווען, אז זי האָט עפּעס א שטיקעל חלק אין שכנ'ס זעלבסטמאָרד... לאה האָט פארשטאַנען, אז ס'קענען זיך צווישען עולם אזעלכע געפינען, וואָס זאָלען עס אזוי מיינען, און איז אינערליך גאנץ צופרידען געווען דערמיט, און האָט אויף קיין מינוט ניט פארגעסען צו זוכען צווישען די אנגעלאָפענע די שלאנקע פרויען־פיגור, וואס זי האָט אין פּארק געזעהן... ניט געזעהן זי אין שטוב, איז זי ארויס אין הויף, זיך לאנג ארומגעדרעהט צווישען א היבש רעדעל מענשען און האָט זי דערקענט, האָט זי פון דער ווייטענס לאנג באַטראַכט און צופרידען געווען, וואָס קיינער, חוץ איהר, ווייסט ניט, אז אין הויף געפינט זיך די שולדיגע אינ'ם שכנ'ס זעלבסטמאָרד און וואס אלע מיינען, אז דאָס האָט א ראָמאַנטישען יסוד, און צופרידען געווען, וואס אייניגע קענען זי חושד זיין, און ניט קיין אנדערע...

# געפאַלען אויף א שכל.

צי ס'איז דאָ ארבייט צי ניט, שטעהט יאנקעל אויף גאנץ פריה, לייגט טלית און תפילין, תפילין אלטע, דער טלית א נייער, א שפּאָגעל נייער און ווער עס זאָל איהם אפילו ניט קענען און ניט וויסען, אז ס'איז ערשט אכט חדשים נאָך זיין חתונה, וועט עס אָן נייעם טלית דערקענען.

בחור־ווייז איז ער אפילו געווען א פרייער יונג. אָה, אָה, נאָך וואָס פאַר א פרייער! האָט זיך אפילו פארגונען צו רויכערען א פּאַפּיראָס אום שבת. נאָר פון דער חתונה אָן איז ער געווארען א סטאַטיק. פון דעם, וואָס ער רויכערט ניט אום שבת איז דאָך שוין אָפּגערעדט, נאָר ער האָט אויך אָנגעהויבען צו דאַוונען, האָט אפילו אַמאָל פארפעהלט א טאָג, נאָר צייט צוויי וואָכען זינט עס האָט דאָס אומגליק געטראָפען, וואָס דאָס ווייבעל זיינס האָט אין קינד־בעט דאָס קינד דערשטיקט, האָט ער אָנגעהויבען צו דאַוונען יעדען טאָג. דאָס אומגליק איז געשעהן מיט א נאכט פריהער פאר'ן טאָג וואָס האָט געדארפט זיין דער ברית. ער האָט שוין אפילו געהאט אָנגעגרייט בראנפען מיט לעקאך און האָט זיך שוין אפילו דאָס בלאָנדע בערדעל זיינס ארומגעקיילעכדיגט ביים שערער, און פּלוצים אזא אומגליק!... די פלעשער בראנפען זיינען געבליבען שטעהן און דער לעקאך גאנץ, נאָר איין האלב אָקע האָט ער געעפענט, גע־געבען א פּאָר גלעזלאך דעם באגרעבער און א פרענטע קאָרענעם לעקאך אפּגעשניטען... דער באגרעבער איז עס שוין געווען דער מוהל אויך... מיט א שטיק גלאָז האָט ער דאָס טויט קינד מל געווען... קיין בלוט איז ניט געגאנגען...

אָט פארוואס ער איז אזוי פרום געווארען. ווער וויים פאר־

וואָס פאַר אַ זינד האָט גאָט זיי אַזוי געשטראָפט. בחור־ווייז האָט ער זעהר פיל געזינדיגט און מיט איהר איז ער אויך פאַר דער חתונה אַ שרעקליכע זינד באַגאַנגען, און פון דער זינד איז דאָס קינד געבאָרען געוואָרען... אודאי, ניט קיין כשר קינד, אָהן חופה וקדושין. נו, האָט ער נאָך אַן ארבייט: צו צווייפלען, אַז דערפאַר האָט זיי גאָט געשטראָפט!

ער שטעהט מיט'ן פּנים צום פענסטער, איינגעהילט אין טלית און תפילין, איז זיך מכוין פרום צו דאַווענען, נאָר ס'קריכען מחשבות אין קאָפּ, גאָר ניט קיין ריינע געדאַנקען, וועלכע ער קען אויף קיין פאַל ניט פאַרטרייבען פון זיך. ער טראַכט פון איהר, פון דער ווייב טראַכט ער. ס'הייסט אייגענטליך פון פרנסה, און אַז ער טראַכט פון פרנסה, מוז ער טראַכטען פון איהר און פון איהרע בריסט. וואָס פאַר אַ שייכות האָט די פרנסה מיט דעם אומ־ריינעם געדאַנק? אָה, זעהר אַ גרויסע! ער וויל, זי וויל אויך, אַ קינד נעמען צו האָדעווען, אַ פרעמד קינד, ס'הייסט זי וויל פּשוט ווערען אַן אַם און אַן אַם וואָלט זי געווען אַן אויסגעצייכענטע. ער האָט נאָך אַזאַ גערעטעניש ניט געזעהן... נו, מאַכט זיך עפּעס אַליץ ניט, און פאַרלאָזען די מילך האָט זי מורא, אפשר וועט זיך פאַרט עפּעס מאַכען. ס'איז דאָך אַכט אָדער צעהן קאַרבען אַ חודש! אַ קלייניגקייט, דאָס איז דאָך אַ גאַנצע עשירות! דערווייל איז שוין אַוועק צוויי וואָכען פונ'ם קינדבעט אָן און קיין קינד טרעפט זיך אַליץ ניט. און זי האָט אַן אַרבייט, גאַנצע טעג לויפט זי אַרום „פּאָ כאַטאַם", וואו ס'איז ערגעץ דאָ אַ קליין קינד אין אַ שטוב, און בעט זיך מ'זאָל ביי איהר אָפּציהען די מילך, וועלכע שפּאַרט איהר אַזוי אין די בריסט, אַז זי קריכט פּשוט אויף די גלייכע ווענט, און דורך דער נאַכט כאַפּט זי זיך אויף אַ פּאָר מאָל און צאַפּט אין גלעזער אַריין; אָט שטעהט איצט אויך אויפ'ן טיש אָנדערהאַלבען גלעזער מילך, וואָס זי האָט פון דער נאַכט אָפּגע־צאַפּט. עס טוט איהם פּשוט וועה דאָס האַרץ דאָס אויסצוגיסען. ער קוקט דערויף ווי אויף געלט. עס איז איהם ניט קיין קלענערער שאָדען ווי אויסצוגיסען מילך פון דער בהמה, כמעט אַליץ איינס;

און דאָס וואָס זי לויפט ארום א גאנצען טאָג אַנזויגען קינדער, פאַר־דריסט איהם ניט ערגער. נאָר וואָס קען ער מאכען? זי זאָל ניט אָפּצאַפּען און ניט געבען זויגען, וועט דאָך נאָר ערגער זיין. דעמאָלט ווערט איבערגעברענט די מילך און פּטור מיט צעהן קארבען א חודש. און קיין ארבייט איז ניטאָ; אָט שוין דער דריטער טאָג, ווי דער ווערקשטאַט שטעהט ריין אָפּגעקערט; אָט דער ריינער ווערקשטאַט מאכט אויף איהם אזא שווערען איינ־דרוק; וואָלט כאָטש געלעגען אויף איהם א צולויפגעדרעהטע סטרוזשקע, וואָלט ער שוין דאכט זיך ניט געהאט אזא קלאָגעדיגען אויסזעהן, דער ווערקשטאַט זיינער.

„ישתבח שמך לעד מלכנו"... ער האָט שוין עס דאכט זיך איינמאָל געזאגט, פארטראכט ער זיך און בלייבט שטיל, פארטיפט זיך אין קלערען, צי האָט ער שוין געזאגט „ישתבח" צי ניט און קוקט דערביי אין דרויסען ארויס, באמערקט פון צייט צו צייט א הונט דורכלויפען, א חזיר דורכגעהן, א פויגעל דורכפליהען, נאָר קיין מענשען ניט, ווייל ס'איז נאָך זעהר פריה. מ'זעהט אין ערגעץ ניט קיין רויך פון א קוימען. די לאָדען זיינען נאָך פארמאכט, וואו ניט וואו מיט אייזערנע פּרענטעס פארלעגט. דאָס זיינען די רייכערע שטיבער. זיי, די רייכע, מעגען דאָך געווים שלאָפען. וואָס האָבען זיי זיך צו איילען גאנץ פריה אויפצושטעהן? דאָרטען, אין איינער פון די רייכע שטיבער, איז ערשט ניט לאנג א יונג ווייבעל געלעגען געוואָרען... נו, איז וואָס?... בשלום איבערגעקומען... וואָס זשע וויל ער?... גאָרניט... ער איז איהר קיין שונא ניט... וואָס האָט ער צו איהר?... נאָר ס'טרעפט אמאָל, א יונג ווייבעל „געהט צו קינד", זי געהט שווער און דאָס קומט אָפטער פאָר ביי די רייכע, וואס זיי געהען שווער צו קינד און זי האָט עס, נאָר זי... זאָל איהר גאָט היטען... שטארבט אין קינדבעט... דאָס קינד בלייבט לעבען... נו, און ביי איהם איז געשטאָרבען דאָס קינד און די מוטער לעבט און עס שפּארט איהר די מילך... נו, אודאי גיט מען דאָס אוועק צו האָדעווען און — צעהן קארבען א חודש...

„ישתבח שמך לעד מלכנו"... אַ, איצט געדענקט ער שוין

געווים, אז ער האָט שוין דאָס געזאָגט, נאָר ער געדענקט דאָך ניט צי האָט ער געענדיגט, צי ניין, און טראַכטענדיג פון דעם, דרעהט ער פּלוצלינג אָפּ דעם קאָפּ פון פענסטער און כאַפּט א קוק צו איהר, צו דער ווייבעל, זיינער, צי זי שלאָפט, צי ניין? זי שלאָפט... מיט'ן פּנים ארויף שלאָפט זי; די בלאָנדע האָר זיינען אויפ'ן קישען צו־וואָרפען, דאָס פּנים איז בלאַס; די אויערען זיינען ראָז. די רויטע קאָלדרע הויבט זיך רעגעלמעסיג אויף איהר ברוסט, וואו דער קוק זיינער בלייבט אויף א מינוט צייט פאַרגליווערט און דוקא אָהן זינ־דיגע געדאנקען, אָהן א שום יצר הרע... קוקענדיג האָט זיך נאָך אלץ ביי איהם געדויעט, עפּעס אזוי שטיל ווי אין דער פינסטער, יענע רייכע ווייבעל, וועלכע איז איבערגעקומען בשלום און זויגט אליין איהר קינד און אָט פאַרגעהען זיי, די געדאנקען, פאַרגעהען ווי פייער אין ארויסגעשאַרטע קויהלען פון אויוועז ארויס, און פּלוצלינג כאַפּט איהם ארום א פאַרדראָסיגער געדאנק: „צי לויפט זי כאָטש אַמאָל אריין אויך אהינצו אָנזויגען דאָס קינד?"... נאָכהער געהט דער קוק זיינער איבער אויף די אָנדערהאַלבען גלעזער מילך. איינע איז פול מיט'ן אויג מיט א שום פון אויבען. א גאַנצע מהנה פליגען שטעהען אויפ'ן ראַנד און „שיכור'ן" אויף וואָס די וועלט שטעהט און אייניגע האָבען זיך שוין, ווייזט אויס, אזוי פיל אנגעטרונקען, אז זיי ליגען שוין טויט אינווייניג. ער האָט געמאַכט א שפּאַן צום טיש און אפּגעטריבען די „שכורים". האָט א ווײלע פארקוקט זיך אינווייניג און געטראַכט צי אונטער־שיידעט זי זיך אין טעם פון בהמה'שער מילך... דער קאָליר איז דערזעלבער... מ'זאָגט נאָר, אז די מילך איז זעהר זיס... אנו, דער ריח?.. דאכט זיך, אז זי שמעקט אנדערש.

קוקענדיג און שמעקענדיג די מילך, האָט ער דערווייל צונויפ־גענומען די ציצית פון אלע פיר עקען טלית, עפּעס האָט זיך איהם געדוכט, אז ער האַלט שוין ביי קריאת שמע, כאָטש ער איז ווייטער פון „ישתבח" ניט אוועקגעגאַנגען און ווען ער האָט זיי שוין אלע פיר געהאַלטען אין איין האַנט, איז ער צוריקגעגאַנגען צום פענסטער, האָט ארויפגעלייגט די גרויסע האַנט אויף די אויגען

און געזאָגט אויפ׳ן קול „שמע ישראל". נאָכהער שטיל און הארציג אָנגעהויבען זאָגען „ואהבתה".

ווען ער האָט געהאַלטען אין צונויפלייגען דעם טלית און תפילין האָט די פרוי זיך אויפגעכאַפּט, אַ לאַנגע צייט געקוקט אויף איהם און ער האָט עס ניט באַמערקט. זי איז געלעגען שטיל אַזוי, אַז ער האָט ניט געקענט באַמערקען, אַז זי איז שוין וואַך און ווען ער האָט דערזעהן ביי איהר אָפען די אויגען, האָט ער זיך אַזש פאַר׳חידוש׳ט און געפרעגט:

— שלאָפסט שוין לאַנג ניט?

— פון זינט דו האָסט אַ געשריי געגעבען „שמע ישראל"... נאָר איך האָב ניט געקענט די אויגען עפענען... ביזט שוין לאַנג אויפגעשטאַנען?

— שוין לאַנג — האָט ער ברוגז געענטפערט, אַריינרוקענדיג דעם טלית אין ווייסען זעקעל אַריין.

— גיב אַ קוק — האָט זי מיט אַ טרויעריג פאַרדראָסיג קול געזאָגט,—האָסט ניט געקענט אויסגיסען ביז אַהער... דאַרפסט נויטיג וואַרטען אויף מיר... גיב אַ קוק וויפיל פליגען ס׳האָבען זיך אָנגעקליבען. ער וואַרפט אויף איהר אַ בייזען קוק. ס׳פאַרדריסט איהם וואָס זי הייסט אויסגיסען די מילך... כאָטש וואָס אייגענטליך דאַרף עס איהם פאַרדריסען? וואָס זשע, ער וועט איינשטעלען די מילך, וועט מאַכען פּוטער פון איהר? אין אמת׳ען, וואָס האָט איהם דאָ צו פאַרדריסען? נאָר, מילא, וואָס זאָל ער טאָן, אַז ס׳אַרט איהם פאַרט? ער ענטפערט:

— מיינסט אין אמת׳ן איך האָב מעהר ניט אין זינען?... מעגסט מיר גלויבען, אַז איך האָב עס, ביז דו האָסט מיר געזאָגט, אפילו ניט באַמערקט... מיין קאָפּ איז מיר מיט עפּעס בילכערעס פאַרנומען... מיר טוט שוין וועה די פּיאַטעס פון ליידיג אַרומגעהן...

— בין איך אויך שולדיג, — האָט זי געענטפערט מיט אַ טרויעריגע וויינענדיגע שטימע — אין אַלץ בין איך דיר שולדיג...

— אודאי ביזטו שולדיג... ביזט אַ שלימ־מזל׳ניצע, פאַרשטעהסט, דיין מזל איז עס אַזעלכער...

— מיין מזל זאָגסטו? טאָ ווייז מיר נאָר די גליקען, וואס די האָסט געהאַט בחור־ווייז, אלץ איז וואס דו האָסט גענומען נדן און האָסט זיך אויסגעקליידט.

אַז זי דערמאָנט איהם דעם נדן, ווערט ער אויפגערעגט... דער טאַטע איהרער איז א שעהן שטיק כלב. אומזיסט וואָלט ער איהם געוועזן נעגעבען נדן? „האָסט זי ליב, קענסטו זי נעמען אָהן געלט”. אזוי האָט גע׳טענה׳עט דער טאַטע איהרער, דער ישום־טערוק, און וויפיל ער האָט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל איהם כאָטש געבען א הונדערטער, „אויף צופיהרען זיך די הענט”, און יענער — כאָטש האק איהם און בראָק איהם, האָט געדרעהט מיט׳ן קאָפּ אויף „ניין”, נאָר דערוויסענדיג זיך פון זיין טאָכטער׳ס לייכטזיניגקייט (יאנקעל האָט עס איהם אליין געגעבען צו וויסען...) האָט ער ניט געמאכט קיין סך טענות און האָט איהם אפּגעצאָהלט הונדערט קארבען, הונדערט זילבערנע קארבען. נאָר יאנקעל איז אָבער ניט געוועזן קיין נאר און געזאגט „ניין, איצט וויל איך שוין מעהר, אניט נעם איך ניט די טאָכטער אייערע”. אזוי האָט ער איהם געזאגט און האָט אויסגעריסען נאָך פופציג קארבען... אָט אויף וואס פאר א מין אופן ער האָט גענומען נדן.

וואָלט זי איהם כאָטש ניט דערמאָנט! ער דערמאָנט זיך אָן איהר זינד. וואס זאָגט זי, אז אנדערש וואָלט איהם דער טאַטע ניט געוועזן נעגעבען קיין קאָפּיקע. ערשטענס, ווער וואָלט איהם גענויט זי צו נעמען? דאָס איז ערשטענס; און, צווייטעס, האָט ער דאָך דאָזעלבע געקאָנט אויסקלערען... אודאי וואָלט ער עס געקענט אויסקלערען. וואָס, ס׳וואָלט איהם אפשר ניט איינגע־פאַלען אויסצוטראכטען אזא מין זאך, און דערנאָך, ווען ער וואָלט שוין געהאַט דאָס געלט ביי זיך, וואָלט ער זיך נאָך גערייצט מיט׳ן טאַטען איהרען: אַ, אַ, אויסגענאַרט; די גאַנצע מעשה איז נאָר א ליגען, די טאָכטער זיינע איז געבליבען אַן ארענטליך כשר קינד און דער טאַטע איהרער אליין וואָלט א סך צופרידענער געוועזן... און דאָס קינד וואלט ניט געשטאָרבען מיט אזא משונה׳דיגען טויט, און זיי וואָלט אפשר גאר אזוי שלעכט ניט געוועזן. האָט זי נאָך

אַ העזה איהם צו דערמאָנען דעם נדן! ווי אַזוי האָט זי גאָר קיין בושה ניט?..

— ווי אַזוי האָסטו קיין חרפּה ניט, מיר נאָך דערמאָנען דעם נדן דיינעם, הא? — כעס'ט ער זיך אויף איהר — דו האָסט שוין פאַרגעסען אויף וואס פאַר אַן אופן איך האָב אויסגעריסען ביי דיין טאַטען, דעם חזיר, די הונדערט מיט פופציג רובליאַוושעס, הא, וואס? האָסט פאַרגעסען?

— דו, אַז דו ווערסט אין כעס, ווייסטו שוין ניט וואו דו ביזט אין דער וועלט, — האָט זי איהם איבערגעשלאָגען מיט אַ ווייכע צאַרטקייט — איך ווייס ניט וואס דו ביזט אין כעס, וואס בין איך דיר שולדיג, אַז דו האָסט קיין אַרבייט ניט!...

אין דער צייט האָט זיך דערהערט אַ מרוק פון דער בהמה פון זייערער, וועלכע דער פאַסטוך האָט מיט נאָך בהמות געבראַכט צוטרייבען „פון דער ראָסע”. יאַנקעל האָט זיך אומגעקוקט און זי ווירקליך דערזעהן שטעהן, מיט'ן פנים צום פענסטער, און ווען ער האָט עס געעפענט און זי אַ רוף געגעבען: „טלוסא, טלוסא”, האָט זי דאָס צווייטע מאָל אַרויסגעלאָזט אַ מרוקע, אויסציהענדיג דערביי איהר שוואַרץ־נאַסע גלאַנצענדע מאָרדע, גלייך צו יאַנקלען צו; נאָר יאַנקעל האָט עס ניט באַמערקט. איהם האָט אינטערע־סירט דער אייטער איהרער, וועלכען ער האָט צו זיין באַדויערען איצט ניט געקענט גוט באַטראַכטען, נאָר ער ווייסט שוין, אַז זי האָט אַ קליין אייטערעל און גיט ווינציג מילך.

אין דער צייט ווען ער האָט דאָ געקוקט אויף דער בהמה, האָט פרומקע, דאָס ווייבעל זיינס, באַוויזען זיך אַנצוטאָן און זיך באַוויזען אין דרויסען מיט'ן געלען מילך־שעפעל. אויפ'ן קאָפּ איז איהר געלעגען דאָס ווייסע אויסגענעהטע טשיפּוקעל, פון וואַנען עס האָט פון אַלע זייטען אַרויסגעקוקט די האָר איהרע. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ רויטען אונטער־ראָק און מיט אַ לייכט סיצען בלוזקעלע, וועלכעס איז הויך אָפּגעשטאַנען פון איהרע בריסט. אויף ד' פיס גאָרניט, באָרוועס איז זי אַרויס.

יאַנקעל האָט זייביידען באַטראַכט, אַי דאָס ווייבעל זיינס, אַי

דאָס בהמה'לע, און געטראכט האָט ער ניט אזוי פון זיי, ווי...ביידע מעלקען זיך, נאָר אַ צרה איז אָבער, וואָס די בהמה גיט ווינציגער מילך פון דער ווייב. די מילך פון דער בהמה ווערט פארקויפט, און אויף איהר מילך איז גאר קיין קונים ניטאָ.. נאָר אָט איז איהם עפּעס ווי פרייער געווארען אין קאָפּ און פריי אויפ'ן הארצען... עס געהט אוועק א מינוט צייט, ער קוקט ווי דאָס ווייבעל מעלקט און איז דאָך פארטראכט, ער איז אין גאנצען פארנומען מיט עפּעס אומבאוואוסטעס, וועלכעס וועט זיך איהם אָט־אָ באלד אנטפּלעקען...

אָט דערזעהט ער די אָנדערהאלבען גלעזער מילך אויפ'ן טיש, כ'הייסט ניט מיט די אויגען דערזעהט ער זיי, נאָר אין גערדאנק, און ער פיהלט, אַז דאָ אָרום ווערט איהם באלד באוואוסט דאָס פרעהליכע און דאָס גוטע. אויפ'ן הארצען ווערט פרייער און פרייער, און זי מעלקט דאָרטען. ער הערט אפילו דעם קלאַנג, אַזאַ שעהנער, הילכיגער קלאנג פון דעם מעלקען. די בהמה שטעהט צו איהם מיט'ן פּנים, קוקט אויף איהם און מעלה־גרה'ט. ער זעהט עס אַלצדינג, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט עס ניט געזעהן אויף דער וואהר; ער איז דאָך אין עפּעס פארטיפט... א שמייכעל צו־שפּרייט זיך אויף זיין ברייט קיילעכדיג פּנים, ער פיהלט איהם אפילו, דעם שמייכעל... נאָר אָט הויבט זיך שוין דאָס ווייבעל זיינס אויף, אויסגעמאָלקען, לויפט ארויין אין שטוב א פארקרימטע, ער לויפט איהר אנטקעגען. וואָס איז איהר? עס שפּארט איהר אונטער'ן הארצען.... זי כאפּט ארויף אויף די פיס די שיך, אויף די אַקסעל די שאַל, זי לאָזט זיך לויפען, נאָר שטעהט. ער לאָזט איהר ניט, „וואוהין לויפסטו?” „אָנזויגען דוואָשע'ס קינד”... ער כאפּט א קוק אין שעפעל אריין, א קוק אויף איהר, א קוק אויף די אָנדערהאלבען גלעזער מילך און פארטיג, דער געדאנק איז פאר־טיג... זי געהט שוין ביי איהם ניט... ער האָט שוין אַן אָרט אויף איהר מילך... „הער נאָר אויס!” ער לויפט צו צום טיש, כאפּט די אָנדערהאלבען גלעזער מילך און — בוררר אין שעפּעל אריין... וואָס, וואָס קוקט זי אזוי אויף איהם?... ס'איז דען ניט די זעלבע מילך, וואָס פון דער בהמה... מ'וועט ניט אָנהויבען צו דערקענען...

— דו דאַרפסט ניט געהן אין ערגעץ... געה אין ערגעץ ניט, אַן עבירה... אָט נעם אַהער אין שעפעל אריין. — ער שטופּט די הענט צו איהר בוזעם, וויל איהר צושפּיליען די בלוזקע. זי כאַפּט דעם געדאַנק זיינעם, קוקט איהם ווילד אָן און ער רעדט זיך זיינס:

— נעם אהער, אָ! ... ביז גאָט וועט דיר צושיקען א קינד... וואָס טויג דיר לויפען, ארומלויפען... אכט קאָפּיקעס א קוואָרט מילך... אָנדערהאַלבען גלעזער, האָסטו שוין דריי קאָפּיקעס, ס׳איז דאָך פשוט אַן עבירה... וואָס, יענער וועט ניט וועלען ?.. פאַרוואָס זאָל יענער ניט וועלען, דו גיסט דען וואסער, צי וואס ?

און וואָס האָט זי נעבאַך געקאָנט טאָן, דאָס אָרימע שוואַכע ווייבעל, וועלכע פיהלט זיך, נעבאך א צוגאָב דערצו, זינדיג אנטקעגען מאַן ?

ער האָט אוועקגעשטעלט דעם שעפעל אויפ׳ן ווארשטאַט און זי האָט זיך א פארשעמטע, מיט א דערשלאָגען געמיט, צושפּיליעט די בלוזע, ארויסגענומען די גרויסע פולע ברוסט איהרע און אָנגעהויבען אָפּצאַפּען אין שעפעל אריין. יאנקעל איז געשטאַנען, האָט אָנגעקוואָלען, געקוקט מיט דורשטיגע אויגען און האָט איהר פון צייט צו צייט געהאָלפען אין איהר שווערער, שרעקליך פאר איהר, ניט אנגענעמער ארבייט.

# יום־טוב.

אליה האָט זיך אָפּגעזעגענט אויף אכט טעג, דער בעל־הבית און די צוויי טעכטער זיינע די האנט געגעבען, ער האָט זיי געווינשעוועט א פרעהליכען יום־טוב און איז אוועק.

ס'איז שוין געווען צוגעראמט און ריין אין ווערקשטאט ווען זיי האָבען זיך געזעגענט, דער לערן־יונג האָט דאָס לעצטע ביסעל שפּענדלאך אריינגענומען אין א זאַק, עס פאַרוואָרפען אויף די פּליי־צעס און עס אַרויסגעטאַסקעט. און אין שטוב איז שוין אודאי געווען ריין און ציכטיג, אָבער די מענשען אליין זיינען נאָך געווען ברודיג. זיי האָבען זיך ערשט געקליבען זיך ריין צו מאכען. דער בעל־הבית האָט זיך געקליבען צו געהן אין באָד אריין און די צוויי טעכטער זיינע האָבען די באָד באַדאַרפט מאכען ביי זיך אין שטוב, אין א באַליע (א גרויסע, הילצערנע כלי, אין וואָס מ'וואַשט גרעט). און געשמייכעלט האָבען זיי, די מיידלאך, וואָס זיי וועלען זיך אויס־טאָן נאַקעט און זיך באָדען.

אָפּגעזעגענט זיך און איז אוועק. די מיידלאך האָבען איהם ניט געבעטען קומען; זיך געטראכט, אז אויב ס'וועט זיך איהם וועלען קומען, וועט ער עס אליין טאָן, אומגעבעטען. און איינע, און א צווייטע האָבען איהם אריינגעשמייכעלט אין די אויגען אריין, באַווייזען, אז מ'איז איהם גערן, אז ער וועט זיין זעהר אן אָנגעלעגטער גאַסט. נאָר דער פּאָטער זייערער האָט איהם געזאָגט:

— קום צוגעהן!

שפּעטער א האַלבע שעה נאָך דעם, ווי דער ארבייטער איז אוועקגעגאַנגען, איז אויך אוועק דער לערן־יונג, און דעם לערן־יונג'ס

אוועקגעהן איז עפּעס אויסגעקומען מאָדנע. ער איז דאָרטען אויף אַלעם גרייטען, עסט און טרינקט, שלאָפט דאָרטען שבת און וואָך, און פלוצלינג...

— קום צוגעהן יום־טוב! — האָבעןביידע מיידלאַך געזאָגט און דערביי געשמייכעלט.

אוועק איין טאָג יום־טוב און אַ צווייטער. זיי זיינען אוועק מיט עסען, מיט רוהען אין פסח׳דיגער ריינקייט און אין שטילקייט. באַדעקט מיט לייליכער און אַלטע טישטוכער זיינען געשטאַנען די ווערקשטאַטען, און געשפּירט האָט זיך ארום זיי לאַנגווייליגקייט און אומעט...

געבליבען אָהן אַ פרעמדען מענשען, האָבען זיך די אייגענע צווישען זיך פרעמד געפיהלט... עס האָט זיך געפיהלט דער אומעט פון אייגען בלוט... לייזער, דער בעל־הבית פון שטוב און דער טאַטע פון די צוויי מיידלאַך, האָט אַזוי פיל געגענעצט, און יעדער גענעץ איז באַגלייט געוואָרען מיט אַ „ע־כע־כע" און „כאַ־כאַ־כאַ". עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער צוויי טויזענט יאָהריגער גלות גענעצט פון איהם אַרויס. ער האָט אַזוי פיל געהאָרעוועט פאַר פּסח און האָט זיך אַזוי גיך אויסגערוהט און אַזוי גיך איז איהם דאָס רוהען דער־עסען געוואָרען. די אברים זיינע, וואָס זיינען שוין צעהנדליגער יאָהרען געוואוינט צו אַרבייטען, האָבען גענאָיעט און געבענקט נאָך באַוועגונג, און די נשמה זיינע האָט אויך ניט געפונען קיין תענוג אין דעם רוהען... ער האָט דאָך קיין אַנדער פאַרגעניגען ניט געהאַט אַ חוץ אָט דאָס אויסרוהען זיך פון דער אַרבייט און אַ חוץ אָפּ־עסען אַ גוטען מיטאָג... ער איז נאָך ניט געווען קיין אַלטער מאַן, אָט דער לייזער, אַ פאָר־און־פופציג יאָהר, האָט זיך אין אַזאַ יום־טוב איהם פאַרבענקט און געצויגען צו אַ פרעמד לייב, צו אַ גע־שטאַלט פון אַ פרוי... ער האָט געשפּירט ווי די אייגענע טעכטער זיינען איהם פרעמד און איבעריג, און ער האָט ניט באַנומען דאָס, וואָס פאַר איהם איז אַ גאַנץ יאָהר פאַרשטענדליך, אָט דעם קרבן וואָס ער האָט געבראַכט פאַר די קינדער, פאַרוואָס ער האָט ניט חתונה געהאַט...

יאָ, דער יום־טוב האָט שוין אָנגעהויבען צו דערעסען. זיך אויסגערוהט און אויסגעגעסען, האָט מען שוין אָנגעהויבען צו בענקען נאָך די וואָכעדיגע טעג, נאָכ'ן טומעל און קלאָפּעריי און נאָך אַ פּרעמדען מענשען האָט זיך געבענקט, וואָס האָט זיך אין די וואָכעדיגע טעג באַוויזען... געלעבט און געוואוינט צום שטענ־דיגען רעש פון די וואַרשטאַטען און פון דער ארבייט, איז מען געוועען אונטער'ן איינדרוק, אז עס איז עפּעס פאַרשוויגען געוואָ־רען, און געהערט האָבען זיי און געפיהלט ניט די שטילקייט און דאָס רוהען פון יום־טוב, נאָר דאָס שווייגען פון דער וואָך... די וואָך איז אַנטשוויגען געוואָרען... מ'האָט זי, די וואָך, אַי־בערגעדעקט מיט ליילאַכער און טישטוכער און די וואַרשטאַטען זיינען שטום און געלעהמט געוואָרען...

די מיידלאַך האָבען אַרויסגעקוקט אויפ'ן ארבייטער. יאָ, זיי האָבען איהם טאָקע ניט געבעטען און דאָך אויף איהם אַרויס־געקוקט. ס'איז געווען עפּעס אזא באַוואוסטזיניגע זיכערהייט, אז ער מוז קומען. זיי האָבען אָבער ניט געוואוסט וועלכען טאָג און וועלכע שעה. האָט מען אַרויסגעקוקט אויף איהם פון אין דער פריה ביז נאכט, און דאָס וואַרטען האָט זיי געהאַלטען אָנגעצוי־גען און אַ דאַנק דעם זיינען זיי געווען נערוועז און אומגעד־דולדיג.

אויפ'ן צווייטען טאָג חול־המועד זיינען צוויי געסט געקו־מען און דאָס איז געווען דער לערן־יונג מיט זיין פאָטער. אין זכות פון זיין טאַטען האָט מען שוין איהם אויך פאַרבעטען אין שטוב אריין און מ'האָט איהם באַזעצט ביים טיש צוגלייך מיט'ן בעל־הבית און מיט'ן בעל־הבית'ס טעכטער, און זיי, די טעכ־טער, האָט עס אַמוזירט. צו זיך, איינע צו דער אַנדערער, און צו איהם, צום לערן־יונג, געשמייכעלט וואָס זיי נעמען איהם אויף ווי אַ מענשען. איהם באַטראַכט און זיך צוגעקוקט צו איהם, האָבען זיי ווירקליך דערזעהן עפּעס אַ פאַרענדערונג אין איהם. אויסגעפּוצט אין אַ נייעם גאַרניטור, דאָס קעפּעל גע־שוירען און אַרומגעהאַקט, די „פּאות" קאָסע פאַרשניטען העכער

פון די אויערען, און פון די פאות אראָפּ צו פון די באקען־צו האָט זיך געלאָזט דערקענען, אז אַ ראַזיר מעסער האָט אויף די בעקלאך אַדורך געשפּאצירט און ריין געמאכט פון מאָך. די אינגעלשע בעקלאך האָבען איצט, דוקא נאָכ'ן ריין ווערען, איהם געמאכט אויסצוזעהען עלטער פון זיינע יאָהרען... פריהער, פאר'ן ראזירען, האָט מען געזעהן, אז ס'איז מאָך. איצט, נאָכ'ן ראזירען, האָט עס געמאכט אַן איינדרוק, אז ער איז געראזירט און איהם געמאכט אויסצוזעהן עלטער און מענערשער...

— ווען איך זעה איהם אין גאַס, וואָלט איך איהם ניט דערקענט — האָט איינע געזאָגט. און אַ צווייטע:

— איך אויך ניט!...

מערקווירדיג, זיי האָבען דאָך עפּעס געטראַכט וועגען איהם; ער האָט געהאלטען אָנגעצויגען צו זיך זייער מיידעלשע אויפ־מערקזאַמקייט און פון דעם, פון דער אומבאוואוסטער און נע־בעלדיגער אויפמערקזאמקייט האָט זיך עס געהאלטען אין איין שמייכלען ביי זיי.

די מיידלאך האָבען אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר. דאָס ערשטע מאָל טרעפט עס, וואָס דער לערן־יונג זאָל זיין אין שטוב און די מיידלאך, ניט ער, זאָלען אויפשטעלען דעם סאַמאָ־וואַר. דערפאַר אָבער האָט מען איהם מכבד געווען מיט'ן אריינ־טראָגען איהם, און דער קליינער איז עפּעס צופרידען געווען פון זיין אַלטער ארבייט און פון דעם, וואָס דאָס האָט איהם גע־מאכט זיך היימישער צו פיהלען. ער האָט געטראָגען דעם סאַ־מאָוואַר פאַרזיכטיג און ווייט אָפּגערוקט פון זיך און פון זיין ניי גאַרניטורעל, און ס'האָט זיך באקומען אזא איינדרוק, ווי דער סאַמאָוואַר ווערט ניט געטראָגען, נאָר ער שוועבט פאַראויס און שלעפּט־מיט מיט זיך אַ ניי מענשעלע, אַ פריש צאַפּעלדיג זכר'ל אין אַ ניי גאַרניטורעל. און צוגעשלעפּט דאָס מענשעלע צום טיש, האָט ער זיך אריינגעשטעלט אין אַ מעשענע טעצעל אריין און, אָפּגעלאָזט דאָס מענשעל, האָט ער זיך (אַלץ דער סאַמאָ־

וואר) זעלבסטשטענדיג באוויזען מיט זיין פאָרם און מיט זידע־ניש און קאָכעניש פון אַלע זייטען און מיט פייער און קוילען פון אונטען.

די מיידלאך האָבען צוגאָסען טיי און אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש גרויסע נים און קליינע ניסלאך אויף צום קנאַ־קען און צו עסען. דער קליינער איז געזעסען אויפ'ן בענקעל און ניט געקענט איינזיצען. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ער אַזאַ מין געלעגענהייט צו זיצען ביי אַ טיש מיט נים און קנאַקען וויפיל זיין הארץ געלוסט. און אַזוי ווי ער האָט חשק געהאַט אָט די אַלע נים צו האָבען ביי זיך, ס'הייסט, אַ חוץ עסען, אויך האָבען נים אין די קעשענעס, האָט ער זיך דערפאַר שוין גאָר צו קיין איינעם ניט צוגעריהרט... ער איז געווען ראַז ווי אַ קינפעט־קינד און די אויגען האָבען ביי איהם געגלאַנצט ווי ער וואָלט זיך ווירקליך פלוצלינג עפעס אין אַ ניי לעבען דער־פיהלט... ער האָט זיך געפיהלט דאָ אין שטוב ווי ער וואָלט דאָ דאָס ערשטע מאָל געווען און ווי ער וואָלט דאָ דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען אָט די מיידלאך געזעהן... געטראַכט וועגען דעם, וואָס ער האָט זיי שוין פיל מאָל געזעהן אין די בלויזע העמדער ,מיט נאַקעטע אָרעמס און ברוסטען, און איצט האָבען זיי געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטען זיך געשעמט פאַר איהם. און כאָטש איהם איז פיל אנגענעמער געווען צו זעהן זיי אזעלכע (ענטבלויזטע), האָט ער זיך פון דעסטוועגען איצט פאַר מעהר מענש געפיהלט, פאַר וועמען זיי וואָלטען זיך איצט געשעהמט אַזוי צו ווייזען זיך... דאָס וואָס ביידע זיינען גע־ווען יום־טוב'דיג פאַרפוצט, דאָס האָט גאָר, פאַרקעהרט, איהם מעהר גערייצט, און ער איז געווען געשלעכטליך פון קאָפּ ביז די פיס... אַ דאַנק דעם האָט ער פאַרלאָרען דעם קאָנטראָל איבער זיך, ניט געוואוסט צי איז ער אַ דאַנק דעם מעהר מאַנסביל גע־וואָרען אָדער פאַרקעהרט, נאָך אינגלישער... ער האָט זיך נע־באַך געשמאַלצען ווי אַ ליכט צווישען ליכט, וואָס שמעלצען זיך פון איינענעם פייער און פון די פייערען פון די ארומיגע ליכט.

ער האָט זיך געשמאָלצען פון זיין אייגען פייער און פון דער מיידעלשער געגענוואַרט.

— עס, שעם זיך ניט! — האָט עטעלע, די איינגערע, געזאָגט צו איהם און געשמייכעלט.

— ס'איז נאָך געבליבען אביסעל וויין? — האָט לייזער געפרעגט ביי דער עלטערער טאָכטער.

— יאָ, ס'איז געבליבען, ס'איז נאָך געווען גוטע זאַכען אין בופעט, וואָס ביילקע האָט ניט געשטעלט צום טיש; זי האָט ניט געקאַרגט אָט די אַלע זאַכען, וואָס זי האָט ניט געשטעלט, נאָר פשוט זי האָט ניט געוואוסט צי די געסט זיינען געסט, און האָט זיי מכבד געווען ווי מ'איז אַלע מאָל מכבד אזעלכע, וואָס זיינען יאָ געסט און ניט קיין געסט, וואָס קומען גראָד יום־טוב און מ'מוז זיי מיט עפּעס מכבד זיין, און פאַר אזעלכע, האָט זי געמיינט, איז גענוג אַ גלאָז טיי מיט אַ ניסעל... חוץ דעם איז זי דאָך געווען אויפגערעגט אָט די ביילקע... ס'האָט איהר פאַרדראָסען אויף דעם קליינעם, וואָס ער איז גאָר געקומען און ניט אַ צווייטער. דאָך, ניט קוקענדיג אויף איהר פאַרדרוס, האָט זי איהם אויפגענומען ווי עפּעס בעסערס פון גאַרניט. איהר לאַגע איז געווען געגליכען צו אַ הונגעריג קינד, וועלכען, אַנשטאָט אַ ברוסט שטופּט מען איהם אריין אַ פינגער אין מויל אריין. דער פינגער רייצט אויף די קינדערשע גֶעדערים, אָבער שטילט ניט דעם הונגער און דאָך שטעלט איהם דער פינגער צופרידען און דאָס קינד לאָזט איהם פון מויל ניט ארויס... עפּעס עהנליכעס אויף דעם האָט ביילקע איבערגעלעבט... עפּעס האָט ער פאַרט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מאַנסביל אין זיין אינגעלשער געשטאַלט... אין ערשטען מאָמענט, ווען ער האָט זיך אויף דער שוועל פון טיר געוויזען, האָט זי געהאַט באַקומען אַן איינדרוק, אז דער קליינער איז עפּעס אַזוי ווי אַהער געשיקט געוואָרען אויף חוזק פון איהר צו מאַכען... אויפ'ן אָרט פון אַ גרויסען האָט מען איהר אריינגעשיקט אין שטוב אריין אָט דאָס פּופּצעהן יאָהריגען אינגעל, גלייך ווי די פרעמדע, ברייטע מאַנסבילשע וועלט וואָלט איהר מיט דעם אַ מאַנסבילשען גרוס מיט

דעם קליינעם זכר'ל צוגעשיקט... אודאי, ווען זי וואָלט ניט אַלט געווען אַט די יאָהרען, וואָס זי איז אַלט געווען, ווען זי וואָלט ניט געווען עלטער פון אַ יונג מיידעל מיט פינף, זעקס, זיבען אָדער אַכט יאָהר, וואָלט זי זיך ניט געפונען באַליידיגט.

די צוויי אידען, לייזער מיט'ן אינגעל'ס פאָטער, זיינען געזעסען און ניט געהאַט פון וואָס צו ריידען, ס'הייסט, דעם אינגעל'ס פאָטער האָט יאָ געהאַט, ער איז ניט געקומען גוט־יום־טוב ביטען; ער איז געקומען עפּעס אויסמאַניען ביי לייזער'ן פאַר זיין אינגעל. אין מיטען־וואָך האָט מען קיין צייט ניט, לייגט מען עס אָפּ אויף יום־טוב, אָבער דערווייל האָט ער געשוויגען, ניט געקענט אַרויס־קומען גלייך מיט דעם, וועגען וואָס ער איז אַהער געקומען, און טאַקע דערפאַר, ווייל עס איז יום־טוב און ווייל מען האָט איהם אויפגענומען ווי אַ גאַסט. פאַרשטעהט זיך, אַז לייזער האָט גע־וואוסט, אַז דער איד איז געקומען מיט פּרעטענזיעס צו איהם; ביי איהם איז דאָס שוין קיין נייעס ניט, איהם איז דאָס שוין באַ־וואוסט פון אַנדערע טאַטעס, פון אַנדערע לערן־יונגען, וואָס ער האָט געהאַט בעפאָר איהם. האָט לייזער, פאַרשטעהט זיך, גע־וואַרט, אַז יענער זאָל אַרויס מיט לשון, וואָלט מען אָפּגערעדט דערפון און פּטור געוואָרען און נאָכהער וואָלט מען זיך געפיהלט פרייער, און ער וואָלט דאָ פאַרבראַכט מיט איהם ווי מיט אַ היימישען מענשען... און אַזוי לאַנג, הייסט עס, ווי יענער האָט דאַרטען עפּעס צו זאָגען, שאַפט עס אַ מחיצה צווישען ביידען... זיצען זיי ווי פרעמדע, און נאָך ערגער ווי פרעמדע, ביי איין טיש, ביי זיין טיש, ביי לייזער'ס, צו איהם געקומען, און שווייגט...

— שוין באַלד איבערגעלאָפען דער יום־טוב, — האָט ער געזאָגט.

— ס'פליהט, — האָט דער איד צוגעגעבען און אַריינגעקראַכען מיט די האָריגע פינגער אין דער גערדיכטער קיילעכדיגער, לכבוד יום־טוב אַרומגעשאָרענער באָרד.

— קנאַקט ניס! — האָט ער צום אידען געזאָגט — ס'איז

גוט מיט טיי. און דו, וואס זיצטו ווי א כלי־זמר? — האָט ער געפרעגט ביים לערן־יונג.

עטעלע האָט א שעפּ געטאָן פון דער גלעזערנער פּיראַמידע מיט ביידע הענט פולע צוויי הויפענס מיט ניס און אזוי איז זי צוגעגאנגען צו איהם און געהייסען אָפּציהען די קעשענע פונ'ם רעקעל, האָט זי איהם די ניס, וויפיל זיי זיינען דאָרט געוועזן אין איהרע הענט, ביז איינעם איהם אראָפּגעלאָזט אין קעשענע אריין.

— א מענש געווארען! — האָט לייזער געזאָגט צום פאָטער.

ווי אלע בעלי־בתים האָט לייזער, דער בעל־הבית, אויך געמיינט, אז ס'שטעקט אין דעם זיין פארדינסט וואָס דאָס אינגעל איז א מענש געווארען. דאָס מיינט פּשוט, וואָס פאר א יאָהר און פאר צוויי וואַקסט אזא בחור'ל צו, ווערט רייפער און מענשליכער...

— יאָ... אָבער וואס קומט ארויס?

דער איד האָט אויפגעהערט צו קנאַקען ניס. ער האָט מיט די פינגער געבראָכען די ליידיגע שאָלעכטס און צוגעטראַטען צום ענין. די מיידלאך איז נאָך אומעטיגער געווארען ווי ס'איז זיי פריהער געווען און ביידע האָבען זיך איינע נאָך דער אנדערער ארויסגערוקט פון שטוב. דער קליינער אינגעל האָט זיך ארויס־גערוקט פון טיש און זיך אוועקגעשטעלט ביים פענסטער, האָט ער מיט דער בלויזער האנט געקנאַקט איין נוס נאָכ'ן אנדערען און אזוי לאנג ווי דער פאָטער מיט'ן בעל־הבית האָבען דאָרטען צווישען זיך גערעדט און געאַמפּערט וועגען איהם, אזוי לאנג איז ער גע־שטאַנען, געקנאַקט די ניס און געגעסען און שפּעטער מיט א צעהן מינוט, ווען ביילקע האָט זיך אין שטוב באַוויזען, האָט ער צו איהר א שמייכעל געטאָן און א וואונק געגעבען זי זאָל קומען צו איהם און ער האָט אוועקגעלעגט א נוס אויפ'ן פענסטער־ברעט און א קנאַק געטאָן מיט'ן שטערען און דער נוס האָט זיך צוברעקעלט און צושאָטען געווארען און פון אינווייניג האָט זיך באַוויזען דאָס אינווייניגסטע, וואָס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי געהירען צושמעטערטע. — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער אידישער פסח האָט זיך פאַרענדיגט מיט׳ן אָנהויב פון דער קריסטליכער „פּאַסקאַ״ און, אומבאַמערקט זיינען אידישע קינ־דער, באַגלייטענדיג דעם אייגענעם יום־טוב, אריין אין אַ פרעמדען. צוויי וועלטען, צוויי פעלקער האָבען זיך צוזאַמענגעמישט און דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך ערשט אַרויסגעשאָטען צו באַגעגענען זיין יום־טוב, האָט זיך גלייך דערשפּירט, אַז דאָס איז די הערשענדע נאַציע, ווייל ס׳האָט זיך אַרויסגעשאָטען אין די גאַסען מיט דער פולער פרייהייט און מאַכט פון זייער גלויבען און וואָס האָט זיך גלייך באַוויזען מיט זיינע רעליגיעזע צערעמאָניעס, מיט לאַמטערענדלאַך און ליכט, צוגאָסען איבער די גאַסען ברייט, פריי און מעכטיג, מיט זייער קריסטליכער מעהרהייט און קריסטליכער הערשאַפט און אריינגעצויגען, אריינגעשלעפּט און מיטגעשלעפּט מיט זיך די „בני חורין״, וואָס האָבען זיך צייטוויילינג אַסימילירט און זיך געלאָזט נאָכגעהן און נאָכציהען, מיטגעשלעפּט געווארען און פאַרלאָרען דעם אייגענעם ווילען און אידישקייט, זיך אויסגעמישט מיט קריסטען און קריסטליכקייט, מיט פרעמדע מענשען אין אַ פרעמדער וועלט.

צווישען די הונדערטער אידישע קינדער, וואָס זיינען געווען אויסגעמישט און צושפּרייט צווישען טויזענטער קריסטען, זיינען אויך אַריינגעפאַלען ביילקע און עטעלע. ביידע האָבען פאַרנאַכט זייער שטוב פאַרלאָזען און אַרויס אין גאַס. זיינען זיי אריינגע־פאַלען אין דעם קריסטליכען מענשען־שטראָם, צווישען קריסטען מיט ליכט, וואָס יעדער איינער האָט פאַר זיך געטראָגען און יעדער איינע־ האָט באַלויכטען דאָס אייגענע פּנים און אַ פרעמדען האַלז־און־נאַקען, וואָס האָבען פון ווייטען, אָט די האַלז־און־נאַקענס, אויך אויסגעזעהן, באַשיינט פון די ליכט, ווי פּנים׳ער... ווי אַלע אידישע קינדער, וואָס זיינען מיטגעשלעפּט געווארען מיט דעם קריסטליכען שטראָם, זיינען געגאַנגען אָהן ליכט, אַזוי זיינען זיי, די צוויי שוועסטער, אויך געגאַנגען און מיט דעם (ווי זיי האָבען עס גע־פיהלט), גע׳מסר׳ט זייער אידישע אָפּשטאַמונג... טיף אין זיך געטראָגען באַהאַלטען זייער אידיש פיהלען, אויסערליך געווען צו־נויפגעמישט מיט דער געדיכטער מאַסע, אָבער אינערליך זיך גע־

פיהלט ווייט אָפּגעריסען, ווי די מאסע וואָלט ניט באשטאַנען פון דעם זעלבען מענשליכען מין, פון וועלכען זיי זיינען באַשטאַנען. יאָ, זיי האָבען זיך זעהר ניט היימליך געפיהלט, און דאָך געוועזען צופרידען, וואָס זיי זיינען אַוועק פון דער שטוב, און די ניט־היימליכקייט האָט פאַרדעקט און פאַרשטעלט דאָס אומעטיגע לאַנגוויי־ליגע לעבען, וואָס זיי פיהרען דאָרטען ביי זיך אין שטוב און וואָס האָט זיך באַזונדערס געשפּירט דאָרטען אַ גאַנץ יום־טוב און איצט, צום ענדע פון יום־טוב.

ס'האָט זיך געשפּירט דאָס שווייגען און די שטילקייט פון די קלויסטער גלעקער אַזוי ווי זיי וואָלטען אומיסטען פאַרשוויגען געוואָרען בכדי צוועלף אַזייגער, אין דער טיפקייט פון דער נאַכט, רעש'יג און מיט אימפּעט זיך לאָזען הערען און אַזוי אַרום געבען צו פיהלען די גלויביגע און פאַנאַטיקער, אַז די גרויסע שעה פון היילינגען יום־טוב איז געקומען. און שטיל, אין דער צייטווייליגער שטילקייט האָבען זיך געצויגען מענשען אין דער לענג און אין דער גאַנצער ברייט פון די שטיינערנע טראָטואַרען, זיך געצויגען צו גאַסען און צו פּלעצער וואו קלויסטער־ס געפינען זיך, דאָרטען ערגעץ ווייט און דאָ ערגעץ נאָהענט זיינען זיי געוועזען אָט די קלויסטער, צווישען גאַסען און הייזער זיינען די קלויסטערס געשטאַנען, הויך געמויערט, הויך געשפּיצט מיט מויער און מיט צלמים. הויכקייט און שפּיציגקייט ערגעץ הויך, אין ברייטען, פינסטערען אויר צונויפגעגאָסען און אַראָפּ־צו, נידעריגער, האָבען געלויכטען לאַנגע, שמאָלע פענסטער מיט אַזוי פיל ליכטיגקייט, אַז עס האָט שוין גאַרניט אויסגעזעהן ווי פענסטער באַלויכטענע, נאָר ווי אַ העלע פאַרב, אַ לעבעדיגע, אַ דורכזיכטיגע, איבערגע־שניטען, געקעסטעלט מיט שוואַרצע פאַרבען פון די אייזערנע גראַטעס... עס האָבען אויסגעזעהן די פענסטער ווי טירען דורכ־זיכטיגע, מיט אייזערנע גראַטעס געשמידט אין אַ הויכער, פיל־גאָרנדיגער תפיסה...

ביילקע און עטעלע זיינען פאַרשלעפּט געוואָרען און אַריינגע־טראָגען געוואָרען אין איינעם אַזאַ קלויסטער און געפיהלט האָבען

זיי ביידע, אז זיי זיינען ארייננעפאלען אין א פיל־פארביגער, פרעמדער אטמאָספערע. אזוי פיל גלאנץ, אזוי פיל ליכט און אזוי פיל מענשען, דאָס אלעס צוזאמען און יעדער באזונדער, האָט גע־ריסען זייער אויפמערקזאמקייט מיט שוידערליכער פרעמדקייט. זיי האָבען זיך געוואלט ארויסרייסען פון דאָרטען, נאָר האָבען קיין מעגליכקייט ניט געהאט. זיי זיינען פון אלע זייטען פארמויערט געווארען פון א געדיכטער, צוזאמענגעפרעסטער, לעבעדיגער און ניט־באוועגליכער מאסע... אליץ ארום איז זיי געווען פרעמד, אפילו די לופט ארום איז געווען א ספעציעל קריסטליכע... פרעמד און שווער מיט פרעמדקייט צו אָטעמען...

פון ערגעץ ווייט, פון ערגעץ אן אויבען־אָן האָט זיך געלאָזט הערען דאָס פרעפלען פונ'ם גלח, וואָס איז פון צייט צו צייט בא־גלייט געווארען און איבערגעריסען געווארען פון א קוויטשענדיגען, גרילצענדיגען כאָר. מיט שווערינקייטען האָט ארום זיי איינער און א צווייטער שווער און הארטנעקיג אָנגעהויבען ארויסצושלעפען א האנט און ניט געקאָנט צלמ'ען די ברוסט, ווייל זי איז געווען פארפרעסט, האָט מען זיך גע'צלמ'ט די שטערענס הייליג און גאָטספאָרטיג נעבען זיי, און כמעט ווי מ'האָט אויך זייערע שטע־רענס גע'צלמ'ט.

די צוויי שוועסטער זיינען געשטאנען איינגעפרעסט איינע אין דער אנדערער, ברוסט צו ברוסט און געקוקט איינס אויף דאָס צווייטע, צוגעשמייכעלט און געפיהלט אזא היימישקייט איינע צו דער אנדערער, וואָס זיי האָבען נאָך קיינמאָל אין שטוב ביי זיך ניט געפיהלט. דאָס איז געווען א ריין אידישע היימישקייט...

זיי זיינען זעהר שפעט אהיים געקומען. דער פאָטער האָט זיי געעפענט די טיר און באלויכטען זייער ארייננקומען מיט א ליכטעל.

אין שטוב איז נאָך פארבליבען דער פסח. אויפ'ן טיש זיינען געלעגען שטיקלאך מצה און עס זיינען געשטאנען א פאָר פסח'דיגע כלים און ס'האָט געוועקט אומעט און בענקשאפט... עפעס ווי אן אלטע באָבע, ווען זי שטארבט... מ'האָט פון איהר גארניט געהאט

ביים לעבען און קיינער האָט זי ניט באדארפט, און דאָך, אז זי שטאַרבט, טוט עפּעס באנג...

זיי האָבען גארניט גענאָסען פון פסח, א חוץ לעדיג ארומגעהן און לאנגווייליגקייט, און פונדעסטוועגען האָט עפּעס באנג געטאָן, וואָס דער פסח איז שוין אוועק.

איינע און א צווייטע האָבען געכאפּט צו שטיקלאך מצה און אָנגעביסען. עס האָט זיך ביידען ניט געוואלט עסען, נאָר דאָס איז אומבאוואוסטזיניג געטאָן געווארען צוליב היימישקייט און ליבע צום אייגענעם יום־טוב...

* * *

ס'האָבען געקלונגען די קלויסטער־גלאָקען און דערצעהלט דער אידישער בעל־מלאכה'שער שטוב, אז ווייט און נאָהענט ארום זיי איז פאראַן אַ ברייטע קריסטליכע וועלט, מיט אַ קריסטליך לעבען און מיט הונדערטער גלעקער, וואָס קלינגען און רופען און וועקען אין די קריסטליכע הערצער פרייד און פאנאטיזם. און דער אידישער בעל־מלאכה דערפיהלט זיך נאָך איינזאמער, נאָך מעהר אָפּגעריסען פון דער דרויסענדיגער וועלט אין א גוי'אישען יום־טוב. פרעמדער צו גויים ווי אין אנדערע וואָכעדיגע טעג און איינציייטיג מעהר אָפּגעריסען פון אידען, פון יענע אידען און פון א גרעסערען טייל וואָס האָבען זייערע געשעפטען און א מחיה צום גאס און האלטען זייערע געשעפטען פארמאכט און האלטען פון קריסטליכען יום־טוב.

אונטער'ן קלאנג פון די קלויסטער־גלעקער איז לייזער אויפּגעשטאַנען אין אזא שעה וואס ער שטעהט קיינמאָל ניט אויף, ניט אום יום־טוב און ניט אין דער וואכען. ער איז אויפגעשטאַנען זעהר פריה אויסגערוהט און מיד, צובראָכען און פויל פון אכט טעג רוהען און ווידער פויל צום רוהען און נאָך פוילער צו דער ארבייט... ער איז אויפגעשטאַנען צו דער ארבייט מיט א שעה פריהער, כדי ניט צו ארבייטען א שעה צייט אין א וואכעדיגען טאָג...

אריינגעגאנגען אין ווערק־שטוב, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט ביי דער געגלאָזטער טיר וואס פיהרט אין הויף אריין און מיט א ברייט מויל געגענעצט אנטקעגען דער אויפגעהענדער זון, וואָס האָט

אַנגעהויבען צו פארגינען מיט איהר פריהמאָרגען־ליכט די ווערק־שטוב מיט אלעם באנאנדער. די שטראַלען פון דער זון האָבען איהם אריינגעשיינט איין מויל אריין און באוויזען א פארלאָזטען מויל ציינער, וואס זיי זיינען פריהצייטיג קאַליע געווארען. ס'האָבען געגלאַנצט די אויגען, נאַסע פון גענעצען, ווי גלעזעלאַך.

ס'האָבען אָהן אויפהער געקלונגען די קלויסטער־גלעקער און געוועקט אין זיין אידיש הארץ בענקשאפט, איינזאמקייט און טרויער... ער האָט געקוקט אויף די איבערגעדעקטע ווארשטאַטען און א טראכט געטאָן וועגען פינף און דרייסיג יאָהר, וואס ער איז שוין מיט זיי באקענט און וואָס ער האָט זיך מיט זיי שוין פינף מאָל פאר דער צייט געוואלט צושיידען און ס'איז איהם ניט געלונגען... אָפּגעדעקט איין ווארשטאט נאָכ'ן צווייטען, אלע דריי ווארשטאַטען אָפּגעדעקט און די וואָך איז אנטפּלעקט געווארען... דריי ווארשטאַטען, ברודיגע, שווארצע... און אזוי ווי ער האָט זיי אָפּגעדעקט, האָט ער דערפיהלט עפּעס אזעלכעס ווי ער וואָלט זיך מיט זיינס א שטיק, מיט א שטיק אייגענעם לעבען צוזאמענגעטראָפען נאָך א געוויסער צייט, וואָס ער איז מיט „זיי" געווען צושיידט. א דרעה געטאָן איין ראָד און א צווייטע, האָט ער דערפיהלט עפּעס אזעלכעס ווי ער וואָלט זיך מיט זיינס אייגענס אין באריהרונג געקומען. מיט אייגענס, וואס איז אפילו ניט שטארק ליב, אָבער דאָך זעהר נאָהענט. און דער יום־טוב, האָט זיך איהם געדאכט, וואָס איז געקומען אויף אכט טעג און אוועק ווי א... יאָ, אויך ווי אַן אייגענער, נאָר ווי אַן אריסטאָקראט, וואס פאלט אמאָל אראָפּ צו זיינע אָרימע קרובים און נאָך זיין אוועקפאָהרען בלייבט עפּעס אן אומעט נאָך איהם און ס'פארדריסט אי דאָס קומען זיינס, אי דאָס אוועקגעהן, ווען ס'בלייבט אלעם ווי ס'איז געווען פריהער... אזוי האָט זיך לייזער געפיהלט נאָך דעם יום־טוב... עפּעס איז געווען מיט איהם אי שלעכט, אי גוט, און איצט, ווען ס'איז שוין נאָך איהם, איז ווייטער דאָס זעלבע, און עס פיהלט זיך דאָך א בענקשאפט נאָכ'ן גוטען און נאָך דעם שלעכטען...

אריינגעגאנגען אין שטוב, האָט ער זיך געשטעלט דאווענען. ער

איז ניט געווען קיין פאַנאַטיקער און אויך ניט קיין „פרייער"... ער האָט געדאַווענט, ווייל דער פאָטער זיינער האָט געדאַווענט און ווייל ער אליין דאַווענט אלע יאָהרען און דערפאַר ווידער, ווייל ניט דאַוונען וואָלט ביי איהם געהייסען מעשה אריסטאָקראַט, אָדער, פאַרקעהרט, מעשה „וואוילער יונג" און אויך דערפאַר, ווייל ס'איז איהם גאַר ניט אַזוי גוט געגאַנגען ער זאָל ניט דאַוונען, און אויפּ־לעצט דערפאַר, ווייל ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָהרען און ס'איז צו שפּעט געווען אין אַזעלכע יאָהרען אויפהערען דאַוונען.

באַריהרט די תפילין, וואָס ער האָט שוין אכט טאָג אין די הענט ניט געהאַלטען, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האָט די וואָך אַנגעריהרט... די וואָך, וואָס איז איהם אין דעם מאָמענט, דאַכט זיך, הייליגער געווען ווי דער יום־טוב, הייליגער און נעהענטער... אוועק־געלעגט דעם קאַלטען „של־יד" אויף דער הוילער האַנט, איז אַ בייסיגע קעלט דורך איבער זיין גאַנצען לייב, און פאַרצויגען די רצועה, האָט אין דער פריהמאָרגענדיגער שטילקייט, אין דעם וואָכעדיגען פריהמאָרגען נאָכ'ן יום־טוב, צווישען פסח'דיגע כלים, וואָס זיינען נאָך ניט אַפּגערוימט געוואָרען פון שטוב, מיט נאָך פילע סימנים פון יום־טוב, זיך דורכגעטראָגען די וואָכעדיגע ברכה פון תפילין לייגען:

„ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להניח תפלין".

אין דער פסח'דיגער שטוב איז ער געשטאַנען מיט טלית און תפלין און געדאַווענט דאָס וואָכעדיגע דאַוונען מיט אַ וואָכעדיגען נוסח, אריינגעמורמעלט אויף גיך ווערטער מעבאַניש, און פיל מאָל פאַרגעסען, אַז ער דאַווענט און ניט איינגעהערט זיך צום דאַוונען און געהערט דעם קלאַנג פון די קלויסטער גלאָקען, וואָס האָבען ניט אויפגעהערט צו קלינגען און געוועקט אידישען אומעט אין זיין הארצען און אַ דאַנק דעם, עס הייסט, אַ דאַנק דעם קלאַנג פון די קלויסטער־גלאָקען, האָט זיך צייטענווייז געדאַווענט האַר־ציגער און פרומער.

שפּעטער איז געקומען דער לער־יונג. דער בעל־הבית האָט

איהם כמעט ווי ניט דערקענט. אזא פארענדערונג איז דאָס אויפ'ן אינגעל געקומען אין די אכט טעג יום־טוב. באקומען פעטע פיסקעס, רויטע באקען און אין די אלטע, ערטערווייז צוריסענע בגדים, האָט ער אויסגעזעהן ווי א לעבעדיג שטיק פסח וואָלט זיך אין חמץ אָנ־געטאָן... ער האָט געשיינט ווי א שטיק פריהמאָרגען, ווי א שטיק פריהלינג. ס'האָט פון איהם ארויסגעשפריצט יונג לעבען, פריש בלוט און פארשעמט פון אכט־טאָגיגער אָפגעריסענקייט פון שטוב, מיט אראָפגעלאָזטע אויגען געזאָגט:

— גוט מאָרגען!

לייזער האָט איהם גארניט געזאָגט וואס ער איז אזוי שפּעט געקומען. מיט אומפארשטענדליכער פארשטעהעניש האָט ער פאר־שטאַנען, אז נאָך אכט טעג רוהען מוז מען דוקא פארשפּעטיגען אויפ'ן נייַנטען טאָג... אין זיין קומען צו דער ארבייט איז עפּעס אזוינס געוועו, ס'הייסט דאָס קומען אליין איז אן־און־פאר־זיך געוועו ניי, ווייל אלע טאָג פון א גאנץ יאָהר קומט ער ניט פון ערגעץ. ער איז א שטוביגער... איצט איז ער עפּעס ווי מעשה ארבייטער געקומען צו דער ארבייט, און דאָס האָט לייזער'ן געמאכט צו שמייכלען.

אראָפּגעוואָרפען פון זיך דאָס רעקעל און דאָס קאפּעליושעל, האָט ער ארויפגעלייגט דעם שטריק אויפ'ן ראָד, איהם אָפּגענעצט און אָפּגעשמירט און אָ דרעה געטאָן מיט'ן פוס דעם ווארשטאַט, האָט ער געפרעגט ביים בעל־הבית וואס צו טאָן. האָט איהם יענער דערווייל געהייסען ער זאָל געהן אויפשטעלען דעם סאמאָוואר.

זעהר שפּעט זיינען אויפגעשטאַנען די מיידלאך און ווייל ס'איז געוועזן נאָכ'ן אייגענעם יום־טוב, און ווייל עס איז געוועזן דער ערשטער טאָג פון קריסטליכען יום־טוב, דערפאר זיינען זיי אויפ־געשטאַנען אין א געדריקטער שטימונג, מיט א פוילקייט אין די ביינער און ס'האָט זיך צו גארניט ניט געגלוסט נעמען, און ארבייט האָבען זיי געהאט זעהר א סך. זיי האָבען געדארפט דאָס גאנצע פסח'דיגע געפעס איבערוואשען און אוועקשטעלען אויפ'ן געהעריגען אָרט, וואו עס שטעהט א גאנץ יאָהר אלע יאָהר און באדארפט

ארויסנעמען פון באהעלטעניש דאָס חמצ'דיגע און טאָן מיט דעם דאָסזעלבע וואָס מיט'ן פסח'דיגען, דאָס הייסט, אינגאנצען איבער־וואשען און איבערוױשען.

יאָ, ס'איז געווען א וואָכעדיגער טאָג, אָבער ווייל ער איז דער ערשטער נאָכ'ן אידישען יום־טוב און דער ערשטער פון אָנהויב פונ'ם גוי'אישען, דערפאר איז ער געווען שווערער ווי א געוועהנ־ליך וואָכעדיגער טאָג, און א שווערער אומעט האָט געפרעסט די מיידעלשע הערצער זייערע.

איינע א געוואַשענע, א צווייטע ניט קיין געוואַשענע,ביידע זיינען אין די אונטערשטע קליידלאך, מיט די האָר אין אומאָרדנונג פארדרעהט, ביידע זיינען ארום אין גרויסען קאָרידאָר, וואָס איז אינגאנצען געווען פארגאָסען מיט זון און בלענדעניש פון ליכטיג־קייט, און מיט פארבלישטשעטע אויגען האָבען זיי זיך אוועקגע־שטעלט ביי דער גלעזערנער טיר און ארויסגעקוקט אין הויף אריין: געקוקט און געזעהן ווי פון צייט צו צייט קומט אריין א מענש, געהט ארויס, און ווי גוי'אישע קינדער טראָגען ארום אין די הענטלאך און שטאָפּען אין די מיילער גרויסע שטיקער געלע פּאסקע, עפּעס פונקט אזוי ווי נעכטען האָבען זיך אידישע קינדער ארומגעטאַסקעט מיט שטיקלאך מצה, אזוי האָבען זיך איצט די קריסטליכע ארומגעטראָגען מיט זייער פּאסקע.

— זיך אויסגעשלאָפען? — האָט דער פאָטער געפרעגט און צוגעגעבען: — דער סאמאָוואר קען שוין זיין קאלט.

איינע נאָך דער אנדערער זיינען צוריק אין שטוב אריין און געקוקט אויף דער אומאָרדנונג אין שטוב, האָט זיך ניט ביי דער און ניט ביי יענער, ביי ביידע האָט זיך ניט אויפגעהויבען א האנט עפּעס צו טאָן, אליין ניט אזוי שלעפעריג ווי אומעטיג, האָבען זיי געגענעצט, אויסגעטרונקען צו גלעזער כמעט קאלטע טיי פון פסח'דיגען סאמאָוואר און פון פסח'דיגע גלעזער און ביי א פסח'־דיגען טיש און ס'האָט זיך געדאכט, אז דער אידישער פסח איז דאָ איינגעשלאָפען, אריינגעשלאָפען אין דער וואָך אריין און אינ'ם גוי'אישען יום־טוב אריין, אָדער... ער איז שוין געשטאָרבען, דער

פסח, און ליגט ווי א געשטאָרבענער און ווי אזעלכער, ביז וואנען כ'נעמט איהם ניט צו פון שטוב, איז ער יאָ דאָ און ניט דאָ...

און אין ווערק־שטוב האָט שוין געארבייט די וואך, ניט גערוהט אויפ'ן וואָכעדיגען שטייגער, און דער ארבייטער איז נאָך אלץ צו דער ארבייט ניט געקומען. דער וואָרשטאָט זיינער איז אין דערמיט, צווישען לייזער'ס און דעם לערן־יונג'ס געשטאַנען, אין אידיאָטישער און פאראליזירטער פארגליווערונג, און פוןביידע וואָרשטאַטען האָבען געשפריצט שפענדלאך און געפאלען אויף איהם ווי א האָגעל אויף א גע'פגר'טען פערד.

— ביי דער גאנצער וועלט איז אכט טעג פסח און ביי מיר איז ניין טעג, — האָט לייזער מיט א פארדריסיגען טאָן געזאָגט.

ער טראָגט שוין לאנג א באהאלטענעם פארדרוס אויפ'ן ארבייטער דערפאר, וואס ער האלט זיך אזוי פרעמד פון דער שטוב, דאָס הייסט, פרעמד פון די מיידלאך... איהם ארט ניט אזוי וואס ער איז דעם ניינטען טאָג ניטאָ, וואָס ער קומט ניט צו דער ארבייט, ווי דאָס, וואָס ער האָט זיך די גאנצע אכט טעג יום־טוב ניט געוויזען.

ער האָט זיך דערמאָנט, אז די טעכטער זיינען נעכטען שפעט אהיים געקומען. אפשר האָבען זיי זיך מיט איהם ערגעץ גע־טראָפען ? ... ארייננעקוקט דורכ'ן פענסטער אינוויינינג, אין שטוב אריין, האָט ער אפגעזוכט איינע און א צווייטע און צו ביידען געזאָגט :

— ער איז דאָך נאָך ניטאָ. א ? אזוי שפעט ! ... מסתמא זיך פארהוליעט נעכטען ערגעץ שפעט ! ...

זיי האָבען ניט געענטפערט און לייזער האָט ווייטער געפרעגט :

— וואו זייט איהר עס געווען נעכטען אזוי שפעט ?

נאָך אכט טעג ארבייטען איז ער אויך געווען פויל צו דער ארבייט און אויסגעשפאנט זיך פון וואָרשטאָט, אפגעטרייסעלט פון זיך און פון באָרד די שפענדלאך, איז ער אריין אין שטוב אריין, זיך באזעצט אין אזא פאָזע, ווי ער באזעצט זיך אלע מאָל נאָכ'ן טאָג ארבייט און צוגעקוקט ווי די מיידלאך האָבען זיך דאָך סוף

כל סוף פארנומען אויסצוראמען דעם יום־טוב פון שטוב, צוגעקוקט ווי די וואָך וואקסט אין שטוב און דאָס הארץ האָט געגודעט... פון ווייט און נאָהענט און פון ארום און ארום האָט זיך אָהן אויפהער געלאָזט הערען דאָס קלינגען און קלאנג פון די קלויסטער־גלעקער... דאָס איז שוין ניט געווען אָט דער טיף־רעליגיעזער קלאנג, וואס האָט זיך געלאָזט הערען נאָך האלבער נאכט. ניין, איצט איז דאָס שוין געווען גאר אן אנדער קלינגען. איצט האָט זיך שוין געשפּירט פרעהליכקייט, פארשייטקייט אין דעם קלינגען: אָהן אן ארדנונג, אָהן א סדר, אָהן יענעם ריטם, וואס באדארף וועקען די הערצער פון גלויביגע צום גלויבען... דאָ, איצט, האָט עס נאָר געוועקט פרעהליכקייט און מוט, גערופען די קריסטליכע וועלט צום לעבען און צו געניסען פונ'ם יום־טוב. און דאָ, ביי לייזער'ן אין שטוב (ווי אין נאָך הונדערטער בעל־מלאכה'שע אידישע הייזער) האָט מען אונטער'ן קלאנג פון די יום־טוב גלעקער ארויסבאגלייט ־עם יום־טוב, דעם אידישען יום־טוב, און ארייַנגענומען די וואָך, און אומבאמערקט, אונטער דער אומבאוואוסטער ווירקונג פון אסימי־לאציע, האָט די וואָך אינגאנצען וואָכעדיג ניט געקאָנט ווערען און אויך... קיין יום־טוב ניט... אָט דאָס פרעמדע יום־טוב'דיגע, וואָס האָט זיך שטראָמען־ווייז ארייַנגעריסען אין דער אידי־שער אָרימער שטוב אריין, האָט נאָר אפּגעשוואכט דעם ווילען און די הענט פון עפּעס אן ארבייט צו טאָן און מ'האָט געגודעט, געצוויגען ביי דער נשמה און גארניט טוענדיג האָט מען קיין פארגעניגען ניט געהאט פון דעם גארניט טאָן. און געשפּירט האָט זיך א פּוילער אומעט, א קרענקליכער, א נודנער, פון אייגענעם יום־טוב וואס איז אוועק און פון גוי'אישען, וואָס ער הויבט זיך ערשט אָן און פון דער אייגענער וואָך, וואָס קומט און ווערט באַגעגענט מיט פרעהליכע קלאַנגען פון א פרעמדען יום־טוב און פון א פרעמד, קריסטליך לעבען...

# אייביגקייט.

וויפיל מאָל האָב איך געבעטען דער שאַמעס: איך וויל זי באַקאַנט מאַכען מיט אַ מיידעל, מיט מיין בעל־הבית׳ס טאָכטער, וואו איך האָב אַמאָל געאַרבייט; מיט אַ מיידעל אַ קאָקעטקע, וואָס האַלט זיך אין איין פּוצען, וואָס שטעהט שעה׳ן לאַנג ביים שפּיגעל און האָט אַ שטענדיגען קאָפּ־וועהטאָג פון די הויכע אָפּ־צאַסען וואָס זי טראָגט. אפשר וואָלט זי די שאַמעס געקענט מאַכען פאַר אַ מענשען... יענע איז בטבע אַ וואויל מיידעל, אָבער אומ־באַוואוסטזיניג. מעגליך, אַז פון איהר וואָלט מען געקענט מאַכען אַ גוטען פּאַרטיי־חבר... שמייכעלט די שאַמעס...

מיט דער שאַמעס פיהל איך מיך זעהר גוט. איך פיהל זיך מיט איהר אַזוי ווי אַ לייטישער בחור קען זיך פיהלען מיט אַ מיאוס לייטיש מיידעל. איך אַכטע זי זעהר פאַר איהר קלוגשאַפט, פאַר איהר גוט הארץ און פאַר דעם, וואָס דער אַרבייטער שטעהט ביי איהר העכער פון אַלע קלאַסען מענשען... אָבער... איך פיהל צו איהר ניט יענעם אָפּשיי, וואָס איך פיהל צו אַ שעהן מיידעל. קען איך זי, אַ שטייגער, פאַרגלייכען מיט יענער? און דאָך, ווען איך האָב מיט יענער גערעדט, האָט זיך מיר אַלע מאָל געדאַכט, אַז איך רעד נאַרישקייטען. און מיט דער איז מיר נאָך אַזעלכעס קיינמאָל ניט איינגעפאַלען...

אינטערעסאַנט וואָלט געווען ביי איהר, ביי דער שאַמעס אַליין, אַ פרעג טאָן וואָס דאָס איז.

איינמאָל האָב איך אַ ווייז געטאָן:

— גיט אַ קוק, וואָס פאַר אַ נידעריגע אָפּצאַסען איהר טראָגט!

איך האָב געמיינט, אַז זי וועט מיך אָנקוקען ווי אַ משוגענעם. אָבער, ניין, זי האָט נאָר אויף מיר אַ שמייכעלדיגען קוק געוואָרפען און געזאָגט:

— וואָס־זשע, ס'איז ניט שעהן?

און איך האָב איהר שוין ערקלערט, אַז זי האָט ניט קיין גרויסען פוס. און דערפאַר, וואָס זי טראָגט אַזא נידעריגען אָפּצאַס, זעהט איהר פוס אויס גרעסער און דער שפּאַן ברייטער...

און גאָט ווייסט דעם אמת, אַז מיר האָט זיך ניט געגלוסט רעדען וועגען איהרע פיס... אָבער איך האָב דאָך געוואָלט, זי זאָל ניט זיין אַזוי נאַכלעסיג און אָפּגעלאָזען, זי זאָל ניט אַזוי אָפּציהען די האָר פונ'ם שטערען... איך האָב עס שוין געוואָלט צוליב דעם אַליין, טאָמער באַגעגענט מיך מיט איהר יענע כלב'טע...

אך, ס'איז שוין גאָר קיין מיידעל ניט, אָט די שאַמעס. איך פיהל מיך מיט איהר אַזוי רוהיג און ריין, ווי אַ מלאך... נעבען יענער האָט דאָך אין מיר כסדר דאָס בלוט געזאָדען... און וואָס איז זי, יענע?... ווען איך זעה זי, וואָלט איך איהר געזאָגט, אַז היינט פאַרנעמט זי שוין ביי מיר קיין אָרט ניט... אַז איך קען זיך מיט מיידלאַך טויזענט מאָל לייטישער און קליגער פון איהר...

און דאָך האָב איך דאָרטען דריי יאָהר אָפּגעאַרבייט. פאַר דער צייט האָב איך דעם טאַטען איהרען ניט איין מאָל, נאָר צעהן מאָל באַדאַרפט אָנשפּייען אין פּנים אַריין פאַר זיין באַשווינדלען מיך. און פונדעסטוועגען בין איך פון דאָרטען ניט אַוועק... און ווען איך דערמאָן זיך אין דער נאַרישער ראָלע מיינער, וואָס איך האָב דאָרטען געשפּילט, איך האָב געוואָלט באַווייזען, אַז איך בין לייטישער און פיינער פון מיינע חברים, וואָס האָבען מיט מיר צוזאַמען דאָרטען געאַרבייט... אַרבייטער זיינען אַוועק, אַנדערע זיינען געקומען און איך האָב אַלץ געסטאָרטשעט דאָרטען. און מיר פאַלט ערשט איצט איין, אַז דער טאַטע איהרער, ניט קליגער פאַר דער טאָכטער, אָבער פּראַקטיש אין זיין פאַך, — אַז ער האָט זיך יאָ געמוזט טאָנשטויסען, וואָס איך לאָז מיך פון איהם מעלקען ווי אַ בהמה, אַנדערש וואָלט ער מיר ניט געקראַכען מיט די פיס אין

הארצען אריין. לעבען זאָל איך, אַז דאָס איז אַ געמיינהייט. ווען איך זעה זי, די טאָכטער זיינע, וואָלט איך איהר געזאָגט:

„הערט, אייער פאָטער איז אַ נידעריגער מענש!”

אַז איך דערמאָן זיך אָן די שבת'דיגע וויזיטען, וואָס איך האָב דאָרטען געפּראוועט, פלאַמט מיר דאָס פּנים. אַלע שבת בין איך אַהין געגאַנגען „גוט שבת ביטען”, און אַלע מאָל האָב איך זיך דאָרטען פרעמד געפיהלט, פרעמד און איבעריג, און חרטה געהאַט וואָס איך בין געגאַנגען... מ'האָט מיך דוקא פיין אויפגע־גענומען, און יענע, צוליב וועלכער איך בין געקומען, האָט זיך פאַרהאַלטען צו מיר אַזוי, ווי איך וואָלט שוין גאָר אינגאַנצען געווען טאַטע־מאַמעס גאַסט... זי האָט מיר צוגעטראָגען די גלאָז טיי מיט אַזאַ גלייכגילטיגקייט און פרעמדקייט, ווי ס'איז נאָר מעגליך אין אַזאַ פאַל, ווען ס'קינד האָט מיט'ן גאַסט וואָס איז געקומען צו טאַטע־מאַמע קיין שייכות ניט...

איך האָב זיך געפלייסט שעהן צו זיצען, פריי זיך האַלטען, און דער עיקר — צו רעדען עפּעס שכל'דיגעס, קלוגע דיבורים, אַזעלכע, וואָס אַ בחור קען רעדען נאָר דעמאָלט, ווען ס'זיצט אַ שעהנע מיידעל ביים טיש... און וואונדערליך וואָס די אַלע קלוגע ווערטער מיינע, ווי איך האָב זיי נאָר אַרויסגעלאָזט, האָבען זיי זיך אָנגעטאָן אין נאַרישע פּעלצען און האָבען מיך אַליין געשראָ־קען... און רוהיג איז געזעסען יענע, פאַר וועמען איך האָב מיינע קלוגע דיבורים געשאָטען... זי איז זיך געזעסען אַזוי רוהיג, ווי אַ שעהנע מיידעל קען זיך ערלויבען צו זיצען ווען אין איהר גע־גענוואַרט זיצט אַ יונגערמאַן, וואָס איז געקומען צו איהר מיאוס'ער חבר'טאָרין, אַזעלכער וואָס קען קומען נאָר צו יענער און ניט צו איהר... זי האָט זיך געהאַלטען אַזוי פרעמד, ווי איך וואָלט שוין גאָר קיין זכר ניט געווען... ס'האָט אָפט געטראָפען, אַז זי האָט זיך גאָר אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאַנגען, האָט זיך דוקא גאַנץ איידעל אַנטשולדיגט, איידעל און פרעמד...

מיר איז געוואָרען אָהן איהר אַזוי אומהיימליך, ווי אַ הונט

אין אַ פרעמדער שטוב, ווען דער בעל־הבית, וואָס האָט איהם אין דער פרעמדער שטוב געבראַכט צו פיהרען, איז פון דער שטוב אוועק און איהם געלאָזט אַליין.

נאָך איהר אוועקגעהן האָב איך שוין אודאי ניט געהאַט דאָר־טען וואָס צו טאָן, אָבער שוין דערפאַר אַליין האָט מיר ניט גע־פּאַסט גלייך נאָך איהר אוועקצוגעהן און בין געזעסען ווי אין גע־האַקטע וואונדען און יעדע מינוט האָט זיך מיר ווי אַ שעה לאַנג געצויגען, און פאַר'ן אוועקגעהן האָט מיך דאָס אידעל אַלע מאָל געפרעגט:

— געהסט שוין אוועק?

אין די אויגעלאַך זיינע האָב איך געזעהן טוקט זיך אַ ממזר'יש פייערל און אַן עקעלהאַפטּ געדאַנקעלע, ווי אַ מיאוס קאַרליקעל, וואָס האָט מאָדנע הנאה ווען ס'נאַרט אָפּ אַ גרויסען מענשען; אַזוי האָב איך דערקענט אין די אויגעלאַך, אַז דאָס אידעל פרעהט זיך פון דעם געדאַנקעלע, וואָס ס'נאַרט מיך, וואָס ס'פאַרשטעהט זיך זיינס עפּעס אַ זאַכעל, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט וויסען דערפון.

שוין אַ האַלב יאָהר, אַז איך האָב די שטוב אוועקגעוואָרפען, אָבער איך בין דאָך פאָרט צוגעבונדען געבליבען צו דער שטוב... מיין לאַנגע איז גלייך צו אַן עוף, וואָס איז צוגעבונדען אויף אַ לאַנג שטריקעל, ס'קען דאָס עוף ווייט אוועקגעהן, אָבער זיך אָפּרייסען פון אָרט קען עס ניט... איך וועל צוואַנציג מאָל חוזק מאַכען פון דער מיידעל, אָבער אין מיר זיצט זי, אָט די פרעמדע, וואָס איז מיר אַזוי נאָהענט און לאַכט מיך אויס מיט מיין חוזק, מיט מיין גאַנצער באוואוסטזיניגקייט און מיט אַלע מיינע באוואוסט־זיניגע מיידלאַך אין דער שפּיץ...

---

איך האָב דאָך איינגערעדט די שאַמעס און אָפּגערעדט האָ־בען מיר אין אַ שבת'דיגען פריהמאָרגען זאָלען מיר זיך טרע־פען ביים טויער, ביי יענעם טויער, וואו איך בין דריי יאָהר, טאָג־איין־טאָג־אויס, אין דער פריה אריינגעגאַנגען און פאַרנאַכט ארויס־

געגאַנגען... איך בין געווען ריין אַרומגעוואַשען, גלאַט געראַזירט און אויסגעפּוצט ווי פון דער נאָדעל אַרויס... איך האָב מיך אַרומגעדרעהט און באמת ניט געוואוסט צי דאַרף זי פון ערגעץ אַריינגעהן אָדער אַרויסגעהן... איך האָב זי געוואָלט זעהן און דערצעהלען איהר, אַז אַמאָל... יאָ, אַז איך האָב זי אַמאָל ליב געהאַט און אַז איך האָב זי שוין היינט ניט ליב.

ס'איז געווען שבת'דיג רוהיג און שבת'דיג אומרוהיג. מ'איז ווינציגער געפאָהרען ווי אין דער וואָכען, דערפאַר מעהר געגאַנגען. אויף די פּנים'ער פון די אידישע אַרבייטער האָט זיך געשפּירט די שבת'דיגע רוה און שבת'דיגע זאָרגלאָזיגקייט... זיי זיינען געווען שבת'דיג פריי און שבת'דיג פאַרנומען. ס'איז געווען צו זעהן ווי יעדער פון זיי איז פאַרנומען מיט עפּעס גרינגעס און אַנגענעמעס, מיט אַזעלכעס, וואָס זיי האָבען אַ גאַנצע וואָך קיין צייט ניט זיך צו פאַרנעמען... איך האָב מיך דאָס ערשטע מאָל צוגעקוקט צום נייעם אידישען שבת אויף דער אידישער גאַס; איך האָב געטראַכט: דער שבת ביים נייעם דור האָט שוין עפּעס אַן אייראָפּעאישע פאָרמע אָנגענומען... אוים פרינצעסין... עס פיהלט זיך דער רוה־טאָג, נאָר ניט דער אידישער שבת... עס פיהלט זיך אַ אידישער זונטאָג...

איך האָב פון וויטען דערזעהן געהן אַן אַלטען אידען אין אַן אַלטען ווינטערדיגען פּאַלטאָ אויף די אַקסעל, ווייזט אוים פון שוהל ערשט געגאַנגען, ווייל פון אונטער'ן פּאַלטאָ האָט אַ ציצה אַרויסגעקוקט... ער איז געגאַנגען איינגעבראָכען אין צעהנען, די אויגען טיף פאַרזונקען אויף'ן האַרטען, שטיינערנעם באָדען, אויף וועלכען ער איז געגאַנגען, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט זעהן וואָס אַרום טוט זיך. דער אַלטער איד האָט אַזוי אומגליקליך פרעמד אויסגעזעהן אויף דער ניי־אידישער שבת'דיגער גאַס, און איך האָב שוין זעהר געוואָלט וויסען וואָס דער אַלטיטשקער טראַכט וועגען דעם יונגען דור, וואָס אַרבייט ניט אום שבת און פיהרט זיך אויף ווי גוים אום זונטאָג...

פון דער פאַראַדנער טיר מיט'ן אויסגעשייערטען גלאַנציג מע־

שען הענטעל איז ארויסגעשפּרונגען אַ וואַכעדיג פּאַרפּוצטער יונ־גערמאַן מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. איך קען איהם: ער וואוינט טאַקע דאָרטען, פון וואַנען ער איז ארויסגעשפּרונגען. זיין טאַטע איז אַן אָנגעזעהענער גביר אין שטאָדט, האָט הייזער און קראָמען; ער איז אַ בן־יחיד, נאָר שוועסטער האָט ער אַ סך, און אַלע, פון דער גרעסטער ביז דער קלענסטער, פאָהרען זיי אויף וועלאָסי־פּעדען ארום; איך קען זיי אַלע, נאָר זיי מיך קענען ניט; כאָטש איך האָב דאָרטען, ביי זיי אין הויף, דריי יאָהר געארבייט, דאָך קענען זיי מיך קיינער ניט. אָט דער פּארשוין, וואָס איז נאָר וואָס אַזוי לעבעדיג און גביר'יש פון טיר ארויסגעשפּרונגען, האָט אָפּט מיין בעל־הבית מיידעל מיט אַ שפּיגעלע, וואָס ער האָט אָנ־געשטעלט אנטקעגען דער זון, „פייגעלאך" געמאכט, און יענער סטויס איז דערמיט גליקליך געווען... יאָ, איך האָב איהם גוט געקענט, אָט דעם פּארשוין, נאָר ער מיך האָט ניט געקענט. און עס האָט זיך מיר געגלוסט איהם אָניאָגען און אריינשרייען אין אויער אריין:

— הערט, איך קען אייך ניט!

איך האָב מיך ארומגעדרעהט און געשטאַנען פּאַר'ן טויער און האָב מיך אַזוי נישטיג געפיהלט מיט מיין ארומגעהן און שטעהן... איך האָב געטראַכט: אַזוי נישטיג און געפאַלען מוז זיך אַמאָל פיהלען אַ דערוואַקסענער מענש, וואָס געהט ארום אין גאַס אין דער פינסטער מיט אַ ליכט צו זוכען אַ קאָפּיקע, וואָס ער האָט פאַרלאָרען, ארום איהם דרעהען זיך מענשען אויף און אָפּ, ער ציהט צו אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און קען קיינעם ניט זאָגען וואָס ער זוכט...

און ס'איז שוין מערקווירדיג: אָפּגערעדט מיט דער שאַמעס זיך צו טרעפען מיט איהר און ניט געוואָלט זי זאָל קומען, אָבער דאָס אָפּרעדען מיט איהר האָט מיר געגעבען מוט ארומצודרעהען זיך און וואַרטען... וואַרטען אויף אַ צווייטער... און אומזיניג איז געווען דאָס וואַרטען אויף דער צווייטער אָהן דער ערשטער

און נאָך אומזיניגער איז געווען דאָס ווארטען, ווייל איך האָב ניט געוואוסט זי וועל איך זי זעהן, צי ניט.

ענדליך האָט זי זיך באוויזען: פריה־מאָרגענדיג־פריש, זו־מערדיג און שבת'דיג. נאָר איך האָב מיך געמאכט, אז איך באַ־מערק זי ניט און בין געווען איבערגליקליך וואָס זי האָט מיך באמערקט:

— גוט שבת! וואָס טוט איהר עפּעס דאָ?

— נאָר וואָס איז דאָ ארויסגעגאנגען סווידערסקי!...

זי האָט מיך אָנגעקוקט.

— דער יונגער סווידערסקי איז דאָ נאָר וואָס ארויסגעגאנגען.

זי האָט מיך שמייכלענדיג אָנגעקוקט, מיט אזא שמייכעל, ווי מען פארשטעהט איינעם ניט, וואָס ער רעדט און מען אינטע־רעסירט זיך ניט צו פארשטעהן. דאָס האָט מיך שטארק באַ־ליידיגט.

— דאכט זיך, גאנץ פּשוט.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער שאמעס, און אויסגעזעהן האָט מיר יענע אנטקעגען דער ווי א קאָך־לאָמפּ געגען א „בענש־ליכט”.

און זי האָט מיר שוין גאָר פּלוצים א פרעג געטאָן, וואָס איך וויל און איך האָב איהר געזאָגט, אז אויב זי וויל, קען איך זי באַ־קענען מיט זעהר א לייטיש קלוג מיידעל, און דאָס מיידעל וועט איהר שוין ערקלערען, צי ס'איז גוט וואָס זי געהט אויף ציוני־סטישע מיטינגען אָדער ניט.

זי האָט מיך אויסגעלאכט, פּשוט אויסגעלאכט, און כ'האָב אויסגערופען:

— אָבער סווידערסקי איז דאָך אויך קיין ציוניסט ניט.

זי איז אוועקגעגאנגען אָהן א זייי־געזונט. איך האָב מיך נאָך קיינמאָל אזוי עלענד ניט געפיהלט. איך האָב געטראכט: מעגסט האָבען צוויי הונדערט באקאנטע און הונדערט גוטע פריינד, נאָר

אויב דו טראַכסט וועגען איינער און די איינע האָסטו ניט, ווערסטו זיך אַלע מאָל פּיהלען עלענד און איינזאַם... איך האָב נאָכ־געקוקט איהר עלאַסטיש געגנגעלע, מיט דעם ריטמיש געמאָסטענעם שפּאַן און די גאַנצע פיגור איהרע, אין וועלכער עס האָט זיך גע־פּיהלט בויגזאַמקייט און ווייכקייט... זי האָט מיר אויסגעזעהן ווי אַ לעבעדיגער שטיק יום־טוב אין גאַס... געזעהן אין איהר דאָס באַשטענדיגע ,דאָס אייביגע, דאָס, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט בייטען. וואָס פאַר אַ סדר ס'זאָל אין דער וועלט ניט זיין... אַ לעבעדיג און רייצענד שטיק נאַטור געזעהן צונויפגעגאָסען מיט זומער, מיט ליכטיגקייט, מיט זון און שטראַלען.

ווען איך האָב מיך שוין געלאָזט אַוועקגעהן, איז די שאָמעם אָנגעקומען. איך האָב זי ניט דערקענט: אַזוי אויסגעפּוצט איז זי געווען. איך האָב זיך אָפּגערוקט פון איהר און געזאָגט:

— איך דערקען דאָך אייך ניט!

זי האָט אַזוי גוט און פרום געשמייכעלט, האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי זי וואָלט מיט איהר גליק אינווייניג אין מיר געוואָלט אריינקריכען.

— לאָמיר געהן. וואו איז דאָס אייערע?

איך האָב איהר פאַרגעוואָרפען, וואָס זי האָט זיך אויסגע־קליבען אַזוי שפּעט צו קומען, דערצעהלט, אַז יענע איז שוין ניטאָ.

זי האָט מיך ווי אַן עלטערע שוועסטער גענומען אונטער דער האַנט און אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג. דערנאָך האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— וואוהין־זשע געהען מיר?

— וואוהין איהר ווילט.

קלוג איז זי און זי האָט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, אַז איך האָב ניט קיין חשק צו געהן מיט איהר, און אַזוי אריינגעקוקט מיר איין מאָל און צוויי מאָל אין די אויגען אריין, האָט זי באַ־קומען אַזאַ זויער־רחמנות'דיג פנים.

— איך האָב, דאַכט מיר, אַ טעות געהאַט.

איך האָב זי געוואָלט אַרויספיהרען פון דעם טעות און איך בין געוועזן זיכער, אַז איך געפעל איהר ניט.

ס'האָבען זיך איהר באַוויזען טרעהרען אין די אויגען. זי האָט זיך אָפּגעדרעהט מיט'ן פּנים, מיט אויגען פול מיט טרעהרען, און מאַכענדיג איין שפּאַן און אַ צווייטען, איז זי אוועק, אַט־די אומגליקליכע, מיט'ן זעלבען וועג, מיט וועלכע זי איז געקומען, אָבער גאָר אינגאַנצען מיט אַן אַנדער גאַנג.

# אין זיך.

נאָך דער מוטער׳ס טויט איז ביי די דריי יתומים־טעכטער פאַרדאַפּעלט געוואָרען די ליבע צום פאַטער א דאַנק דעם, וואָס ער האָט נאָך דער מוטער געזאָגט קדיש. זיי האָבען געוואוסט, אז א מאַן איז ניט מחויב צו זאָגען קדיש נאָך א ווייב. זיי האָבען געוואוסט, אז א ווייב איז אזוי לאַנג א ווייב ביי א מאַן ווי זי לעבט, שטאַרבט זי נאָר אָפּ, אזוי קען א צווייטע דער פאַרשטאָרבענער׳ס אָרט פאַרנעמען און די צווייטע, די לעבעדיגע, ווערט פּונקט אזא ווייב (אמאָל נאָך א בעסערע), ווי די ערשטע... איז דערפאַר האָט מען דאָס אזוי ליב געקראָגען דעם טאַטען, זעהענדיג, אז ער טוט זיך אזוי אויפריכטיג און איבערגעבען דאָס, וואָס ער באַדאַרף ניט טאָן, און דערפאַר, ווייל ער טוט ניט דאָס, וואָס אַלע מאַנען טוען, ווען זייערע ווייבער שטאַרבען (דאָס מיינט, וואָס ער האָט ניט חתונה). די טעכטער האָבען איהם אין דער פריה און פאַרנאַכט אַרויסבאַגלייט אין שול אריין, ווי א ברודער זייערען, ווי אזעלכען, הייסט עס, ווי א זכר, וואָס נאָר ער האָט רעכט אויף דעם, אויף קדיש צו זאָגען און ניט זיי, נקבות... זיי האָט עס אפילו ניט איינמאָל פאַרדראָסען פאַרוואָס זאָל דאָס א טאָכטער ניט טאָרען זאָגען קדיש? און ניט איין מאָל טאָקע האָט איינע און א צווייטע האַרב אוועקגעשטעלט די שאלה ביים טאַטען:

— טאַטע, פאַרוואָס?

ניט געבליבען צופרידען מיט זיינע ענטפערס און אמאָל נאָך געקראָגען א צוגאָב פון איהם:

— ווער וועט נאָך מיר קדיש זאָגען?

דאָ האָבען זיי זיך שוין גאָר דערפיהלט ווי איבעריגע אויף דער וועלט, איבעריג, וואס זיי זיינען געבאָרען געווארען טעכטער און ניט קיין זיהן.

— טאָ וועד איז דאָ שולדיג, טאַטע? — האָט זיך ארויסגע־כאפט אמאָל איינע, אמאָל א צווייטע.

נאָכ'ן יאָהר און נאָכ'ן יאָהרצייט האָט חתונה געהאט די עלטסטע טאָכטער, וואס איז נאָך א כלה געווארען ווען די מוטער האָט געלעבט און נאָך געזאָלט פאר־א־יאָהרען חתונה האָבען. און קיינעם איז ניט איינגעפאלען צו זאָגען עפּעס א קרום ווארט, וואָס דאָס מיידעל האָט חתונה, וואס ביי איהר איז מיט א יאָהר צוריק די מוטער געשטאָרבען. אין דער צייט, ווען דאָס וואָלט געווען פארקערט, ווען דער טאַטע וואלט געוועזן חתונה געהאט (וואָס איז נאָך לפי ערך געווען א יונגער מענש), וואָלטען די קינדער גאנץ פיין זיך געקרימט געגען פאָטער און וואָלטען איינגעזעהן אין דעם, אין זיין חתונה האָבען, א גרויסע עולה.

פארשטעהט זיך, אז דאָס וואָס ער האָט ניט חתונה געהאט, איז ניט געווען אויס טרויער נאָך דער פארשטאָרבענער ווייב, נאָר אלס געטרייער פאָטער און בעל־הבית'ישער איד האָט ער ניט געוואָלט אריינגעמען א פרעמדען מענשען אין שטוב אריין, אוז ס'זאָל זיין מחלוקות'ן, איז דערפאר טאקע האָט ער זיך צוגעאיילט מיט דער צווייטער טאָכטער און אין א יאָהר האָט ער שוין חתונה געמאכט די צווייטע און געבליבען שטעהן ביי דער אינגסטער. די אינגסטע איז נאָך אָבער טאקע גאָר א יונגע געווען, ס'הייסט, ניט אזוי יונג ווי קאפּריזנע און האָט זיך עפּעס געמאכט גע'פגר'ט וועגען גאנצען ענין חתונה האָבען. ס'איז איהר טאקע זעהר גוט געווען ביים טאַטען, אליין געבליבען די באַלעבאָסטע איבער דער גאנצער שטוב און מיט א קעכין אונטער דער האנט, און וואָס זי האָט געוואלט טאָן און וואָס איהר הארץ האָט געגלוסט, האָט זי אויסגעפיהרט.

— וואָס האָב איך קיין צייט ניט? — האָט זי גע'טענה'ט,

ווי א יונגע מיט אַן אַלטען שכל, — חתונה האָבען און שטאַרבען — דאָס קאָן מען קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיגען.

און ס'איז אַוועקגעגאַנגען א יאָהר נאָך א יאָהר, און אַלע יאָהר זיינען זיך אין שטוב אריין צום יאָהרצייט צונויפגעקומען די עלטערע צוויי טעכטער און מ'האָט געפּראַוועט דעם יאָהרצייט צוזאַמען מיט דער אינגערער און מיט'ן טאַטען, אַוועקגעשטעלט א גרויסע ליכט אויף א מעת-לעת צייט, ס'זאָל ברענען און מ'האָט דעם קדיש, דעם טאַטען, ס'הייסט דעם מאַן פון דער פאַרשטאָר־בענער ווייב, אַזוי צאַרט און צערטליך ארויסגע'משלח'ט אין שול אריין און געמאַכט איהם אַלע יאָהר צום יאָהרצייט אַן ערב יום כפור, א כל־נדרי שטימונג. יענעמ'ס נשמה, נעבאַך, האָט זיך געפלאַטערט צווישען לעבעדיגע יונגע ווייבלאַך, צווישען יונגע גרושה'לאַך, אַלמנה'לאַך, אָדער עלטערע מיידלאַך, און דאָ קומען די טעכטער, שפּאַנען איהם איין אין יאָהרצייט און פּראַווען אבלות ביי איהם אין שטוב... און ער האָט זיך געפיהלט ווי א קליין יתומ'ל, וועמען מען שלעפּט אריין פון גאַס און פון זיין שפּיל און מ'איז איהם משלח אין שול אריין צו זאָגען עפּעס א „יתגדל ויתקדש", וואָס ער פיהלט אין דעם קיין טעם ניט און ווייסט ניט, נאָך וואָס דאָס איז און פיהלט אַן אַנגעוואָרפענע לאַסט אויף זיך, אַן עול אויף זיינע יונגע פּלייטש־עס. דער גרויסער איד פון די טעכטער האָט זיך געפיהלט אַזוי שוואַך און ווילענלאָז, אַזוי ווי ער וואָלט דער קליינער יתומ'ל געווען און די טעכטער, די עלטערע פון איהם, וואָס צווינגען אויף איהם ארויף אַזעלכעס, וואָס איז געגען זיין רצון, וואָס דאָס האַרץ איז גאַרניט דערביי.

ענדליך איז אויך די אינגסטע מיט מזל א כלה געוואָרען און חתונה געהאַט, און דער אַלטער איז געבליבען א יחיד ביחידו, און דאָ האָט ער זיך ערשט ארומגעקוקט, וואָס פאַר א נאַרישקייט ער איז באַגאַנגען געגען זיך אַליין... ער איז פאַר דער צייט עלטער געוואָרען מיט זיבען יאָהר, און האָט שוין ניט געקאָנט דענקען וועגען אַזעלכער, וואָס ער וואָלט צוריק מיט זיבען יאָהר געקאָנט נעמען. די טעכטער האָבען אָפּגעשאַצט דעם גרויסען קרבן, וואָס

דער פאָטער האָט פאר זיי געבראכט און יעדע איינע האָט געפיהלט, אז איהם קומט א גרויסער חוב און געוואָלט איהם צאָהלען. יעדע איינע האָט איהם געבעטען, ער זאָל אריבערגעהן צו איהר. דער אַלטער, זעהענדיג ווי די טעכטער ווילען איהם צופרידענשטעלען, האָט געזאָגט צו איינער און אַ צווייטער:

— ווילסט צופרידענשטעלען דעם טאַטען? דער טאַטע איז שוין אזוי אויכעט צופרידען...

געמיינט האָט ער פונקט פארקערט, געמיינט אז וואָס די טעכטער זאָלען ניט טאָן פאר איהם, קענען זיי איהם ניט צופרידענשטעלען. און די טעכטער האָבען דאָס גאַנץ גוט פארשטאַנען, אַז ווי ס'זאָל זיין גוט א טאַטען ביי קינדער, קען איהם דאָך אזוי ניט זיין ווי ביי זיך אין דער היים מיט אן אייגענער באַלעבאָסטע... זיי האָבען ניט איינמאָל גערעדט צווישען זיך, די טעכטער, וועגען דעם. אזוי ווי אַלע דריי האָבען שוין געהאט מאַנען און יעדע האָט געוואוסט, אַז מיט א מאַן איז בעסער צו לעבען ווי מיט א טאַטען, אזוי האָבען זיי דאָס פארשטאַנען, אַז אַ טאַטען קען בעסער און ליבער זיין צו לעבען מיט א ווייב, איידער ביי אַ טאָכטער.

— ער איז נאָך, אָהן עין הרע, א גאַנץ געזונטער איד...

ארויס פון טאַטענ'ס רשות, אזוי ווי יעדע איינע האָט שוין געהאַט איהר אייגענעם נעסט, האָט שוין קיין איינע פון זיי ניט געארט, אז דער טאַטע זאָל חתונה האָבען. ניט נאָר ס'וואָלט זיי געארט, נאָר זיי האָבען דאָס טאַקע באַגעהרט פאר זיינעטוועגען.

— פארוואָס טאַקע ניט, פארוואָס? וואָסי, ער דאַרף צו אימיצען אָנקומען?

און יעדע איינע האָט געפיהלט א חוב אויף זיך חתונה צו מאַכען דעם טאַטען.

און יעדע איינע האָט זיך מיט א ווייבערישער געניטקייט, וואָס א מאַן קען געפעלען אין א ווייב, נאָכגעקוקט און נאָכגעפאָרש, וואו ס'געפינט זיך ערגעץ ניט אן אַלטע אַלמנה אָדער א גרושה. און זיך צונויפגעקומען איין מאָל, צוויי מאָל אין וואָך

האָבען זיי איינע דער אַנדערער איבערגעגעבען, וואָס זיי האָבען געהערט און געזעהן.

דערווייל האָט זיך געטראָפען, אַז ביי א ווייטער קרובה איז געשטאָרבען איהר מאַן. דער געשטאָרבענער מאַן פון דער קרובה איז געווען זעהר א לייטישער. די קרובה אַליין איז אויך געווען זעהר אַ לייטישע, און זיי האָבען געפיהרט זעהר א לייטיש לעבען, נים קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי האָבען קיין קינדער נים געהאַט. און אַזוי ווי די טעכטער האָבען דערהערט, אַז דער קרובה'ס מאַן איז געשטאָרבען (אַזוי ווי ס'איז געווען אַ ווייטע קרובה, האָבען זיי נים געהערט, אַז ער איז קראַנק געווען), זיינען זיי גלייך אַוועק צו איהר זי מנחם אָבל זיין, און אויך נאָך שבעה זי נים פאַרלאָזט. איינע און א צווייטע האָט זי באַזוכט און זיך פאַר־האַלטען צו איהר מיט יענער אינטימער פריינדשאַפט, וואס נאָך חתונה־געמאַכטע טעכטער, וואס שטעהען שוין נים אין פאָטער'ס פאָטערשאַפט, קנעען פיהלען צום טאַטענ'ס ווייב, ווען זיי האָבען ליב דעם טאַטען... אַזוי צוביסלאַך האָט איינע און א צווייטע זי אָנגעהויבען צו פאַרשלעפען צו זיך אין שטוב אריין און געשאַפען ארום איהר א סביבה פון פריינדשאַפט און איבערגע־בענהייט, און אָפטמאָל האָט מען דאָס נאָך אויסגעמארקירט אַזוי, אַז דער טאַטע זאָל גראָד זיין, ווען זי איז געווען.

דער פאָטער, פאַרשטעהט זיך, האָט נים אָנגעהויבען חושד צו זיין די טעכטער אין אַזאַ גרויסמוטיגען רצון. ביי איהם איז דאָס אַזוי מאָדנע אויסגעקומען וואס אָט די אַלמנה דרעהט זיך אַזוי פיל ארום זיינע טעכטער און די טעכטער ארום איהר, און ער בלייבט אַלץ א זייטיגער און א צופעליגער אין זיינע באַגעגענישען מיט איהר. ער האָט זיך אָבער שוין גאָר נים געפיהלט גלייכגילטיג צו דער אַלמנה און האָט זיך זינדיג געפיהלט אַנטקעגען די טעכטער, וואָס ער טראַכט וועגען איהר, אין דער צייט, ווען די טעכטער באַהאַנדלען איהם אַזוי פיין און צערטליך, און ער האָט שוין מיט א כיון, ווען עס איז איהם אריין א געדאַנק וועגען חתונה האָבען מיט דער קרעפטיגער אַלמנה, — זיך גראָד דעמאָלט צורעדט וועגען דער

פאַרשטאָרבענער, האָט גערעדט, געזיפצט און געקרעכצט, און אַלע מאָל געצעהלט די יאָהרען, וויפיל יאָהרען ס'איז שוין נאָך איהר טויט.

און זעהענדיג פון א מאַן אַזא איבערגעבענקייט און געטריי־שאַפט צו א ווייב, האָבען דערפאַר די טעכטער די מיילער זייערע ניט געקענט עפענען וועגען דעם, וואָס זיי האָבען פארטראַכט. און אַזוי ווי דער אַלטער האָט דוקא אַלע מאָל דערמאָנט די געשטאָרבענע נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט זיינע באַגעגענישען מיט דער לעבע־דיגער, ס'הייסט דאַמאָלסט, ווען די טעכטער האָבען מיט איהם זיך מכין געוועזען צו ריידען וועגען דעם, וואָס זיי האָבען אָט די באַגעגענישען מסדר געווען, דערפאַר האָבען זיי ניט געקענט אויס־נוצען אָט די געלעגענהייט.

דערווייל האָבען זיך דערנעהענטערט די וואכען און די טעג פון אכטען יאָהרצייט, וואָס אפילו די טעכטער האָבען שוין מעהר געפיהלט אלס חוב ווי אויס בענקשאַפט נאָך דער מוטער... דער פאָטער אָבער האָט, געגען זייער ערוואַרטונג, דוקא אויפ'ן אכטען יאָהר און יאָהרצייט פריהער ווי די פריהערדיגע יאָהרען זיך פאַר־גומען צו ריידען וועגען דער פארשטאָרבענער:

— אָט־אָ־טאָ, האָבען מיר שוין באַלד ווידער יאָהרצייט נאָך דער מאמען...

די טעכטער האָבען דאָס יאָהר ווי אַלע יאָהר, אַלע צוזאמען און אויף שותפות געבראַכט צום פאָטער אין הויז אריין א גרויסע ליכט און מ'האָט זי אריינגעשטעלט אין א קוואַרט זאמד און אָנגעצונדען, און דעם טאַטען האָט מען ארויסגעפראָוואָדעט אין שול אריין. פאַר דער צייט האָט זיך פּלוצלינג און אומגעריכט די אַלמנה באַוויזען, און גלייך מיט איהר באַווייזען זיך, האָט זי געזאגט:

— זייט געזונט, קינדער! איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט אייך.

און דערצעהלט, אַז זי האָט נאָר ־וואָס געקראגען א טעלעגראַמע פון איהרען א ברודער, זי זאָל גלייך קומען צופאָהרען. וועגען וואָס,

וועגען וועו, האָט זי אליין ניט געוואוסט. און די „קינדער“ זיינען געבליבען אין א פארצווייפעלטער לאגע... זי אָפּרעדען פון פאהרען, האָבען זיי באדארפט מאָטיווירען פארוואס און צוליב וואס זיי ריידען איהר אָפּ זי זאָל צום ברודער ניט פאָהרען?... האָבען זיי דאָס ניט געקאָנט. דאָס יאָהרצייט ליכט, וואס האָט געברענט נאָך דער מוטער'ס נשמה, האָט ניט דערלאָזט דערצו... און נאָכדעם ווי די איבערראשונג איז אריבער, האָט די עלטערע טאכטער אָנגע־הויבען ארומצוגעהן ארום דעם ענין דיפּלאָמאטיש. זי האָט געזאגט און גע'עצה'ט דער אלמנה, אז זי, די אלמנה, זאָל זיך ניט כאפּעו גלייך פאָהרען, אז זי זאָל זיך פריהער אנפרעגען נאָך וואס דער ברודער רופט זי צו זיך. אויב עפּעס צוליב און וועגען א שידוך, איז ווער איז דער שידוך, אפשר גאר אן אלמן מיט קינדער, טאָ וואס טויג עס איהר, און אויב אן עלטערען אידען, טאָ וואס דארף זי פאהרען אהינצו, קען מען אפשר דאָ אזעלכען קריגען?..

די אלמנה האָט זיך געהאלטען מיט אזא אָנשטעל, ווי זי וואָלט ניט געהערט וואָס מ'רעדט צו איהר. און איינצייטיג האָט מען געקענט דערקענען, אז זי טראכט זיך אריין אין דעם, וואס זי „הערט ניט“. דאָ איז אנגעקומען דער פאָטער, און דערזעהן דער אלמנה, האָט ער מיט אומעט פון אן אָבל צו איהר א בויג געטאָן דעם קאָפּ און גלייך ארויסגענומען פון ספרים־שראנק א משניות און זיך אוועקגעזעצט לערנען מיט א קול דממה דקה א פרק, וואס הויבט זיך אָן מיט די ראשי תיבות פון דער ווייב'ס נאָמען. ער האָט געלערענט ביי דער ליכט פון דעם ברענענדיגען לאָמפּ, וואָס איז געהאנגען איבער'ן טיש, און הינטער זיין פּלייצע — שטיל און טונקעל, ווי ניט צו לייכטען, נאָר צוליב דעם, אז די ליכט זאָל אויסברענען, האָט געברענט דאָס פייערדיגע פלעמעלע אזוי שטיל, בויגעדיג און פאָמעלאך ריהרעוודיג, ווי דאָס פייערל וואָלט גע־פיהלט דעם תענוג, וואָס דאָרטען ביים טיש ווערט געלערענט פאר אימיצען מיט וועמען פייער און ליכט זיינען נאָהענט פארבונדען. און די טעכטער, האָבענדיג זייער פּלאַן וועגען טאטען מיט דער אלמנה, האָבען איינצייטיג וואָס ס'האָט זיי הנאָה געטאָן וואס דער

טאַטע לערענט פאַר דער מאַמע'ס נשמה, אויך גערן געווען, ער זאָל אַ קוק כאַפּען צו דער לעבעדיגער...

— טאַטע — האָט איינע פון די טעכטער געזאָגט צום פאָטער, — שיינע רחל פאָהרט דאָך שוין אַוועק, איז זי געקומען צו אונז זיך געזעגענען.

דעם אַלטען האָבען אָנגעהויבען גליווערען די שפּיץ פינגער פון די הענט איינציימיטיג ווי ער האָט זיך אַזוי האַסטיג מיט אויגען און מיט ברילען אומגעקוקט אויף דער אלמנה, און דאָס האַרץ זיינס און זיין גאַנץ וועזען איז פאַרגאָסען געוואָרען מיט אַ שטומען טרויער.

— וואָס־זשע עפּעס פּלוצלינג, אַ?

די ביי־פערציג יאָהריגע אלמנה, קיילעכדיג, קערפּערדיג און ברוסטיג און וואָס האָט נאָך אָרום און אַרום אויסגעזעהן ווי אַזעלכע, וואָס האָט געקענט צוציהען אַ אידען אין אַזאַ עלטער, וויפיל דער איד איז אַלט געווען און וואָס האָט געוואוסט די ווערט און די שאַץ איהרע, וואָס זי קען האָבען ביי אַזאַ אידען... — זי האָט זיך געפיהלט אַזוי גוט און אַזוי היימליך אין דער פרעמדער שטוב, ווי זי איז דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען געווען. זי האָט מיט אַ באַהאַל־טענעם שמייכעל פון איהר ווייבליכער שליטה אויף דעם עלטערען אידען געקוקט און געזאָגט:

— וואָס וועל איך מיר דאָ דערלעבען, וואָס?

— אַ יאָ, טאַטע, זי דאַרף ניט פאָהרען? — האָט די עלטערע טאָכטער געזאָגט צום טאַטען.

דער אַלטער האָט קיין לשון ניט געהאַט, אָט טאַקע מהאי טעמא, וואָס גראָד איז זי דאָ אָהער אריינגעפאַלען פּונקט צום יאָהרצייט, וואָס ער האַלט נאָך דער צוריק מיט אַכט יאָהר פאַר־שטאָרבענער ווייב... ער האָט זיך עפּעס געשעמט מיט זיין אָנהאַל־טען דעם בונד מיט דער פאַרשטאָרבענער און באַזונדערס מיט דעם, וואָס ער זיצט נאָך און לערענט פאַר איהר נשמה וועגען. ווען ס'וואָלט מעגליך געווען און ווען ס'וואָלט אויסגעקומען ביי עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס, וואָלט ער זיך גערן פאַרענטפערט, אַז ער

איז גאָרניט שולדיג אין דעם, וואָס ער האָלט אָן די יאָהרצייטען נאָך דער פאַרשטאָרבענער ווייב. אז דאָס וואַרפען אויף איהם די טעכטער אָן... דאָ האָט ער זיך געכאַפּט און זיך דערשראָקען פאַר זיינע זינדיגע געדאַנקען און פּונקט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערען פאַר דער נשמה־ליכט, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען מיט די ברילען און אויגען אין משניות אַריין און זיך ווידער פאַר־נומען צו לערנען מיט א קול דממה דקה:

„אמר רב לוי בר׳ לחמא, אמר ר׳ שמעון בן יעקב, לעולם ירגיז אָדם יצר טוב על יצר הרע, שנאמר: רגזו ואל תחטאו״.

די אלמנה האָט זיך געאיילט אוועקצוגעהן, און די טעכטער, ניט האָבענדיג וואָס צו טאָן, האָבען זיך אויך געקליבען צוזאַמען מיט איהר דעם טאַטען און דאָס הויז צו פאַרלאָזען... זיי זיינען דאָ אַריינגעזעסען איבעריגע צייט ווי ביי די פריהערדיגע יאָהרצייטען, מיט אָן אינערליך שווער געפיהל פון עפּעס א גוטען וואונש, וואָס זיי האָבען געהאַט און ניט געקענט איהם אויספיהרען און וואָס דער טאַטע וועט אפילו ניט וויסען, אז זיי האָבען באַגעהרט א וויכטיגע זאַך, ווי איהם חתונה צו מאַכען, געוואָלט באַלוינען... און ווען די אלמנה האָט דעם אַלטען די האַנט געגעבען פאַר׳ן אוועקגעהן און זיך געזעגענט מיט איהם צום אוועקפאָהרען, האָט די מיטעלסטע טאָכטער אַרויפגעלייגט די האַנט צום טאַטען אויפ׳ן אַקסעל און געזאָגט:

— זי פאָהרט נאָך ניט ביי אונז, טאַטע. מיר וועלען זי ניט לאָזען פאָהרען!

דער אַלטער האָט גאָר ניט געענטפערט. א שטומער וועהטאָג פון עלטער און איינזאַמקייט האָט געפרעסט דאָס גאַנצע וועזען זיינס... ער האָט בחוש געפיהלט, אז עפּעס גליטשט זיך פאַרביי איהם, פון אונטער די הענט אַרויס, און אז שולדיג אין דעם זיינען די טעכטער און אָט דאָס יאָהרצייט־ליכט.. אז אַלעס האָט זיך אַזוי באַדאַרפט צונויפטרעפען אין איינעם, אז ס׳איז אוממעגליך איינ־צוהאַלטען אָט דאָס, וואָס פון זיינע הענט גליטשט זיך אַרויס...

— פאָהרט געזונט, זייט מצליח — האָט דער אלטער געזאגט מיט א ציטעריג קול...

און געבליבען אליין, האָט דער אלטער זיך פארנומען מיט א נייַ קול צו לערנען משניות. ער האָט געלערענט נאָך דער טויטער ווייב, און געטרויערט נאָך דער לעבעדיגער אלמנה, וואס האָט זיך אָפּגעריסען און אוועק פון איהם אויף אייביג. פונקט ווי יענע, די ווייב, מיט איהר טויט, אזוי איז די לעבידיגע מיט איהר לעבען אוועק...

„אמר רב אלעזר, כל הקורא קריאת שמע על מטתו כאלו אוחז חרב של שתי פיפיות בידו״...

ער האָט געלערענט משניות נאָך דער פארשטאָרבענער ווייב און געוויינט מיט טרערען נאָך א לעבעדיגער...

# א צופּאַל.

ענדליך, ענדליך נאָך לאַנגער, אומגעדולדיגער וואַרטעניש, נאָך אָנדערהאַלבען מעת־לעת צעהלען די סטאַנציעס און די שעה'ן, וויפיל איך בין אָפּגעפאָהרען און וויפיל איך האָב נאָך צו פאָהרען — איז ענדליך די באַהן שטעהן געבליבען אין דער באַוואוסטער סטאַנציע, וואָס ווערט אָנגערופען מיט'ן זעלבען נאָמען וואָס מיין שטעדטעלע הייסט. אַזוי ווי די באַהן האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי האָט זיך געלאָזט הערען צוויי קלונגען — א סמן, אַז די סטאַנציע איז א קליינע און אַז דער צוג וועט דאָ לאַנג ניט שטעהן — און א פרייד האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע וועזען מיינס, ווען איך האָב טאַקע גלייך דערהערט דורך די פאַרמאַכטע פענסטער, ווי איינער א קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופען דעם נאָמען פון מיין שטעדטעל — דעם נאָמען פון מיין געבורט־שטעדטעל, פון וואַנען איך בין שוין צו יענער צייט געווען אָפּגעריסען ביי אַכצעהן יאָהר. איך האָב נאָך פריהער ווי די באַהן האָט זיך אָפּגעשטעלט, געווישט דעם שוויים פון מיין פענסטער און א צווייטען מאָל זיך איינגע־קוקט אין דער פינסטערניש, געוואָלט עפּעס כאַפּען, עפּעס, עפּעס... כאָטש איך האָב געזעהן, אַז די אַרבייט מיינע איז אומזיסט, אַז מ'קען אין אַזא פינסטערער נאַכט גאָרניט זעהן. איך האָב נאָר געזעהן, ווי עס שפּרייט זיך אַן אומענדליכע ווייסקייט, מיט א טונקעלען סילועט פון א בוים, דאָ און דאָרט, און ערטערווייז זיינען פיל ביימער געשטאַנען צוזאַמען און האָבען אויסגעזעהן ווי בערג פון געדיכטער פינסטערניש אויסגעזעצט אויפ'ן ווייסען שניי... יאָ, איך האָב טאַקע גאָרנישט געזעהן, אָבער אין דער פינסטערניש האָב איך אָנגעטאַפּט עפּעס היימליכעס... אָט די פינסטערניש און דער

אומעט, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף די פעלדער, נאָהענט צו מיין שטעדטעל, האָט זיך מיר געדאכט, איז מיינע א נאָהענטע, מיינע א היימישע פינסטערניש און זי איז מיר געווען צום הארצען... צייטענווייז און מאָמענטענווייז האָט זיך מיר געדאכט, אז אָט־אָט האָב איך מיט מיין בליק דערטאפּט און אין דער פינסטער דער־קענט עפּעס באקאנטעס, אָבער פון לאנגער אפּגעריסענקייט פון מיין שטעדטעל און פון דער געגענט ארום, דערקען איך עס ניט, אָט דאָס וואָס איך דערקען...

איינס און צוויי און דריי אראָפּגעוואָרפען אויף דער פּלאַט־פאָרמע מיינע דריי פּעק, וואָס איך האָב געפיהרט מיט זיך. איך האָב מיט זיך געפיהרט דאָס גאנצע פארמעגען מיינס, וואָס איך האָב פאר די אכטצעהן יאָהר וואס איך האָב פארלאָזט מיין שטעדטעל אָנגעקליבען — און גלייך האָבען זיך דערהערט דריי קלונג, א קאָנדוקטאָר האָט א פייף געטאָן און דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך גלייך אָפּגערופען מיט א גרילצענדען קוויטש, און ערגעץ אין אומבאשטימטקייט פון ברייטקייט און פרייען שטח האָט אָפּגע־ענטפערט אן עכאָ. דער לאָקאָמאָטיוו האָט א דרעה געטאָן מיט די רעדער און גלייך האָט זיך דערהערט א קלונג פון די טשוגונענע בופערס, וואס האָבען זיך אָנגעקלאפּט איינס אין דאָס אנדערע און אויף א מאָמענט שטעהן געבליבען — און אוועק.

ווען איך בין מיט מיינע פּעק פון באהן אראפּ, האָב איך באמערקט, ווי פאָראויס צום וואָקזאל־צו געהען צוויי פּארשוין — איינער א ברייטער אין א לאנגער סוחרישער בורקע און פאָראויס, מיט א פאָר טריט פריער, איז געגאנגען אן אָנגעפּעלצטער פּארשוין, וואָס האָט געטראגען א רייזע־טאַש און א בייטש. פארשטאנען, אז דאָס איז דער בעל־עגלה און אז דער רייזע־טאַש געהערט צו דעם מענשען, וואָס שלעפּט זיך אין מאסיווער שווערקייט און אין אומבאקוועמליכקייט פון דעם שווערען, לאנגען און ברייטען ווינ־טערדיגען מלבוש.

איך האָב צו איהם א געשריי געטאָן, צו דעם בעל־עגלה און ער האָט מיר געענטפערט, אז ער קומט שוין ארויס צוריק. און ווירק־

ליך, גאר אין א קורצער צייט ארום, האט ער זיך באוויזען, טאקע ווידער אמאל מיט דער בייטש אין האנט און מיר פארקוקט אין פנים אריין און א זאג געטאן :

— ניט קיין היגער ? ...

נאך פאהרענדיג אין באהן, האב איך אנגענומען א פעסטען באשלוס, אז איך זאל אריינפאהרען אין שטעדטעל אריין ווי א פרעמדער, אז קיינער זאל ניט וויסען צו וועמען איך פאהר און מ'זאל ניט וויסען ווער איך בין און אפילו ווען איך וועל אריין צו מיין ברודער אין שטוב אריין, זאל איך אויך אריין ווי א פרעמדער, ז'ך פארשטעלען פאר אן אנדערען. בקיצור, אזוי לאנג ווי ס'וועט מעגליך זיין, זאל מיין ברודער און מיין שוועגערין ניט וויסען, אז דאס בין איך, זיין ברודער און איהר שוואגער, און די קינדער (מסתמא האט ער דאך קינדער) זאלען ניט וויסען, אז ביי זיי אין שטוב געפינט זיך זייערער א פעטער, און דערפאר האב איך שוין אנגענומען די ערשטע פארזיכטיגע שריט און ניט געענטפערט דעם בעל־העגלה אויף זיין פראגע, צו וועמען איך פאהר.

— איך וועל אייך דארטען, אז מיר וועלען קומען אין שטעדטעל, זאגען. — און א פרעג געטאן :

— מה יקר ?

און דא האב איך מיר אויפ'ן ארט איבערצייגט, אז די מעשה קאסט מיך שוין טייערער מיט א פאר גילדען. מיינענדיג, אז איך בין א פרעמדער, האט ער מיר געזאגט, אז אין שטעדטעל אריין איז דא אכטצעהן ווערסט צו צופאהרען, און, ווי איך האב געדענקט, האט עס מעהר ניט באדארפט זיין ווי א צוועלף ווערסט, און, פארשטעהט זיך, געבעטען אזא פרייז, וויפיל מען דארף נעמען פאר אכטצעהן און ניט פאר צוועלף ווערסט.

מילא, בקיצור, מיר האבען זיך אויסגעגלייכט און ער האט גענומען צוויי פעקלאך און איך איין פעקעל, אדורכגעשניטען דאס וואקזאלכעל און ארויסגעהענדיג פון יענער זייט וואקזאל, האב איך דערהערט, אז עס לעבען דארטען און אטעמען מיט ווארימקייט און מיט פארע א פאר פערד און אויבען אויפ'ן וואגען האב איך

קוים געקענט אויסטיילען פון דער פינסטערניש און קוים דערקענט, אַז דאָרטען זיצט אַ פּאַרשוין.

— דו וועסט זיך אמאָל אויסריכטען, צי ניין ? — האָט דער פּאַרשוין געפרעגט ביים בעל־העגלה.

דער בעל־העגלה האָט איין פּעקעל נאָכ׳ן צווייטען אריינגע־וואָרפען אין וואָגען אריין, און דער פּאַרשוין האָט זיך צושריען :

— הער נאָר, דו, טאָמער וועסטו מיר אָנלייגען די פּעק אויף מיינע פיס, וועל איך דיך אראפּשמייסען מיט זיי אינאיינעם.

ניט זעהענדיג דעם פּאַרשוין, האָב איך גלייך דערפיהלט אַ ניט אנגענעמען געפיהל צו איהם. איך האָב זיי גוט געקענט, אָט דעם טיפּ פּאַרשוינען, וואס אַז זיי זעצען זיך אריין אין אַ וואָגען אָדער אין אַ שליטען, וואָלטען זיי געוואָלט אַלע באַקוועמליכקייטען פאר די פּאָר גילדען זייערע, וואס זיי צאָהלען... דערצו, ווען איך האָב איהם געזעהן, זיך שלעפּען אין דער בורקע, האָב איך געזעהן, אַז דאָס איז עפּעס אַ חשוב אַ איד, ווייל ער איז אַן אָפּטער רייזענ־דער און מאכט גליקליך דעם בעל־העגלה וואס ער גיט איהם אָפּט צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשען. דערצו האָט זיך עס דאָך געהאנ־דעלט וועגען מיינע פּעק, ער זאָגט, אַז ער וועט מיינע פּעק אראָפּ־שמייסען.

דער בעל־העגלה האָט זיך דאָרטען אַ לענגערע צייט געפּאָרעט אין דער פינסטער, נאָכהער האָט ער מיך אונטערגעהויבען און האָט מיך אוועקגעזעצט נעבען דעם פּאַרשוין, וואָס האָט זיך קאפּריזנע געגעבען אַ הויב און אַ זעץ אראפּ און איז הארט געבליבען לעבען מיר זיצען און האָט זיך געשאָרט אַ לענגערע צייט מיט די פיס, געשאָרשקעט מיט׳ן היי, וואָס האָט איינגעדעקט די פיס ביז די קני. עפּעס אַלץ געוואָלט פאר זיך מעהר באַקוועמליכקייט. און איך, דערפיהלענדיג פון ערשטען מאָמענט אַ שלעכט געפיהל צו איהם, האָב איהם אויף צו׳להכעיס ארויפגעשטעלט מיינעם אַ פוס אויף זיינעם און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן און מיט אַ פאַרדראָ־סיגען טאָן געזאָגט :

— ווינציג פּלאַץ איז דאָ? איהר מוזט האַלטען אייערע פיס אויף מיינע?

דער בעל־העגלה האָט זיך דאַרטען געפּאָרעט ביי די פערד, עפּעס צוגענומען פון זיי אין אַ זעקעל, עס אריינגעוואָרפען אין וואָגען אריין און איך האָב געהערט ווי פערדישע ציין האָבען איינס נאָך דאָס אַנדערע זיך אַ ריב געטאָן אָן אייזען, און האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער אריינגעלייגט די ציימלאַך די פערד אין די מיילער אריין. ענדליך האָט ער זיך אליין באַזעצט, אַ צמאָק געטאָן און פערד און וואָגען האָבען זיך פון אָרט גערוהרט. איך האָב נאָך אַלץ ניט געזעהן דאָס, וואָס עס האָט זיך גערוהרט און אויך מיין שכן, וואָס איז האַרט נעבען מיין זייט געזעסען האָב איך ניט געזעהן. איך האָב איהם נאָר געפיהלט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז ברוגז אויף מיר און דערפאַר, ווייל מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז ברוגז אויף מיר בין איך שוין אויף איהם ברוגז געוועזן.

אָפּגעפאָהרען אַ פופצעהן־צוואַנציג מינוט זיינען מיר אריינגעפאָהרען אין וואַלד אריין. נאָך פון ווייטען, נאָך איידער מ'איז אריינגעפאָהרען אהינצו, האָב איך געהערט אָט דאָס שטילע רויש פון איהם, דאָס גערויש פון זיין עקזיסטענץ, פון זיין וואַלדיגער שטילקייט און ס'האָט מיר דערמאָנט, אַז דאָס זעלבע גערויש הערט מען ביי אַ ים אפילו דעמאָלט, ווען דער ים איז רוהיג. עפּעס אַ מין אומרוהיגקייט פון רוהיגקייט און פון שטילקייט. אריינגעפאָהרען אינוויינג איז די לופט עפּעס אַזוי ווי פאַרטויבט געוואָרען, פאַרשטעלט און פאַרשטיקט פון אַלע זייטען, אַזוי ווי מ'וואָלט אריינגעפאַלען אין אַן אומענדליכען קאָרידאָר, וואָס האָט זיך אריינגעשניטען אין דער פינסטערניש און איז אליין נאָך פינסטערער. דער וואָגען האָט זיך וואָס ווייטער טיפער אין וואַלד אריינגעשלעפּט און אַלץ שטאַרקער געטרייסעלט און אויפגערודערט די שטילקייט אין וואַלד.

דער בעל־העגלה האָט געוואָרטשעט ניט צופרידען מיט'ן שלעכטען וועג און מיט'ן שניי, וואָס ליגט און ווערט ניט פאַרפראָרען און ס'איז ניט אהער און ניט אהין; מ'קען ניט פאָהרען ניט

מיט קיין שליטען און ניט מיט קיין וואָגען. דער שכן מיינער האָט פון צייט צו צייט ווען דער וואָגען האָט א שטאַרקען שפּרונג געטאָן, עפּעס אזוי ווי א שטילען שלוקערץ געטאָן און האָט זיך א וואַלגער געטאָן מיט זיין מאסיווער שווערקייט, און מיר איז איינגעפאַלען, אז ער טוט עס בכיון, אָט דער איד, ווייל וואָס וואָרפט עס איהם עפּעס אַלץ אין מיין זייט אריין? און וואָס ווייטער מ'איז געפאָהרען אַלץ שווערער און דריקענדער האָב איך געפיהלט דאָס אָנלעהנען זיך פון זיין קערפּער אויף מיר, ביז איך האָב איהם געזאגט:

— זייט אזוי גוט, ר' איד, רוקט זיך אָפּ א ביסעל.

דער איד האָט זיך אויף מיר צושריען:

— ווער זייט איהר עס, פּריץ מיינער? פון וואַנען קומט איהר, פון פּייטערבארג?

איך האָב א געשריי געטאָן צום בעל־העגלה ער זאָל מיר ערגעץ געבען אַן אָרט נעבען זיך, אַניט בין איך ניט ערוב, אז איך וועל אָט דעם אידען ניט אראָפּשלײדערען פון וואָגען.

דער בעל־העגלה איז אראָפּגעשפּרונגען פון וואָגען און אונז ארומגעטאפּט, געטאַפּט, גערעדט און ניט פארשטאַנען וואָס צווי־שען אונז קומט אזעלכעס פאַר. ביי איהם פאָהרט מען אַלע מאָל אין דרייען אָט־דאָ, וואו מיר זיצען, און איצט אין צווייען, טאָ פאַרוואָס קענען מיר ניט אויסקומען?

ער האָט אונטער מיר צורעכט געמאכט דעם אָרט און אונטער'ן אידען, ארונטערגערוקט דאָ און דאָרט היי און צווישען אונז געמאכט א מחיצה: ארייגעפּאַקט צווישען אונז א הארטען קנויל היי און אָפּגעטאָן דאָ, וואָס ער האָט געמיינט, אז ס'איז גוט פאַר אונז, האָט ער געזאגט:

— ס'וועט שוין גוט זיין!

און איז אוועק פון אונז און איז ארויף אויפ'ן וואָגען.

דער בעל־העגלה האָט ווירקליך בעסער געמאכט, וואָס ער האָט צווישען אונז אריינגעשפּאַרט א הארטען קנויל היי און אונז אויף אזא אופן צושיידט. ס'האָט נאָר דערקוטשעט אביסעל וואָס ס'האָט געקוועטשט אָט דער קנויל אונטען ביים געזעס און ס'האָט

לאנג ניט געדויערט און איך פיהל, ווי דער איד זיצט מיר ווי אויף הייסע קוילען. א ווארטשע געטאן איין מאל און א צווייטען מאל, האט ער זיך פלוצלינג געגעבען א בויג אפ אן א זייט און ארויס־געשלעפט דעם קנויל היי און איהם געווארפען דעם בעל־העגלה אין קאפ אריין.

— נא דיר, א קולבע מיר אריינגערוקט אין זייט אריין!

דער בעל־העגלה האט זיך ניט ווישענדיג און ניט הערענדיג געמאכט און עפעס גענומען מורמלען אונטער'ן נאז, געכוואשטשעט מיט דער בייטש איבער די צוויי פיר־פיסיגע באשעפענישען, וואס האבען געקוואקטשעט אין בלאטע און אין גריבלאך, וואס איז געווען פון אויבען פארשאטען מיט שניי. פלוצלינג האט דער בעל־העגלה א זאג געטאן:

— טיע, איך וועל אייך דערצעהלען א שעהנע מעשה.

די מעשה איז געווען זעהר א לאנגע. ס'הייסט, די מעשה אליין איז געווען גאר א קורצע, אבער ער האט זי שטארק צוצויגען, וועל איך זי דערפאר ניט איבערגעבען מיט זיין שפראך, נאר איבערגעבען דעם תמצית פון איהר, וואס איז אין דער ווירקליכקייט גאנץ אינטער־רעסאנט, אלענפאלס פאר מיר דעמאלט. א מעשה מיט זיין בהמה און מיט'ן סטעפאניער רבי'ן, וואס איז פונקט צו דער צייט, ווען די בהמה איז פארפאלען געווארען, אין שטעדטעל געווען. ער איז אוועק־געלאפען צום רבי'ן, אוועקגעלעגט א קוויטעל מיט א בקשה צום רבי'ן, אז ער, דער רבי, זאל איהם פארהאקען די בהמה זיינע (פארהאקען מיינט, זי זאל ווייט ערגעץ ניט פארקריכען). האט דער רבי צוגענומען דאס קוויטעל מיט'ן פדיון און געזאגט: „געה! די שטומע צונג וועט פארהאקט ווערען". דערווייל איז אוועק איין טאג און א צווייטער — די בהמה איז אלץ ניטא. האט ער זיך פונדעסטוועגען ניט געוואלט פארלאזען אויף נסים און ער מיט זיין „סינאק" זייגען אוועק אין וואלד אריין און געגאנגען, און געגאנגען, און געקראכען, און געקראכען אלץ טיפער און טיפער, אזוי לאנג, ביז זיי האבען דערזעהן:

— זאל איך אזוי זיין א טאטע צו מיינע קינדער, ווי איך

האָב דערזעהן די בהמה מיינע שטעהן אויף די קני פון איהרע פאָדערשטע פיס און ארונטערגעבויגען דעם קאָפּ און מיט איהרע הערנער האָט זי געהאַלטען צוגעקוועטשט א פיין וועלפּעלע, טאַקע א וואָלף, האָט איהם צוגעקוועטשט צו א בוים. דער וואָלף איז שוין געווען טויט, ס'האָט שוין געאויר'ט פון איהם און די שטומע צונג וואָלט איהם נאָך געהאַלטען און געהאַלטען מיט די הערנער, ביז זי וואָלט אַליין אָוועקגע'פּגר'ט.

— וואָס־זשע דערצעהלט איהר דאָ, א מופת פונ'ם רבי'ן, צי דעם מופת פון דער בהמה?

איך האָב באמת גאָר ניט געדענקט אָפּצושפּעטען פון רבי'ן, איך האָב עס גאַנץ נאאיוו א פרעג געטאָן. און כך הוה, דער איד איז אויף מיר אָנגעפאַלען:

— דו שייגעץ איינער, דו הולטיי דו! ווי סמייעסטו צו מאַכען ליצנות פונ'ם רבי'ן?! וועסט קומען אין שטאָדט אריין, וועט מען דיך מחרים זיין, עוקר מן השורש זיין! הולטיי איי־נער, אזעלכער!

ווען איך וואָלט ניט געווען אָנגעצויגען פון פריהער אויף איהם, וואָלט איך איהם געווען פארשוויגען. איך האָב געקאָנט באַנעמען, ווי א איד א חסיד קען ווערען מלא חימה, ווען מען רעדט אזוי וועגען זיין רבי'ן. אָבער אזוי ווי איך האָב שוין פון פריהער געהאַט פארדרוס אויף איהם, האָב איך איהם אָנגע־כאַפּט ביים גרויסען קאַלנער פון זיין בורקע, וואָס איז געווען אויפגעשטעלט ווי א וואַנט אריבער'ן קאָפּ, איך האָב מיט איהם א טרייסעל געטאָן און איהם מזהיר געווען:

— רב איד, אויב איהר וועט באַלד ניט פארמאַכען דאָס מויל אייערס, אזוי פליהט איהר ביי מיר פון וואָגען אראָפּ!

ס'האָט געהאָלפען: דער איד איז אנשוויגען געוואָרען, איז דעם גאַנצען איבעריגען וועג געזעסען שטיל און רוהיג. א פּאָר מאָל נאָר האָט ער צוגעכאַפּט דעם פוס זיינעם, וואָס האָט זיך אָנגעריהרט אָן מיינעם... ס'האָט מיר די גאַנצע מעשה זעהר שטאַרק פארדראָסען. איך האָב זיך געטראַכט: צום טייפעל!

ווען ער וואָלט געוואוסט, אז איך בין זיינער א בן־עיר און אז איך האָב דאָרטען א ברודער, ווער ווייסט, אפשר נאָך א פאר־נעהם אין שטאָדט וואָלט דאָך צו די אַלע אומאנגענעהמליכקיי־טען ניט געקומען.

ענדליך האָט דער וואלד אָנגעהויבען צו ווערען שיטערער און דאָ האָב איך דערקענט, דערנעהנטערען מיר זיך צום שטעד־טעל. דאָס הארץ האָט מיר אָנגעהויבען צו קלאַפּען: אָט, אָט, נאָך א צעהן, פופצעהן מינוט וועל איך זיין אין מיין געבורט־שטעדטעל, פון וואַנען איך בין שוין אכטצעהן יאָהר, כמעט נאָך אַלס א קינד, אָפּגעפאָהרען און אָט באַלד וועל איך זיך זעהן מיט מיין ברודער, מיט מיין עלטסטען ברודער, וואָס איז עלטער פון מיר מיט אזוי פיל יאָהרען, אז ער וואָלט געקאָנט האָבען אזא קינד אזוי ווי איך (און אפשר האָט ער טאקע, האָב איך גע־טראַכט). פון צייט צו צייט האָט זיך ערגעץ פון ווייט און פון נאָהענט געלאָזט הערען א קרעה פון א האָהן, איז זיך פארגאַנ־גען אין נאַכטיגען אומעט, ווי ער וואָלט געקלאָגט אויף דער נאַכט און אויף דער פינסטערניש און שפּעטער האָט זיך, איינס נאָך דאָס אנדערע, אָנגעהויבען צו באַווייזען איין הויז נאָך א צווייטער און יעדעס הויז פאר זיך האָט אויסגעזעהן ווי א שטיק געדיכטער אומעט, ארומגערינגעלט און באַשאָטען מיט דעם ווייסען פוכקען אָסיענדיגען שניי. פון איינִיגע לאָדענס האָבען זיך דורך די שפּאַלטען אדורכגעשלאָגען ליכטיגע פאַסען און ס'האָט זיך גע־דאַכט, אז דאָ און דאָרטען שטעהען אזעלכע דורכזיכטיגע ווי פון נעבעל געוועבטע ווענטלאַך.

— צו וועמען ווילט איהר צופאָהרען? — האָט דער בעל־העגלה ביי מיר א פרעג געטאָן.

— איהר וועט מיר צופיהרען צו לייזער'ן.

— צו וואָסער לייזער'ן? — האָט דער בעל־העגלה גע־פרעגט און איינצייטיג האָב איך דערפיהלט ווי מיין שכן האָט זיך א וואָרף געטאָן.

— צו לייזער שיינפעלד.

— וואָס קעהר ער זיך אָן מיט אייך, אָט דער לייזער שיינ־פעלד? — האָט דער שכן ביי מיר א פרעג געטאָן און איך האָב איהם אָפּגעענטפערט:

— וואָס איז אייער עסק?

— איך בין לייזער שיינפעלד.

— — — — — — — — — — —

יאָ, דאָס איז געווען מיין ברודער און ווייטער לאָז איך איבער פאַר די לעזער און לאָז זיך יעדערער טראַכטען וואָס ער וויל וועגען דעם, וואָס ווייטער איז פאָרגעקומען...

# די ירושה.

די מאמע מיינע ע"ה איז געלעגען געוואָרען ניט מעהר ווי איין מאָל אין יאָהר און דער טאטע מיינער ע"ה איז געלעגען גע־וואָרען צוויי און אמאָל דריי מאָל אין יאָהר מיט... ציין. מיט איין חילוק נאָר, וואָס אז ווען די מאמע איז געלעגען צו קינד, האָבען די קרעכצען און געשרייען געדויערט עטליכע שעה און ביים טאטען האָבען זיך די „חבלי לידה" געצויגען וואָכען און חדשים, ביז דער צאָהן זיינער האָט זיך אויף דער ליכטיגער וועלט באַוויזען...

איך געדענק ווי אַלע מאָל, ווען ער איז געקומען פון פעלד־שער מיט'ן אויסגעריסענעם צאָהן האָט ער אונז (זיינע קינדער) דעם אויסגעריסענעם צאָהן באוויזען, פונקט אזוי ווי די מאמע האָט אונז באוויזען דאָס קינד איהרס, וואָס זי האָט נאָר וואָס געהאט. יעדעס קינד האָט פאר זיך דעם צאָהן באטראכט, און איך, דער עלטסטער, האָב איהם גענומען צווישען צוויי פינגער און עפּעס מאָדנע געפיהלט האַלטענדיג און באַטראַכטענדיג אָט דעם ביינערדיגען נפש, וואָס האָט געהאט ארום זיך שטיקלאך פארבלוטיגטע פלייש. איך האָב געקוקט אויף איהם מיט צו־פרידענהייט וואָס ער איז שוין ארויס פון טאטענ'ס מויל און געוועזן פיל צופרידענער מיט איהם ווי מיט דער מאמע'ס א קינד. יאָ, פיל אָנגעלעגטער ווייל אזוי לאַנג ווי דער טאטע האָט זיך ארומגעטראָגען מיט דעם צאָהן אין מויל, איז אין שטוב ביי אונז א פּשוט'ער גיהנום געוועזן. דער טאטע איז תמיד געוועזן אויפ־גערעגט און בייז און מיר, קינדער, האָבען ניט געטאָרט קיין פּיפּס טאָן. ער איז ניט געוועזן קיין שלעכטער, נאָר אָט די שטענ־

דיגע יסורים פון די ציין זיינע האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ בייזען און אַ שלעכטען. איך ווייס ניט אויף וויפיל ער אַליין איז געווען צופרידען מיט׳ן אויסגעריסענעם צאָהן, נאָר איך בין כמעט אַזוי גליקליך געווען, פיל גליקליכער ווי ווען די מאַמע איז געלעגען געוואָרען. איך האָב געוואוסט, אַז מיר וועלען שוין קענען אַ געוויסע צייט, ס׳הייסט ביז ס׳וועט איהם אָנהויבען וועה־טאָן אַ נייער צאָהן, פריי כאַפּען דעם אָטעם און זיך קענען ערלויבען אַ שמייכל טאָן, כאָטש ס׳האָט ניט איין מאָל געטראָפען, אַז היינט האָט ער ארויסגעריסען איין צאָן און אויף מאָרגען זאָל אָנהויבען וועה־טאָן אַ צווייטער. אָדער אפשר האָט ער נעכטען אויך וועה געטאָן, נאָר דער טאַטע אַליין האָט עס ניט געקענט פיהלען, ווייל ער האָט געהאַט אַן ערגערען, וואָס האָט ערגער וועה געטאָן. דאַמאָלסט, פאַרשטעהט זיך, האָט ביי אונז, קינדער, די שמחה לאַנג ניט אָנגעהאַלטען און איך האָב שוין ווידער אָנגעהויבען ארויסצוקוקען אויף אַ נייעם געבורט פון טאַטענ׳ס אַ צאָהן...

צונויפלעגען צוזאַמען די טעג און די וואָכען, וואָס מיין טאַטע פלעגט ארומגעהן מיט פאַרבונדענע באַקען, קען איך אויף זיכער זאָגען, אַז אַ האַלב יאָהר פון יאָהר איז ער ארומגעגאַנגען אַ פאַרבונדענער מיט אַ פאַטשיילע, וואָס איז אויבען אויף דער מיט קאָפּ הארט און שטייף געווען פאַרקניפּט און פאַרבונדען מיט צוויי קניפּען הארטע ווי שטיינדלאַך, און די צוויי הארטע קניפּען האָבען עס ארויסגעסטאַרטשעט פון היטעל ארויס ווי אַן איי וואָלט איהם אויפ׳ן קאָפּ אונטער׳ן היטעל געלעגען. פון דער באָרד פון זיינער איז אַ תל געוואָרען. אינגאַנצען פאַרבויגען ארונטער, און ווי אַ שוואַרץ ברעטעל האָט זי זיך שטייף צונעג־שפּאַרט צום האַלז. ס׳איז געווען אַ גרויס רחמנות צו קוקען סיי אויף דער באָרד און סיי אויפ׳ן האַלז. עס האָט זיך באַ־קומען אַזאַ איינדרוק, אַז די באָרד איז קיין באָרד ניט און אַז דער האַלז איז קיין האַלז ניט.

איצט, אַז איך בין שוין צום שכל געקומען, פאַרשטעה איך

אז כ'איז אַ סברה, אז ס'האָט איהם גאָר אַלע מאָל דער גאַנצער מויל ציין וועה געטאָן, אָדער אויף זיכער אַ צוויי־צעהנדליג, נאָר אַזוי ווי איינער האָט אַלע מאָל מעהר וועה געטאָן ווי די אַלע איבעריגע, איז דערפאַר האָט ער געפיהלט דעם וועהטאָג נאָר פון איינעם. ס'הייסט, פון דעם, וואָס האָט וועה געטאָן מעהר פון אַלע, און אַרויסגעריסען דעם, איז באַלד געווען אַ קאַנדידאַט... דאָס איז נאָר אַ סברה, איך וויל ניט, אַז דענ־טיסטען זאָלען מיר פאָרוואַרפען, אַז איך בין אַ באור דאוריתא...

ווי געוועהנליך, אָדער ווי ביי אַ געוויסען טייל מענשען, וואָס ליידען פון ציין־שמערצען, האָט זיך אויך ביים טאַטען אָנגעהויבען דער וועהטאָג פון אָנהויב אין אַ לייכטערער פאָרמע און ער פלעגט זיך באַנוצען מיט לייכטע מיטלען, ווי אַ שטיינער, אָנבלאָזען אַ באַק מיט רויך פון אַ שטאַרקען סיגאַר אָדער נעמען אַביסעל ניינציגער און האַלטען דעם קאָפּ אָן אַ זייט און דער ניינציגער שרף האָט געברענט דעם גאַנצען זייט ציין מיט די יאַסלעס, מיט דער באַק און אַ האַלבע זייט צונג און געהאַלטען דעם ספּירט אַזוי לאַנג ביז ער איז דאָרטען אין מויל וואַסער געוואָרען און שוין גאָר מיט אַ נידעריגען גראַדוס אַלקאָהאָל איהם אויסגעשפּיגען. אַמאָל האָט מען אויך געפּרואווט צושטויסען אַ קנאָבעל מיט פּעפּער און צולייגען און נאָך און נאָך פּאַרשי־דענע היימישע מיטלען, מ'האָט אַלעס געטאָן און אַלעס געלייגט וואָס יעדע אידענע איז געקומען און געזאָגט, אַז מ'זאָל צוליי־גען, און אַזוי איז דאָס דער טאַטע מיינער נעבאַך ארומגעגאַנגען חדשים און ס'האָט כסדר געשמעקט פון איהם מיט ספּירט און מיט קנאָבעל. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען טעג און וואָכען פון אמת'ע וועהטאָגען און מען האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו באַנוצען מיט מעהר ראַדיקאַלע מיטלען. איינער פון די ראַדי־קאַלע מיטלען איז געווען פּאַרוואוקעס. געטאָן געוואָרען איז עס אויף אַזאַ מין אופן: די מאַמע האָט אָנגענאָסען אַ טאָץ מיט זודיגע וואַסער און האָט דעם טאַטען איבער'ן קאָפּ אַריבערגע־וואָרפען אַ דיקע שאַל. נאָכהער האָט די מאַמע אַריינגעוואָרפען

אין דער הייסער וואסער איינעם אָדער צוויי אָנגעגליהטע שטיינער און דאָס וואסער האָט ווי א גיהנום קעסעל אָנגעהויבען צו קאָ־כען און צו ברויזען מיט אזא קראפט, אז דאָס וואסער איז גע־שפּרונגען פון דער טאָץ ארויס און גענעצט און געליאפּעט אונ־טער דער שאַל, וואו ס'האָט זיך געפונען דעם טאטענ'ס פּנים אָנ־געבויגען איבער דער טאָץ מיט א צועפּענט מויל און דורך דעם האָט עס באַדאַרפט קומען די רפואה, און ווען דער טאטע האָט זיך אויסגעשיילט פון דער שאַל ארויס איז דאָס פּנים זיינס געווען אין גאַנצען נאַס און רויט און די אויגען זיינען געווען מיט בלוט פאַרגאָסען. און, ארומגעווישט זיך דאָס פּנים, איז ער ווי א הורג געפאַלען אויף דער קאַנאַפּע, זיך אויסגעצויגען און אנשלאָ־פען געוואָרען אזוי ווי נאָך א באָד.

יאָ, דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע אויסגעפּרובירטע מיטעל און נאָכדעם, האָב איך געוואוסט, וועט ער שוין מוזען אָנ־קומען צום פעלדשער, וועלכער האָט פון היילען ציין ניט גע־וואוסט, נאָר פון רייסען ציין... דאָס איז געווען דער זעלבער פעלדשער, וואָס האָט געשטעלט טרוקענע און „נאַסע" באַנקעס אין באָד, וואָס האָט אויסגעברענט די לופט פון די באַנקעס מיט א פלאַמענדיג ריטעל איינגעטונקט אין קעראָסין, וואָס אין דער צייט, ווען ער האָט אָט דאָס פלעמעל א שטעק געטאָן אין דער באַנקע אריין, איז די גאַנצע באַנקע פאַררויכערט געוואָרען און אריינגעסמאָקטשעט אין זיך א שטיק פלייש (ווען געהאַקטע באַנ־קעס — פלייש מיט בלוט). איז דאָס שוואַרצע גלעזעלע געבלי־בען פאַרגליווערט מיט א שוואַרצען גלאַנץ און ס'האָט זיך גע־דוכט, אז די גאַנצע פלייצע איז באַשאָטען געוואָרען מיט אויגען אזעלכע שוואַרצע, גלאַנציגע, וואָס זאָפּען דאַרטען אין זיך אריין בלוט און נאָכדעם, נאָך יעדער באַנקע, וואָס איז אָפּגעריסען גע־וואָרען, האָט זיך געגעבען א גאָס איבער דער פלייצע א שוואַרץ־רויטליך ביסעל בלוט. אָבער דאָס געהערט ניט צום ענין און איך בעט איבער דעם ליבען לעזער און דער ליבער לעזערין, וואָס איך בין פאַרקראָכען אָן א זייט, וואָס איך בין פון ציין אריבער

צו באַנקעס. ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, דערמאַנענדיג זיך אָן דעם בילד און וויל זיך טיילען מיט'ן לעזער, און זאָל ער אויך הנאה האָבען, איך מיין פונ'ם פעלדשער און פון זיינע טרוקענע און נאַסע באַנקעס...

יאָ, דרך אגב (איהר וועט שוין מיר במילא מוחל זיין, און אויב ניט, ארט מיר אויך ניט), דער פעלדשער האָט נאָך אַ זאַך געקענט טאָן, אָפּסקראָבען אַ בערדעל... יאָ, ס'האָבען זיך שוין דאַמאָלט געוויזען בחורימ'לאַך אָהן בערדלאַך, און ניט די פרומע טאַטעס זייערע און ניט אַנדערע פרומע אידען און גאַטספאָרכ־טיגע ווייבער האָבען ניט אָנגעהויבען צו וויסען ווער ס'טוט עס זיי אָט די ארבייט, ווער ס'נעהמט זיי די בערדלאַך אראָפּ. אָט דער פעלדשער האָט עס געהאַט ביי זיך אַ ראזיר מעסער און קיי־נער, אַ חוץ די בחורימ'לאַך, האָט ניט געוואוסט דערפון...

איצט געה איך מיר צוריק צו מיין ענין:

פאַרשטעהט זיך, אַז אַ מענש, וואָס קרענקט אַלע יאָהרען אויף די ציין, אַז אַזאַ מענש, דאַרף מען פאַרשטעהן, האָט שוין מיט זיך קיין סך ציין אויף יענער וועלט ניט מיטגענומען. איך ווייס נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט די פינקטליכע צאָהל, וואָס אַ מענש פאַרמאָגט ציין אין מויל. ס'איז מיר אויך אומבאַ־וואוסט, צי אַלע מענשען האָבען איין צאָהל ציין (זאָל מיר דער ליבער לעזער און די ליבע לעזערין מוחל זיין מיין אומוויסענ־הייט). איך ווייס נאָר, אַז דער טאַטע מיינער האָט איבער־געלאָזט אויף דער וועלט זעקס און צוואַנציג ציין, און געשטאָר־בען איז ער לפי ערך ניט קיין אַלטער מאַן, און מיט וויפיל ער איז אוועק אויף יענער וועלט, ווייס איך ניט און וועגען די ציין, וואָס ער האָט דאָ געלאָזט, אָט וועגען זיי ווערט עס אָט־די גאַנצע געשיכטע מיט דער גרויסער הקדמה געשריבען, נאָר דאָ מוז איך ווידער אַ קליין הקדמה'לע מאַכען.

ווער עס ווייס ניט, מוז איך איהם לאָזען צו וויסען (זעהט, ליבער לעזער, ס'איז דאָ פיל זאַכען, וואָס איהר ווייסט אויך ניט), אַז אַ גלויביגער און פרומער איד וואַרפט ניט אַוועק די ציין

זיינע, וואָס פאַלען אָדער וואָס מ'רייסט איהם אויס, נאָר יעדער צאָן ווערט באַהאַלטען, אז איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר זאָל מען זיי איהם מיטגעבען אין קבר אריין. נאָך וואָס מ'באַדאַרף דאָרטען האָבען די ציין, ווייס איך ניט (איהר מיינט טאַקע, אז א שרייבער איז אַלעס מחויב צו וויסען?) און אַזוי ווי מיין טאַטע ע"ה איז געווען זעהר א פרומער איד, האָט ער, פאַרשטעהט זיך, יעדען צאָהן זיינעם, וואָס איז אַליין ארויסגעפאַלען אָדער וואָס מ'האָט איהם ארויסגעריסען, באַהאַלטען און פון יאָהר צו יאָהר איז די ציין־פאַמילע געוואַקסען אין צאָהל. אין א חדר מיוחד'ל, אין א קליין פיר־עקעכדיג קעסטעלע פון א שקאַטולקעלע, וואָס האָט געהאַט אין זיך פיל קעסטעלאַך מיט דעקעלאַך און ביינדעלאַך ווי פיפקעלאַך ביי די דעקעלאַך, ביי וואָס מען האָט באַדאַרפט אָננעמען דאָס דעקעל, ווען מען האָט געוואָלט עפענען א קעסטעלע. אויף דער שקאַטולקעלע בין איך געווען דער אויבער־האַר, אין מיין רשות איז דאָס געווען, אָטדאָס שקאַטולקעלע, און איך האָב מיר דאָרטען געהאַט מיינע אוצרות: קנעפלאַך, צוועקלאַך, שטיקלאַך פאַרצעליי, פון וועלכע מ'האָט געקענט שלאָגען פייער אין דער פינסטער, שטיקלאַך זשובעצע, אַלטע, פאַרזשאַווערטע פענעס, א שטיקעל גומע און א שוך (אמאָל האָט מען געטראָגען שיך מיט גומע), וואָס איך האָב פון צייט צו צייט ארויסגעצויגען „ציהעלקעס" און נאָך און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכען, און דער עיקר, א מונדשטוקעל פון... א קאַנע... דאָרטען איז געווען געגוג קעסטעלאַך אַזוי, אז איך האָב מיך געקענט ערלויבען צו פאַרנעהמען אויף יעדעס מין מיינע אַנטיקען א באַזונדער קעסטעלע. יעדעס מאָל, ווען איך בין געגאַנגען געוואָהר ווערען צו מיינע אוצרות, האָב איך געמוזט א קוק טאָן צום טאַטענ'ס ציין... עפעס האָט מיך געצויגען א קוק צו טאָן צו זיי, פונקט א שטייגער ווי איך געה פאַרביי א שטוב וואו ס'וואוינען מיינע קרובים... יאָ, יאָ, ריכטיג עפעס טאַקע אַזוי ווי... איך האָב געשפּירט, אז איך קעהר זיך עפעס אָן מיט דער ביינערדיגער פאַמיליע... יאָ, יאָ, קרובים, מאָדנע

קרובים, דעם טאַטענ׳ס ציין, און איך האָב געשפּירט צו זיי עפּעס אַ מין דרך־ארץ...

אָט די ציין האָט מען עס באַדאַרפט מיטגעבען דעם טאַטען מיינעם ע״ה אין קבר אריין, און מ׳האָט איהם זיי ניט מיטגעגעבען, ס׳איז ניט געווען ווער ס׳זאָל עס אין זינען האָבען. די מאַמע מיינע איז געשטאָרבען פריהער פאַר׳ן טאַטען און פון אַלע קינדער, ווי ס׳טרעפט אָט מייסטען ביי פאָטער און מוטער, וואָס האָבען אַ סך קינדער, צופאָהרען זיך אַלע נאָך אין דער פריהסטער יו־גענט און טאַטע־מאַמע פון די פיל קינדער שטאַ־בען אײנזאַם און האָבען אפילו ניט קיין איין־איינציגען זוהן, וואָס זאָל דעם ערשטען קדיש זאָגען ביי דער קבורה. דאָס האָט געטראָפען מיט מיין טאַטען. איז ניט געווען, וואָס פרעמדע האָבען אין זינען געהאַט איהם מקבר צו זיין, זאָלען זיי נאָך אין זינען האָבען די ציין זיינע איהם מיטצוגעבען? נו, זיינען זיי געבליבען, די ציין, אויף דער וועלט און זיי האָבען זיך דערוואַרט ביז דער עלטסטער זוהן זייערער אָדער (איך ווייס ניט וואָס קעהר זיך אָן אַ זוהן פון אַ טאַטען מיט׳ן טאַטענ׳ס ציין) ביז איך, דער עלט־סטער זוהן, אין פופצעהן יאָהר ארום נאָכ׳ן טאַטענ׳ס פּטורה, אַראָפּגעפאַלען אין שטעדטעל אריין און באַזוכט די שטוב, וואו דער טאַטע האָט אויסגעהויכט דעם לעצטען אטעם זיינעם, האָט מיר דער איד פון שטוב באַלד אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אויפ׳ן בוידעם ביי איהם געפינט זיך נאָך אונזערע אַ שקאַטולקעלע און אַז אויך איך וויל, קען איך עס מיר נעמען.

איך האָב מיך שטאַרק דערפרעהט צו זעהן עפּעס אַ געדעכע־ניש פון דער היים, פון מיינע עלטערען, און האָב מיך אָנגעכאַפּט מיט הענט און פיס. דער איד פון דער שטוב, אַן עלטערער איד, שוין מיט אַ גרויסער צואווילדעוועטער באָרד, גלייך ווי זי וואָלט געוואוסט אָדער געפיהלט, אַז מ׳קען איהר גאָר ניט טאָן, האָט זי זיך צולאָזט מיט אַזאַ ברייטען און לאַנגען פאַרנעם, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער קאָפּ און דאָס פּנים שטעקט אַרויס פון אַ גרויסען זשמוט פון קליאַטשע. ער האָט זיך מטריח געווען, דער

איד, קענטיג אליין חשק געהאַט זיך מטריח צו זיין, און ארויס פון שטוב. האָב איך אין אַ מינוט צוויי ארום דערהערט שווער טריט אויפ'ן בוידעם און מיט אומגעדולד זיך דערוואַרט אויף איהם.

יאָ, איך האָב עס גלייך דערקענט, אַט דאָס שקאַטולקעלע, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ס'איז געווען באַדעקט דיק מיט שטויב און פון אויבען איז געלעגען אָפּגעפּרעסט אַ האַנט מיט פינף פינגער, קענטיג, אַז דער אַלטער האָט דאָרטען ארויפגעלייגט די האַנט זיינע אויף דעם. איך האָב מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ גע־עפענט אָט דאָס שקאַטולקעלע און נאָכדעם איינס נאָך דאָס אַנדערע אָנגעהויבען צו עפענען איין דעקעלע נאָכ'ן אַנדערען. און טרעף איין קעסטעלע נאָכ'ן צווייטען ליידיג. נאָר אָט עפּעס איך און דערזעה...

ס'האָט מיך אַז מאָדנער אומעט דורכגענומען, אַן אומעט מיט אַ מאָדנער פרייד צוזאַמענגעמישט. האַרטע פאַרשווינדלאַך, וואָס זיינען פאַרבליבען אין זייער האַרטקייט און ניט געענדערט זיך, פּונקט ווי דער, ביי ועמען זיי זיינען אין מויל געזעסען, וואָלט נאָך געלעבט און וואָלטען געוואַרט אויף מיטצונעמען זיי אין קבר אריין. און ווידער האָב איך דורכגעלעבט דאָס זעלבע געפיהל וואָס איינגעל־ווייז — אַז איך זעה עפּעס קרובים פאַר זיך... איינגענע, נאָהענטע... מיין טאַטענ'ס ציין...

— וואָס טוט מען מיט זיי? — האָב איך אַ פרעג געטאָן ביים אידען.

— גאָרניט, — האָט דער איד געענטפערט, — נעם מיט דאָס שקאַטולקעלע און זאָלען זיי ליגען ווי זיי זיינען ביז אהער געלעגען...

שוין אַ מעשה פון צעהן יאָהר אין דעם, זינט איך האָב אָט די ירושה באַקומען. איך בין שוין פילע שטעדט און מדינות אויס־געפאָהרען פאַר דער צייט און דאָס שקאַטולקעלע מיט די ציין פיהר איך אַלץ מיט מיט זיך... איך ווייס ניט פאַרוואָס איך טו עס, ס'איז עפּעס אַ געפיהל־זאַך. דער ליבער לעזער וועט זיך באַלד

אָנשטויסען, אַז דאָס איז פינסטערער פאַנאַטיזם און אבערגלויבען, און איך ווייס פריהער, אַז ווען איך וואָלט פאַרפיה־ט אַ דעבאַטע צווישען מיינע לעזער, וואָלטען זיי מיר אַלע, אַ חוץ אַ גאַנץ קליי־נער פּראָצענט, געהייסען זיי ארויסוואַרפען, אָט די, דעם טאַטענ׳ס ציין. יאָ, איך ווייס עס, נאָר איך קען דאָס ניט. אָט די ירושה איז דער איינציגער אָנדענק, וואָס מיר איז פון מיין פאַרשטאָרבע־נעם פאָטער געבליבען...

# ער איז נעבאך א מענש.

דעם זייגערמאכער בארענבוים וואָלט געקענט זיין גוט, זעהר גוט, אפילו גאָר גוט, און דערפאר טאקע ווייל ס׳וואָלט געקענט און ס׳איז ניט, איז איהם דערפאַר שלעכט, זעהר שלעכט, און טאקע גאָר שלעכט.

א גאַנץ געוועהנליכע מעשה: ער איז פאַרליבט אין א מיידעל, און די מיידעל, אין וועלכער ער איז פאַרליבט, איז פאַר־ליבט אין איהם. איז דאָך גוט? ניין, איז דאָס טאקע ערשט שלעכט דערמיט, וואָס ס׳וואָלט געקענט זיין נאָך בעסער, און בעסער וואָלט עס געקענט זיין, ווען ער וואָלט צו דער מיידעל באקומען אן אפּוייתקא (א סך געלט), און נאָך ערגער און פאַר־דריסיגער איז דאָס מיט דעם, וואָס דער טאַטע איהרער פאַר־מאָגט, ער קען, ער קען שוין גאָר!

און זאָל מען ניט מיינען, אז דער זייגערמאכער בארענבוים איז אזוי להוט נאָך געלט. איינמאָל איז עס דאָך טאקע א פאַרדרוס: א איד וואָס פאַרמאָגט, און פאַרמאָגט א סך, פאַר וואָס זאָל ער ניט געבען, פאַר וואָס? און, צווייטענס, מוז ער טאקע האָבען אויך; ער מוז האָבען געלט ער זאָל זיך קענען צו־פיהרען די הענט און זיך שטעלען אויף די פיס: אזא מענש ווי ער מוז נעמען נדן, און טאָמער נעמט ער ניט, איז ער א פאַר־פאַלענער, בלייבט ער אן אייביגער קבצן, וועט ער אלע יאָהרען זיינע זיצען ביים פענסטער, ביים גרויסען קלייט־פענסטער, און וועט באדארפען ארויסקוקען מ׳זאָל איהם אריינטראָגען א זיי־גער און א זייגערל צורעכט מאכען; פאר א בחור איז דאָס גאַנץ געוווג. אמת, ער האָט אפילו אָפּגעשפּאָרט א ביסעל געלט,

אָבער זיך צופיהרען די הענט און זיך שטעלען אויף די פיס מיט דעם געלט קען מען ניט, און חתונה האָבען און ציהען חיונה פאר זיך און פאר א ווייב מיט קינדער פון צורעכט־מאַכען א זייגערעל קען מען אודאי ניט.

איז וואָס איז טאקע די מעשה מיט אָט דעם אידען, מיט זיין מיידעל'ס טאטען, וואָס ער וויל אזא פשוט'ע זאך ניט פאר־שטעהן? איז אָט די פשוט'ע זאך אויך ניט אזוי פשוט. דער איד אליין וואָלט אפשר געווען ניט ערגער פון אלע אנדערע אי־דען קמצנים. וויפיל קארגע (רייכע) אידען זיינען דאָ אויף גאָט'ס וועלט? פון דעסטוועגען ווייסט יעדער איד, אז ווען ער וויל אויסגעבען א טאָכטער, דארף ער געבען דער טאָכטער נדן, און דער איד וואָלט עס, ווי אלע אידען, וואָס ווייסען דאָס, גע־וואוסט. איז אָבער דער איד ניט אינגאַנצען שולדיג אין דעם. דאָ שטעקט איהם ווי א פלוים אין האַלז א צווייטע פערזאָן, און דאָס איז דער שוואָגער, זיין מיידעל'ס טאטענס איידעם. שולדיג איז יענער דערמיט, וואָס יענער האָט דעם אידען א וועג געוויזען, אז מען קען אויסגעבען א טאָכטער אָהן נדן. יענער, זיין מיידעל'ס שוואָגער, זיין מיידעלס טאטענס איידעם, האָט זיך פארליבט, כמעט ווי איינצייטיג מיט איהם, אין דער עלטערער שוועסטער, אין איהר טאטענס עלטערער טאָכטער (אָט א מזל פון א אידען!). יענער האָט אפילו ניט מזכיר געווען וועגען נדן, זיך באקענט, זיך פארליבט און חתונה געהאט. אין א משך פון א פינף־זעקס חדשים איז דאָס אלעס פאָרגעקומען, עס הייסט, דאָס באקענען זיך זייערס, דאָס פארליבען און דאָס חתונה האָבען. שוין באלד א יאָהר נאָך דער חתונה און מען קען נאָך אלץ ניט פארגעסען די פיינקייט פון דעם יונגען מאַן, פונ'ם איידעם, וואָס האָט אפילו ניט מזכיר געווען וועגען נדן, און דער אלטער קארגוליע, ער גלעט זיך די באָרד און רעדט זיך מיט אזא לשון:

— וואָסי, יעקב אָבינו איז געווען א גרעסערער יחוס פון איהם (פונ'ם איידעם), פון דעסטוועגען האָט ער געדינט איינ־

מאָל זיבען יאָהר און א צווייטען מאָל זיבען יאהר פאר דעם ארמי'ס טאָכטער.

נו, קען זיך איהם עפּענען דאָס מויל צו ריידען וועגען נדן? כאָטש זיין לאגע איז אין גאַנצען אַנדערש ווי דעם בוכהאַל־טער'ס. דער בוכהאַלטער פלאַמענבוים (צופעליג אַזאַ עהנליכקייט אין די פאַמיליעס) איז אַ בוכהאַלטער, שרייבט ציפער און באַ־קומט דערפאַר שעהנע שכירות, איז האָט ער געקענט זיין אַזוי פיין און אַזוי לייטיש. וואָלט ער אָבער געווען אַ קרעמער אָדער אַ סוחר, וואָלט ער ביי זיין (ביי יענעמס) בעסטען ווילען נים געקענט.

איז ווער דאָ אין דעם שולדיג, אויב ניט דער בוכהאַלטער פלאַמענבוים? יענער האָט אריינגעוואָרפען אַ שטיין אין גאָר־טען און דער מוז זיך נעבאך וואַרגען מיט דעם שטיין, און ער האָט מורא, ער האָט שטאַרק מורא, אַז עס איז פארפאַלען... ער האָט אפילו אַ פּאָר מאָל נאָך דער חתונה געפּרואווט אונטער־הוטשקען דעם איידעם, ער זאָל פאָדערען נדן ביים שווער, האָט איהם יענער געזאָגט, אַז ס'איז שוין שפּעט. אודאי שפּעט, ער ווייסט אַליין, אַז ס'איז שפּעט, נאָר געוואָלט וואָלט ער אַז יע־נער זאָל כאָטש איינמאָל אַ מאָן טאָן, און דאָס וואָלט איהם געגעבען אַ פּתחון פּה. הייסט עס, פאַרפאַלען? קען עס אָבער פאַרפאַלען ניט זיין, ווייל ער אָהן געלט קען ניט חתונה האָבען. ער קען זיך ניט פאָרשטעלען אַז ער זאָל דאַרפען אויך נאָך דער חתונה זיצען ביי דעם זעלבען ווערקשטאַטעל אַנטקעגען גרויסען פענסטער, אינ'ם זעלבען שמאָלען קלייטעלע, וואָס די גאַנצע ברייט פון דעם איז ניט ברייטער פונ'ם פענסטער; ס'מאַהלט זיך איהם ניט, אַז ער זאָל דאַרטען אויך נאָך דער חתונה באַדאַרפען זיצען און הערען דעם גאַנג פון די וואַנט־זייגערס, וואָס ער האָט זיי געמאַכט צום געהן, צום קלאַפּען און צום קלינגען... יאַ, ס'איז אַ גאַנץ פיינע, איידעלע ארבייט, נעמען אַ שברי כלי, אַ זייגער, וואָס שטעהט, און מאַכען איהם צו געהן. אָבער אַזוי לאַנג ווי מען איז אַ בחור... ער מיינט, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע זאַ־

כען, וואָס אַז מ'טוט זיי בחור־ווייז זיינען זיי שעהן פאַר'ן בחור, און פאַר אַ חתונה געהאַט'ן זיינען זיי עפּעס... ניט, וואָס זיי זיינען ניט שעהן, נאָר פּשוט ס'איז אַ בחור'שע אַרבייט... יאָ, מ'קען נאָך דער חתונה אויך אָננעמען אַ זייגער צורעכטצומאַכען, נאָר דאָס באַדאַרף ניט זיין דער עיקר, דאָס דאַרף זיין אַ בייזאַך, אַ לעבען דאַרף מען מאַכען פון פאַרקויפען אַ זייגער און אַנדערע אַרטיקלען וואָס באַלאַנגען אין דעם מסחר אַריין... אַ שטייגער, אַזאַ מין קליינינקייט: אַט דאָס זייגערעל וואָס שטעהט אויפ'ן פענסטער און עס האָצקעט זיך אַ מענשעלע אויף אַ פּרוזשינע. ער האָט עס ניט פיינט, אַט דאָס מענשען־זייגערעל, ער ווייסט אָבער, אַז דאָס איז אַ זאַך נאָר פאַר אַ בחור אַ זייגער־מאַכער, און אויב ער וועט חתונה האָבען אָהן נדן און זיך ניט קענען עפּענען קיין געשעפט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, וועט ער פאַרבלייבען אויף דעם זעלבען אָרט, און דאָס מענשעלע וועט זיך ווייטער העצקען נאָך דער חתונה...

דערוויילע איז שוין אַוועק אַנדערהאַלבען יאָהר, אַז ער פיהרט זיך מיט'ן מיידעל אַרום און ער ווייס אסור מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגען. ווען מ'וואָלט געקומען און מ'וואָלט איהם גענומען מיט געוואַלד (ווען אַזאַ מאַכט וואָלט געווען) און איהם חתונה געמאַכט, וואָלט ער געווען צופרידען. ער אַליין אָבער האָט קיין מוט ניט דאָס צו טאָן. פּשוט אומגעליך. נו, קומט אויס, אַז וואָס?... איז דאָס אָבער אויך אומגעליך. ער האָט זי דאָך ליב! הייסט עס, ניט אַהער, ניט אַהין... אַנדערהאַלבען יאָהר איז אפילו ניט קיין סך אַז מ'גערט אַרום מיט אַ מיידעל, ביי לייטען געהט מען אַרום יאָהרען־לאַנג (און ווער ווייסט וואָס פאַר יאָהרען־לאַנג קען זיך ענדערען). דאָ אָבער שטעהט איהם ווידער און אַלץ אָט דער בוכהאַלטער פלאָמענבוים ווי אַ פּלוים אין האַלז; יענער ווערט שוין דאָרטען באַלד אַ טאַטע און די שוועסטער איהרע — אַ מאַמע, דאָס הייסט, אַז פאַר דער צייט וואָס זיי ביידע, ער, דער זייגערמאַכער באַרענבוים, און דער בוכהאַלטער פלאָמענבוים, האָבען זיך כמעט ווי איינצייטיג מיט

די צוויי שוועסטער באַקענט, איז דער מיט יענער שוין אזוי ווייט פאַרפאַהדען, און ער מיט דער שטעהען נאָך אַלץ אויף איין אָרט... איז דערפאַר אנטקעגען יענעם פּאָרל קומט שוין במילא אוים, אפילו פאר זיך אַליין, אז אַנדערהאַלבען יאָהר ארומ־דרעהען זיך מיט אַ מיידעל איז די והותר... איהם דאכט זיך, אז ווען יענע פּאָרל דאָרטען וואָלטען ניט געהאַלטען דערביי, וואו זיי האַלטען, ווען די שוועסטער איהרע דאָרט וואָלט זיך ניט גע־קליבען אַ מאַמע צו ווערען און מאַכען איהם, דעם שוואָגער איהרען, פאר אַ טאַטען, אז ווען ניט דאָס (פאַרוואָס עפּעס ניט, פאַרוואָס ?) וואָלט ער נאָך אַלץ צייט געהאַט... און ער האָט באַשלאָסען צו געהן און זאָגען דעם טאַטען איהרען אזוי און אזוי : ממה נפשך — יאָ־יאָ, ניט־ניט... ס'הייסט אזוי : אויב ער וועט באַוויליגען אויף יאָ, וועט דאָך זיין יאָ, און אויב ניט ?... אָט דעם באַשלוס האָט ער נאָך ניט געהאַט... „יאָ־יאָ" האָט געמיינט, אז אויב יאָ געלט, וועט זיין יאָ חתונה, און „ניט־ניט" האָט געמיינט, אַז אויב ניט געלט, איז ניט געלט. „ניט חתונה" האָט ער ניט געטראַכט, וויל, ווי געזאָגט, האָט ער ווע־גען דעם קיין באַשלוס ניט אָנגענומען, און דערפאַר טאַקע וויל ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער וועט טאָן, ווען יענער וועט איהם אָפּזאָגען. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבען אָפּצולעגען פון איין טאָג אויפ'ן אַנדערען, אזוי לאַנג און אזוי ברייט, ביז דאָרטען איז דער מיידעל'ס שוועסער געלעגען געוואָרען, און דאָס האָט שוין באַשלאָסען דעם גורל זיינעם. ס'הייסט יענער, אַלץ דער בוכ־האַלטער פלאָמענבוים, יענער האָט איהם אומדירעקט, און אַליין גאָר ניט חושד־זייענדיג, איהם אריינגעשפּילט אין זיין מזל אריין פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף... נאָר לאָמיר ניט כאַפּען די פיש פאַר דער נעץ און לאָמיר בהדרגה דערצעהלען ווי אזוי דאָס איז צו־געגאַנגען.

* * *

נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריהער פאַר'ן ברית האָט ער באַקומען דורך פּאָסט צוגעשיקט אַן איינלאַדונג אויפ'ן ברית צו קומען.

אינ׳ם באַשטימטען טאָג איז דער זייגער־מאַכער געקומען אויפ׳ן פריהמאָרגען צו דער טיר פון זיין קלייטעל א יום־טוב׳דיג אויס־געפּוצטער. ער האָט אין גאַנצען אויסגעזעהן ווי איינער זעהט אויס ווען ער קומט שבת אָדער יום־טוב צו זיין צוגעמאַכט געוועלב און ער דאַרף עפּעס ארויסנעמען פון דאָרטען, וואָס ער האָט פאַרגעסען ערב שבת (אָדער ערב יום־טוב) און ער דאַרף עס טאַקע האָבען, אָט דאָס וואס ער האָט אין קלייט פארגעסען, לכבוד שבת. יאָ, ס׳האָט שוין גאָרניט אויסגעזעהן, אַז ער איז געקומען צו דער ארבייט. אָבער געוועזן איז טאַקע בײדע זאַכען: אי ער איז צו דער ארבייט געקומען און איינצייטיג איז ער שוין געקומען אַן אויסגעפּוצטער כדי שוין פון דאָרטען, צו דער באַשטימטער שעה, אַוועקצוגעהן אויפ׳ן ברית.

געקומען איז ער, געעפענט די טיר און ארויפגערוקט דעם שטאָר פון פענסטער ניין אזייגער, און צוועלף אזייגער, ווען אַלע זייגערס וואָס זיינען ביי איהם דאָרטען אויף די ווענט געהאַנגען, האָבען זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע אין א קלאַפּעריי און א קלינגעריי צולאָזט, האָט ער שוין צוגעשלאָסען די טיר, אָבער ניט מיט׳ן ביינאַכטיגען שלאָס, נאָר מיט א בייטאָגעדיגען, א דערווײילי־גען, ס׳הייסט, מיט אַ שלאָס האָט ער די טיר פארשלאָסען אויף צו באַווייזען, אַז ס׳הענגט אַשלאָס אויף דער טיר... אויפ׳ן פענסטער האָט ער נאָר א העלפט אראפּגעלאָזט דעם שטאָר, אויך אזוי זיך צו באַווייזען, אַז ס׳איז אָפען און פארמאַכט, אָדער, אַז ס׳איז ניט אָפען און ניט פארמאַכט; צו באַווייזען, אַז דער בעל־הבית איז שוין דאָ געוועזן, אַז איצט איז ער ניטאָ און אַז שפּעטער וועט ער ווידער זיין... די הינטערשטע העלפט פענסטער איז געבליבען אָפען, און די עטליכע זייגערלאַך, וואָס זיינען אין פענסטער געהאַנגען, זיינען געבליבען אָפּגעצוימט פון גאַס מיט א דינעם גלאָז און האָבען זיך זילבערדיג און קייל־עכדיג ארויסגעגלאַנצט צו דער גאַס און מיט זייער קליינער צאָהל וואָס זיי זיינען דאָרטען געהאַנגען, און ווי אומעטום ביי אַזעלכע זייגער־מאַכערס, אזוי איז דאָ ביי דעם אויך שווער געווען צו באַנעמען צו וועמען אָט די עטליכע אַלטע,

עלטערע, גענוצטע זייגערלאך באַלאַנגען, צי זיינען זיי דאָס אייגענטום פון דעם זייגער־מאכער, צי באַלאַנגען זיי צו די מענשען פון גאַס.

הינטען, הינטער די זייגערלאך, וואָס זיינען געהאַנגען, איז אויפ'ן פענסטער־ברעט געשטאַנען דער זייגערל מיט'ן העצקענדיגען מענשעלע, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין איין העצקען, אַזוי לאַנג ווי ס'איז ביי איהם נאָך ניט געווען דער פאַל, אַז דער זייגערל זאָל בלייבען שטעהן און אַז דאָס מענשעלע זאָל זיך אויפהערען צו העצקען. ער האָט דאָס אַלע מאָל געהאַט אויפ'ן אויג, און אויך איצט, פאַר'ן אוועקגעהן, האָט ער אַ וואַרף געטאָן אַ קוק וויפיל עס האַלט אָט דאָס זייגערל, און האָט אַ קוק געטאָן אויף דיביידע זייגערלאך, וואָס ער טראָגט מיט זיך אין די קאַמזויל־טעשעלאך, צי די ביידע זייגערלאך געהען פּינקטליך אַזוי ווי יענער זייגערל, און פאַרקערט, צי געהט יענער זייגערל פּינקטליך אַזוי ווי די צוויי, און ווידער אויף די צוויי געקוקט, צי געהט איינס אין דער שטרענגער פּינקטליכקייט ווי דאָס צווייטע. דאָס האָט ער ניט נאָר איצט געטאָן, אַלע מאָל איז דאָס ביי איהם אַזוי, אַלע מאָל טראָגט ער ביי זיך ארום צוויי זייגערלאך — איינס איז אַלע מאָל אַ פרעמדס און דאָס צווייטע איז אַלע מאָל אַן אייגענס. דאָס אייגענע מוז תמיד געהן פּינקטליך ווי דאָס פרעמדע, און דאָס פרעמדע מוז תמיד זיין פּינקטליך ווי דאָס אייגענע,און דאָס זייגערל מיט'ן מענשעלע האָט געמוזט זיין פּינקטליך, ווי די ביידע, ווי דאָס אייגענע און דאָס פרעמדע... איצט האָט ער עפּעס באַזונדערס אויף דעם אַכטונג געגעבען: דער מאָמענט איז געווען זעהר אַן ערנסטער, עפּעס האָט ער זיך דאָך געקליבען ערגעץ צו געהן, און געפיהלט, אַז מיט דעם איצטיגען געהן וועט זיך די לאַגע ענדערען, אַז ס'וועט עפּעס אַנדערש ווערען, ווי ס'איז געווען ביז איצט... און דערפאַר האָט ער געהאַט אַזאַ ניט־באַגרייפענדען געפיהל, אַז די צוויי זייגערלאַך, וואָס ער האָט ביי זיך, מוזען געהן שטרענג ריכטיג און פּינקטליך צו דער סעקונדע...

געקומען אהינצו, האָט ער שוין געטראָפען אַ היבש ביסעל

מענשען, עס הייסט, אזוי פיל אז די אידען האָבען שוין געקענט, ניט ווארטענדיג אויף אַנדערע, מאכען דעם ברית, און אזוי ווי מען האָט איהם נאָך ניט געהאט געמאכט, האָט דאָס אליין פאר זיך באוויזען, אז מ'האָט נאָך אויף אימיצען געווארט. דער טיש איז געווען יום־טוב'דיג געדעקט מיט שטראָדעלדיגען טאָרט און פיל־קאָלירטע משקאות; עס האָבען געברענט צוויי סטערינאָווע ליכט אין צוויי זילבערנע לייכטער, און צוזאמען האָט עס געמאכט אן איינדרוק ווי א יום־טוב, א מיט־וואָכעדיגער יום טוב, אן ענגער, א שטוביגער, א פאַמיליען יום־טוב, און דאָך אן אלגעמיין אידישער און א הייליגער...

ביי א צעהן אידען זיינען שוין געשטאַנען אין די טליתים און א דאנק דעם האָט די שטוב באקומען א שוהליגען קאָלאָריט, און דער זייגער־מאכער, בארענבוים, האָט זיך דאָרטען, גלייך ווי ער איז אריינגעפאלען, דערפיהלט אי היימליך אי פרעמדליך; היימליך איז איהם געווען אָט דאָס שוהליגע, און אומהיימליך — וואָס דאָס איז פארט א שטוב און אַ פרעמדער יום טוב, אן ענג פאמיליען יום־טוב. און וואָס טוט ער דאָ? אלס אן איינגענער? וואָס פאר אן איינגענער איז ער?... און אז מ'האָט איהם דאָך פארט פאר־בעטען, מיינט עס, אז זיי מיינען, אז ער וועט ווערען אַן איינגענער. ווען ניט, וואָלט מען איהם דאָך אויפ'ן ברית ניט פארבעטען... און דאָס אליין האָט איהם געמאכט שלעכט זיך צו פיהלען... אליין זיך געפיהלט פרעמד, ווי אלע פרעמדע צוזאמען, און דאָך האָבען אלע ארויסגעקוקט אויף איהם און אפגעווארט מיט'ן ברית. יאָ, דאָס האָט מען געווארט אויף איהם, ווייל אזוי ווי ער איז נאָר אריינגע־קומען, האָט איינער פון די אידען געזאגט:

— אָט געהט ער!

פון א צווייטען צימער האָט זיך באוויזען דער בוכהאלטער פלאָמענבוים מיט אַ זיידענער יארמולקע אויפ'ן קאָפּ, און אָט דער בעל־הבית מיט דער געראזירטער באָרד און מיט דער יארמולקע אויפ'ן קאָפּ, האָט אויפ'ן זייגער־מאכער געמאכט א מאָדנעם איינ־דרוק צווישען אלע איבעריגע אידען מיט בערד... יענער, דער בוכ־

האַלטער, איז איהם באזונדערס אינ'ם מאָמענט פריקרע געווען. ער האָט געהאַט אזא נאַרישען און אומבאגרייפליכען געפיהל, אז אָט דער בוכהאַלטער האָט זיך לכתחילה פון אָנפאַנג ביז'ן סוף אָנגעזעצט אויף זיין קאָפּ, אז עפּעס ווי איהם צו דערווידער האָט ער חתונה געהאַט און אז איהם צו דערווידער האָט ער זיך צוגעאיילט און... און איצט־אָ האָט ער איהם נאָך פארבעטען אויפ'ן ברית... אפילו אין דער התלהבות'דיגער באַגעגעניש, מיט וועלכער יענער האָט איהם באַגעגענט, האָט זיך איהם געדוכט, ליגט אָט די ביטערעקייט פון באַגעהר צו באַשטאַטען איהם, דעם זייגער־מאַכער, און מעהר פון אַלעם איז אָט דאָס יאַרמולקע געווען א צולייג צו אַלע זאַכען... דאָס יאַרמעלקעלע איז זיך קיילעכדיג און שטייפיג ווי א קליין פענדעלע (א פאַררויכערטס) אָהן א הענטעל, געשטאַנען אויפ'ן קאָפּ און די אויגעלאַך האָבען אזוי געגלאַנצט צו איהם ווי זיי וואָלטען געזאָגט: אַהאַ, זעהסט וואו איך האַלט שוין! אי דבין שוין א איד צווישען אידען. און דו...

א פּאַטש געכאַפּט אין אַקסעל אריין, א היימישען פּאַטש, אַזעלכען ווי איינער אויף אזא שמחה כאַפּט פון בעל־שמחה אַליין, אין דער איינער האָט נאָך ניט זוכה געווען צו דעם וואָס דער איז שוין א בעל זכיה, און נאָכ'ן פּאַטש אין אַקסעל איז ער באַלד פון דערזעלבער האַנט וואָס ער האָט דעם קלאַפּ געקראָגען, געכאַפּט געוואָרען הינטער'ן אָרים, און ווי א רוח האָט איהם יענער אריי־ געטאַסקעט אין צווייטען חדר וואָס איז שוין פול געווען מיט אייגענע. און חוץ זיין מיידעל'ס משפחה, וואָס איז איהם נאָך אויך פרעמד געווען, איז ער אריינגעפאַלען נאָך אין א פרעמדערער, און דאָס איז געווען דעם בעל־ברית'ס אייגענע און פריינט. און די ביידע פרעמדע משפחות האָבען זיך דערפרעהט מיט איהם... אימיצער (ער האָט ניט געוואוסט צי דער זעלבער וואָס האָט איהם אריינגעפיהרט אהער אָדער א צווייטע פערזאָן) האָט איהם צוגעפיהרט צו דער קימפּעט־ כאָרין, וואָס איז געזעסען אָן אויסגעבלאַסטע, אַליין ווי א ניי געבוירענע, אויפ'ן בעט, און געהאַלטען א קישען, אויסגעקיילעכדיגט ווי א מולטערעל, און פונ'ם קישען ארויס האָט ער באַמערקט ווי עס

קוקט ארוים א פּנימ'ל א קליינס און א רויטס, אזוי גרויס און אזוי רויט ווי א סוף־חודש'דיגע לבנה (ביים אוועקגעהן). ער האָט איהר אָפּגעגעבען מזל־טוב און איז געבליבען שטעהן ניט וויסענדיג ווייטער וואָס צו טאָן, און געמערקט, אז עפּעס שטעהט איהם דא פאַר זעהר א וויכטיגע ארבייט, און אז אלע האָבען עס דאָ ארויסגעקוקט אויף איהם, ער זאָל קומען און טאָן אָט די וויכטיגע ארבייט, וואס איז דאָ באַשלאָסען געוואָרען אָהן איהם, אז ער זאָל זי טאָן. איינע פון די ווייבער האָט א רוף געטאָן א באקאנטען ליבען מיידעלשען נאָמען, און באלד איז זי גלייך אויסגעוואקסען לעבען איהם, אזא בלאַכע און אזא לייטישע, וואס האָט טאַקע מיט איהר בלאסקייט געמאכט אזאַ לייטישען און צניעות'דיגען איינדרוק, און זי האָט עפּעס געקוקט אויף איהם מיט א נייעם בלאָנדזשענדיגען בליק, און איהרע ליפּען האָבען געבליצט מיט שמייכעל און מיט עפּעס א נייער און פּיקאנ־טער זאך וואס איהם און איהר, וואס זייביידען צוזאמען, איז דאָ פאַרגעשטאַנען צו טאָן.

די מוטער זייערע, די קימפּעטאָרינס מוטער און דער מיידעל'ס מוטער, האָט דאָ אזוי גלייך דאָס אייניקעל פון איין טאָכטער'ס האַנט גענומען און גלייך דאָס איבערגעגעבען צו דער צווייטער טאָכטער. בארענבוים האָט באַמערקט ווי די יונגע קוואַטערין איז אין גאַנצען רויט געוואָרען און געוואָרפען אויף איהם אזאַ פאַר־שעמטען קוק, ווי דאָס קינד וואָלט **געווען עפּעס אזעלכעס**, ווי מ'דארף זיך קרעמפּירען מיט דעם צו האַלטען דאָס אויף מיידעלשע הענט... זי האָט איהם איבערגעגעבען דאָס קישען מיט'ן קינד און ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט דער לבנה (א סוף־חודש'דיגע) און קישען טריט ביי טריט און געהאט אזא געפיהל (אמת, ניט אין גאַנצען קיין קלאָרען געפיהל, אז ער טראָגט דאָ א שטיק צור־להכעים, דעם בוכהאַלטער'ס פלאָמענבוימ'ס א שטיק צור־להכעים געגען איהם, געגען דעם זייגער־מאַכער בארענבוים...

— ברוך הבא! — האָבען א צעהנדליג קולות מיט אמאל א ברום ארויסגעלאָזט אזוי גלייך ווי ער האָט זיך מיט'ן קישען און מיט'ן קינד באוויזען דאָרטען וואו מ'האָט אויף איהם אַן אייפ'ן

קינד געוואָרט און גרייט געשטאַנען „זיי" צו באַגעגנען מיט אַ ברוך־הבא, און דער קוואַטער האָט זיך אַזוי לעקעשעוואַטע געפיהלט און געזוכט מיט די אויגען צווישען די טליתים און אידען דאָס בוכהאַלטערל... ער האָט איהם שוין זעהר אויף אַ מאָדנעם און זעהר פּיקאַנטען אופן געהאַסט... ער האָט געפיהלט אַ פּיל־פּאַביגען צו־להכעיס פארקערפּערט אין דער „רויטער לבנה" וואָס ער האָט געטראָגען אין קישען... און ס'איז שוין זיכער דעם בוכהאַלטער'ס איינפאַל געוועזן איהם מכבד צו זיין מיט דעם לעקישעוואַטען כיבוד און מיט דעם איהם צובינדען און צווינגען צו טאָן אַזאַ זאַך, וואָס ער וואָלט אַזוי ניט געוועזן געטאָן און וואָס איצט, אַ דאַנק אָיז דעם קוואַטערדיגען כיבוד, וועט ער שוין מוזען טאָן...

# א פרעמדער.

— ביי איך פארדינגט זיך א צימער? — האָב איך געפרעגט ביי א קליין שווארץ ווייבעל, וואָס איז מיר אנטקעגען געקומען מיט א קינד אויף די הענט, באַלד ווי איך האָב געעפענט די טיר.

— יאָ, דאָ! — האָט זי געענטפערט.

זי האָט מיך אריינגעפיהרט אין א צימער, וואו ס'זיינען געשטאַנען צוויי אייזערנע בעטלאַך און צווישען, ביים פענסטער, — א קליין טישעל. אויף איין בעטעל איז געלעגען אויסגעצויגען א לאַנגע פיגור, וועלכע האָט זיך א באַוועג געטאָן, ווען מיר זיינען אריינגעקומען. אין דער בין־השמשות'דיגער טונקעלקייט האָב איך די געזיכטס־ציגע פון דער פיגור ניט געזעהן. געזעהן האָב איך נאָר עפּעס א קיילעכיגעס, וואָס האָט זיך אומעטיג געבלייכט אין א ווינקעל. און אומעטיג־שטיל האָבען געגלאַנצט א פּאָר גלעזלאַך אויף דער רונד־מאַסיווער בלאַסקייט. קענטיג, אז דער אומבאַקאַנטער, דער, וואָס איך זעה דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען און זעה איהם דאָך ניט, טראָגט ברילען...

— דאָס איז עס? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס איז עס, — האָט זי געענטפערט.

דעם ענטפער האָב איך כמעט ווי ניט געהערט. איך בין אינגאַנצען פארכאַפּט געוואָרען פון דער פיגור, וואָס איז אויפ'ן בעט געלעגען... איך האָב דערשפּירט מאָדנע, אונהיימליכע פרעמדקייט, וועלכע האָט געמאַכט אויף מיר אַן אונגעהויער שווערען איינדרוק... איך בין אינגאַנצען, מיט מיין גאַנצען וועזען, פארשלונגען געוואָרען עפּעס אין אַן אונדייטליכער, שווער־דריקענדער אַטמאָספערע... איך האָב זי נעבעלדיג געפיהלט און נעבעלדיג געטראַכט פון איהר,

איך האָב געוואָלט פרעגן, ווען דער שכן ציהט זיך ארויס, נאָר איך וויים ניט, פאַרוואָס. איך בין עס ארומגעגאַנגען, האָב אַזוי געפרעגט:

— פון ווען קענט איהר עס פאַרדינגען?

— וואָס הייסט, פון ווען? אפילו באַלד! — האָט די בעל־הבית׳טע געענטפערט.

— איך זעה דאָך, אַז מ׳וואוינט דאָ!...

— איהר ווילט אליין אַ צימער?

אין דער פראַגע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז יענער בלייבט דאָ וואוינען, און פאַרדראָסען האָט מיך אויף איהם, וואָס ער ליגט אַזוי שטיל... ער דאַרף אַזוי רוהיג ניט ליגען. זיין רוהיגקייט האָט מיך געקאַראַבעט און טיף באַליידיגט...

— אויב איהר ווילט אין צווייען מיט דעם יונגענמאַן, — האָט זי געזאָגט, אַנווייזענדיג מיט דער געמבע אויף דער פיגור, וואָס איז אומבאַוועגליך געלעגען, — אויב איהר ווילט אין צווייען, קאָן איך אייך פאַרדינגען.

דער קאָפּ פון דער פיגור האָט זיך אַ דרעה געטאָן, עס האָבען אַ בליאַסק געטאָן די ברילען און אַן אומעט פון פרעמדקייט, אַן אָפּשטויסענדער אומעט, האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזען מיינס.

— הייסט עס, אין צווייען? — האָב איך געפרעגט, כאָטש איך האָב שוין געוואוסט, אַז איך וועל ניט דינגען... נאָר פרעגען האָב איך געמוזט, אַנדערש וואָלט איך גלייך באַדאַרפט פאַרלאָזען דאָס צימער, און דאָס האָב איך ניט געקאָנט. עפּעס בין איך ווי צוגעשמידט צום יונגענמאַן געוואָרען.

— אפשר וועט איהר אָנצינדען פייער? — האָב איך געזאָגט דער בעל־הבית׳טע, — איך זעה גאָרניט, וואָס דאָ טוט זיך...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט די בעל־הבית׳טע אַריינגעטראָגען אַ לעמפּעל און איך האָב זיך באַגעגענט מיט אַ פּאָר טונקעל־גרויע שטעכענדיגע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט אויף מיר אַזוי

ווי דער אייגענטימער זייערער וואָלט מיך שוין לאַנג געקענט און ווי ער וואָלט שוין מיט מיר לאַנג ברוגז געווען...

געלעגען איז ער אויסגעצויגען, מיט'ן פּנים אַרויף, פאַרלעגט אַ פוס איבער אַ פוס, די הענט טיף פאַררוקט אין די הויזען־קעשענעס, דאָס פּנים — בלאַס, מיט צוויי גרויסע, טיפע, האַלב־רונדע קנייטשען אַרום מויל, די נאָז — אַ לענגליכע אַ דינע, אויף וועלכער עס האָבען זיך פעסט געהאַלטען די פענסנע, האַרט אָנגערוקט אויף די קליינע אויגעלאַך; דער שטערן — אַ ווייסער, אַזוי ווייס, ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין זון ניט געווען; די האָר אויפ'ן קאָפּ — קורץ־געשוירענע, געדיכטע; וואָנסען — בלאָנדע און דאָס שפּאַניש בערדעלע אָדער דאָס קמצ'ל, ווי אידען רופען דאָס — דער זעלבער קאָליר, וואָס די האָר אויפ'ן קאָפּ. אויסגעזעהן האָט ער פון אַ יאָהר דרייסיג, געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ באַווייבטען, נאָר געגלויבט האָב איך, אַז ער איז ניט קיין באַווייבטער, שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער וואוינט דאָ אַלס כאָלאָסטאָי.

פון יוצא וועגען האָב איך אויך באַטראַכט דאָס צימער. עס איז מיר דוקא געפעלען געוואָרען, נאָר איבער „איהם" האָב איך עס ניט געוואָלט דינגען... איך האָב געזאָגט:

— גוט, איך וועל אַריינקומען מאָרגען אייך געבען אַ תשובה.

---

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום נאָך דעם אויבען־באַשריבענעם, גענדיג אויף דער ל. גאַס, האָב איך דורך אַ פענסטער פון אַ דריט־ראַנגיגער קאַוויאַרנע דערזעהן אַ באַקאַנטע פיגור, וועלכע איז מיר דאָך אומבאַקאַנט געווען. איך האָב געוואָלט ווייטער געהן, נאָר ניט געקאָנט. עפּעס האָט מיך געצויגען אַ קוק טאָן אויף דער באַקאַנטער און אומבאַקאַנטער פיגור. איך האָב אַריינגעקוקט אין פענסטער און האָב איהם גלייך דערקענט... און עפּעס האָט מיך אַ ציה געטאָן אַריינצוגעהן אין קאַוויאַרנע...

ער איז געזעסען ביי אַ טישעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ גלאָז קאַווע, און אַליין איז ער געווען פאַרטיפט אין אַ

צייטונג, וואָס ער האָט געהאַלטען איןביידע הענד. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין איהר, אַז ער האָט ניט געהערט און ניט גע־זעהן מיך אַריינקומען. אַ חוץ איהם איז קיינער ניט געווען. איי־נער אַליין איז ער געזעסען אין דעם וואַרימען צימער, וואו די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט יענע ספּעציפישע ריחות, וואָס מ'קאָן נאָר פיהלען אין אַזעלכע ערטער. עס איז געווען אַ נאַס וועטער, דערפאַר איז דאָ אויף דער פּאָדלאָגע געווען אויסגעשאָ־טען זעגאכץ און די גרויסע מילכיגע קאַץ, וועלכע האָט זיך אַרומ־געשפּאַצירט עפּעס גלאַט אַזוי זיך פון וואוילטאָג, און זיך געריבען דעם קאָפּ אָן אַ טישעל אָדער אָן אַ בענקעל, האָט פון צייט צו צייט אויסגעצויגען אַ פאָדערשט אָדער אַ הינטערשט פיסעל, קונציג־פלינק אַ שאָקעל געגעבען, קענטיג מיט דעם איינציגען ציל אויס־צוטרייסלען די זעגאכץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען צווישען די נעגעל.

איך האָב פאַרנומען אַ טישעל, געהייסען זיך דערלאַנגען אַ גלאָז קאַווע און ער האָט אַלץ נאָך געקוקט אין דער צייטונג, אַפילו איינמאָל זיך ניט אומגעקוקט צו מיר.

ענדליך האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבען און אויף מיר אַזאַ קוק געגעבען, ווי ער וואָלט מיך שוין לאַנג געקענט און ווי ער וואָלט שוין לאַנג אויף מיר פאַר עפּעס אומבאַוואוסטעס אַ שווער האַרץ געטראָגען, האָט פּאַמעליך אויסגעטרונקען דאָס גלאָז קאַווע און אין אַ פּאָר מינוט אַרום צוגעגאַנגען צו מיר, מיטשלעפּענדיג מיט זיך אין איין האַנט די צייטונג, און האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען מיין טישעל.

— ? ? ?...

קיין ווערטער האָב איך ניט געהאַט און ער האָט קוים באַ־מערקבאַר צוגעשמייכעלט. אָבער דאָס איז גיכער געווען אַ פּאַר־קרימעניש איידער אַ שמייכעלע, פון וואָס איין קנייטש אין דער זייט, וואו ער האָט געשמייכעלט, איז געוואָרען טיפער פון צוויי־טען און עקעלהאַפטער.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ניט אַראָפּנעהמענדיג פון מיר זיינע

ביידע שטעכענדיגע אויגען, וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון די ווייסע פענסנע, האָט ער פאַמעליך, מיט אַ מאָדנער שטילקייט ארייננעשטעקט די האנד אין בוזעם־טאַש און פאַמעליך, שטיל, ניט אראָפּנעמענדיג פון מיר קיין אויג, גענומען פון דאָרט עפּעס ארויסציהען און האָט מיר ענדליך אין זיין האַנט אַ פאָטאָגראַפיש בילד באַוויזען.

א שרעקליך געדודער איז אין די געדאנקען געוואָרען... פאַר די אויגען האָט מיר געפינטעלט... איך האָב ניט געוואוסט, אויף וועמען פריהער צו קוקען: אויף דאָס באַקאַנטע בילד, צי אויף דעם אומבאַקאַנטען... דער קאָפּ איז מיר אזוי שווער געוואָרען, ווי מ'וואָלט אויף איהם אַן אייזערנעם רייף פעסט אָנגעשלאָגען.

איך האָב שווייגענדיג אויסגעצויגען די האנט נאָך דעם בילד, נאָר ער האָט עס צוריקגעצויגען און די גאַנצע צייט איז פון איהם ניט אָפּגעטראָטען דאָס העסליך־מיאוס'ע שמייכעלע.

— ווער זייט איהר? — האָב איך אָנגעהויבען צו שטאַמלען — ווי קומט צו אייך דאָס בילד?

ער האָט ניט געענטפערט. די אויגען זיינען נאָך שאַרפער, שטעכענדיגער געוואָרען. ער האָט צוריק אַוועקגעלעגט דאָס בילד אויף דאָס זעלבע אָרט, פון וואַנען ער האָט עס ערשט ניט לאַנג ארויסגענומען, און זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן. איך האָב מיך גלייך אויפגעהויבען נאָך איהם און דאָס צווייטע מאָל געפרעגט:

— זאָגט מיר, ווי קומט צו אייך דאָס מיידעל?

— איהר ווילט עס שטאַרק וויסען? — האָט ער סאַרקאַסטיש א פרעג געטאָן, אָנקלאַפּענדיג מיט אַ זילבערנעם האַלבען־רובל אָן טישעל.

ער האָט באַצאָהלט, איך — נאָך איהם. איך בין איהם נאָכגעגאַנגען, ווי נאָך אַ צויבער־שטעקעלע, נאָכגעגאַנגען, און ער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף מיר.

— הערט!

— נו?...

— ווי קומט צו אייך דאָס מיידעל?...

— איהר ווילט עס שוין טאַקע וויסען? — האָט ער מיך מיט א ביטער איראָניש שמייכעלע געפרעגט.

— אנטשולדיגט!...

— ביטע!...

— איהר קענט מיך?...

— נו?

— איהר קענט דאָס מיידעל?...

— נו?...

מיר זיינען לאנג געשטאַנען אויף דערמיט טראָטואר און גע־קוקט איינס אויף דאָס אנדערע און, זעהט אויס, אז פונקט ווי איך האָב זיך פון איהם ניט געקאָנט אָפּרייסען, אזוי האָט ער עס ניט געקאָנט פון מיר. איך האָב געפיהלט, אז אויב איך וועל דאָ נאָך שטעהן מיט איהם עטליכע מינוט, וועט מיר די גאַל פּלאַצען און איך האָב פאר זיך אליין אומגעריכט פּלוצים אויסגערופען:

— הערט! וואָס ווילט איהר פון מיר?

ער האָט נאָך א לאַנגער פּויזע געפרעגט:

— קאָן מען ווען אריינגעהן צו אייך?

איך האָב לאַנג געקלערט, ניט געוואוסט, צי זאָל איך איהם זאָגען יאָ, צי ניין, און ניט געקאָנט משיג זיין, נאָך וואָס ער וויל מיך באַזוכען. און דאָס הארץ איז מיר אזוי שווער געווען...

— ...מיט פארגעניגען! — האָב איך געגען מיין ווילען געזאָגט און איהם אָנגעשריבען מיין אדרעס.

מיר האָבען זיך געזעגענט, ווי אלטע באַקאַנטע.

קלאַפּענדיג מיט די קנאַפּעל אין די בלאָטיגע שטיינער און, אָפּגעהענדיג עטליכע שפּאַן, האָט ער אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין די אַקסעל, צונויפגערוקט אויף הינטען די הענט אין די אַרבעל און איז האַסטיגע־ אוועק. איך האָב איהם א לאַנגע צייט נאָכגעקוקט, ביז ער איז פארלוירען געגאַנגען אין מיינע אויגען, אויסמישענדיג זיך מיט דעם שווארצען רוישענדי־

גען מענשען־פּאַס, וואָס האָט זיך געצויגען אין דער לענג פון טראָ־טואַר. געקומען אהיים בין איך פאַרנאַכט, אָנגעצונדען די לאָמפּ, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער קושעטקע און ס'האָט מיך אַוועקגעטראָגען אהין, אין דעם פּראָווינץ־שטערטעל, וואו איך האָב מיט „איהר", מיט'ן אָריגינאַל פון בילד, גאַנצע זומער־נעכט אַרומ־שפּאַצירט, שפּאַצירט אָהן אַ באַשטימטען פּלאַן, געגאַנגען, וואוהין די פיס האָבען געטראָגען... איך האָב מיך דערמאָנט אָן די צערטליך־בלאַסע, אומעטיגע לבנה־נעכט, אָן דער צויבערענדער שטילקייט, ווען אַלץ איז גע־לעגען אין אַ טיפען דרימעל, פאַרזונ־קען... שטיל און בלאַס, בלאַס און שטיל און האַרט ביי דער זייט אַ הייסער פרויען־קערפּער, וועלכער אָטעמט אַזוי שווער, אַזוי תאוה'דיג...

און עס ציהט ערגעץ אין דער אונענדליכער ווייטקייט, עס ציהט ווייטער פון די שטיבער, אהין ערגעץ, אונטער'ן שטאָדט. עס דאַכט זיך, אַז דאָרט ערגעץ וואַרט אויף דיר דאָס אמת־גוטע... ענג איז דיר דאָ צווישען די שטיבער, ענג פאַר דיין ברייט, היים־לי־בענד האַרץ, און מיר געהען ווייטער און ווייטער, שטיל, שוויי־גענדיג ווי עס שווייגט די גאַנצע נאַטור. און כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס אַ וואָרט, איז עס עפּעס ניט דאָס, וואָס דו ווילסט, ניט דאָס, וואָס דו פיהלסט, און עס באַקומט זיך אָן איינדרוק, אַז דו נאַרסט זיך, אַז דו נאַרסט זי...

און אָט איינמאָל בין איך מיט איהר ווייט אונטער'ן שטאָדט אַוועק. מיר האָבען ניט אָפּגערעדט צו געהן אהין. עס איז זיך אַליין געגאַנגען. ס'האַרץ האָט אונרוהיג געקלאַפּט, און געוואָלט האָט זיך זאָגען עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז נאָך ניט געזאָגט גע־וואָרען. מיר זיינען שטעהן געבליבען אויפ'ן באַרג נעבען „מאַגאַ־זין", נעבען דער לאַנגער, שוואַרצער בלינדער געביידע מיט די רויטע שטיינערנע זיילען. איך ווייס ניט, ווער ס'איז פריהער שטעהן געבליבען: איך, צי זי. און מיר האָבען זיך פאַרקוקט, טיף אין די אויגען פאַרקוקט, און האָבען זיך ביידע פאַרשעמט צושמייכעלט... אָט לאָזט מען זיך אויפ'ן גראָז אַראָפּ, פייכטער,

קיהלער גראָז, ווי פריש־אויסגעצוואָגענע האָר ביי א מיידעל... ביידע לאָזען מיר זיך גלייך אראָפּ און מ׳שעמט זיך עפּעס קוקען איינער דעם אַנדערען אין די אויגען אריין... מ׳איז אַזוי ריין, אזוי אומשולדיג און מ׳שעמט זיך... די לבנה שיינט איבער אונ־זערע קעפּ. שיטער פינקלען זויבער־בלאַסע שטערען און אונטען אין טייך, וואָס פליסט הארט ביים בארג, שפּיגעלט זיך אָפּ די אוי־בערשטע וועלט, א וועלט א פרעמדע, א ווייטע און דאָך א נאָ־ענטע, א ליבע. מיר דאכט זיך, אז מיר געפינען זיך צווישען צוויי הימלען: אונטען א הימעל, אויבען א הימעל, און ווייט זיינען זיי ביידע פון אונז, אזוי ווייט, אז ס׳איז אזש פארדריסליך און אומעטיג. און דאָך זיינען מיר ביידע מיט די הימלען מעהר פארנומען, ווי מיט דער ערד, אויף וועלכער מיר זיצען, און אויך מיין געליבטע איז מיר איצט עפּעס אזוי ווייט און דאָך אזוי נאָ־ענט און ליב... עס גלויבט זיך אָבער מעהר אין דער ווייטקייט, ווי אין דער נאָהענטקייט... דאָס לעצטע ווילט זיך בעסער פיהלען... ווינציג איז דאָס, וואָס זי זיצט נעבען מיר... איך נעהם זי ארום... ווינציג... איך קוש זי הייס, פלאַמענדיג... ווערט נאָך ווינציגער... ווינציג... ווינציג...

— — — — — — — — — — —

... נענוג...

ווער איז דאָ שולדיג? קיינער איז ניט שולדיג!... שולדיג בין איך אפשר נאָר מיט דעם, וואָס איך האָב מיט איהר ניט חתונה געהאַט. פאַרוואָס־זשע האָב איך מיט איהר ניט חתונה געהאט? גאַנץ איינפאך: איך בין מאַטעריעל ניט געווען באַזאָרגט, איך זאָל קאָנען פיהרען א פאַמיליען־לעבען... נאָר וואָס זאָל דאָס בילד באַדייטען?... זי האָט דאָס צונעשיקט מיט איהם, איך זאָל זיך דערמאָנען אָן איהר און גראָד צוגעשיקט מיט דעם מענשען, מיט וועלכען איך בין זיך אויף אזא אויסטערלישען אופן צונויפגעגאַנ־גען... און וואָס קעהר זי זיך אָן מיט איהם?... דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר! איך וויים גאָר ניט, וואָס צו קלערען...

מיט א שווער הארץ, ווי איינער, וואָס פיהלט א פאַרשטע־

הענד אומגליק, האָב איך זיך אריינגעוואָרפען אין בעט אריין און האָב לאַנג, לאַנג ניט געקאָנט אנטשלאָפען ווערען...

---

ער איז געקומען אין עטליכע טעג ארום, האָט שטיל געזאָגט „א גוט־אָווענט", פּאַמעליך מיר איוסגעצויגען די האַנט, האָט זיך אַוועקגעזעצט, ניט אויסטועענדיג דעם פּאַלטאָ און דעם הוט. איך האָב מיך אוועקגעזעצט אַנטקעגען איהם און ניט געוואוסט, פון וואָס מיט איהם אָנהויבען ריידען. געוואָלט האָב איך אָנהויבען פון „איהר", נאָר אָנגעהויבען פון זיך:

— איהר קענט מיך?

ער האָט פּאַמעליך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אין א ווייל ארום צוגעגעבען:

— איך האָב געזעהן אייער פאָטאָגראַפיע...

— נו?...

— ווען איהר זייט געקומען דינגען דאָס צימער, האָב איך אייך גלייך דערקענט...

— א—א... נו? — האָב איך אויסגערופען, דערמאָנענדיג זיך אָן דאָס משונה'דיגע געפיהל, וואָס איך האָב איבערגעלעבט די עטליכע מינוט, וואָס איך בין דאָרט געשטאַנען — נו, וואָס־זשע האָט זי אייך דערצעהלט וועגען מיר?...

— איך האָב אייך גלייך דערקענט! — האָט ער ווידער אי־בערגע'חזר'ט דיזעלבע ווערטער און קענטיג איז געווען, אז איהם איז זעהר שווער ווייטער צו ריידען.

— נו?...

— און מיר האָט באַנג געטאָן, וואָס איך האָב זיך מיט אייך ניט באַקענט...

— אייך האָט באַנג געטאָן, וואָס איהר האָט זיך מיט מיר ניט באַקענט?...

— מיר האָט עס זעהר באַנג געטאָן!...

— הערט! — האָב איך אויסגערופען, פאַרלירענדיג די גע־דולד — זאָגט מיר, וואָס קעהר זיך מיט אייך אָן די פּערזאָן...

אין צוויי ווערטער זאָגט מיר, ועט מיר אַלץ קלאָר ווערען און איהר וועט מיך פאַרשפּאָרען צו מאַטערען... צי קאָנט איהר עס מיר גלייך ניט זאָגען?

ער האָט אויף מיר אַ גיפטיגען קוק געוואָרפען, האָט טיפער איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין די אַקסעל, ווי ער וואָלט אין זיך געוואָלט אריין, און מיר איז דערפון אזוי אומעטיג און קאַלט גע־וואָרען.

אין א ווײַלע ארום האָט ער ביי דער לאָמפּ פאַררויכערט א פּאַפּיראָס און, פאַרשלונגען דעם גאַנצען רויך, מיט א שטיל ביטער קול געזאָגט:

— צי איז אייך ניט באַוואוסט, אַז די פּערזאָן איז אין אייך שטערבליך פאַרליבט?

— פאַרליבט?... יאָ, אָבער?...

— וואָס קעהר זיך דאָס אָן מיט מיר? ווילט איהר פרעגען... איהר וועט עס ניט וויסען, ביז איהר וועט מיר ניט זאָגען, וואָס צווישען אייך איז פאָרגעקומען...

— דעטאַלען זיינען איבעריג... ווייטער, זעה איך, איז אייך אַלץ באַוואוסט און, צווייטענס, איז מיר אויך זעהר שווער פון דעם צו ריידען...

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס ביי מיר זיינען געבליבען וועגען איהר די שענסטע איינדריקען!...

— וואָס הייסט עס?

— דאָס הייסט, אַז איך האָב זי נאָך ליב, דערפאַר איז מיר שווער וועגען דעם צו ריידען.

— אָך, איהר האָט זי נאָך ליב! — האָט ער נצחונ׳דיג אויס־גערופען — נו, פאַרוואָס־זשע האָט איהר מיט איהר ניט חתונה געהאַט?

— פאַרשידענע אומשטענדען...

איך האָב מיך אָן אויפגערעגטער אָנגענהויבען אַרומצודרעהען איבער'ן צימער.

— ווייסט איהר, וואו זי איז היינט! — האָט ער אויסגע־רופען מיט אַ ציטערדיגער שטים, — איהר ווייסט וואו?... איהר ווילט ויסען, וואו אייער געליבטע געפינט זיך?...

— ... נו... נו... נו...

— אין אַ שאַנד־הויז!...

— נידערטרעכטיגער מענש! — האָב איך אויסגעשריען, — איהר זאָגט אַ פרעכען ליגען! — איך האָב איהם אָנגעכאַפּט ביי די לאַצען פון פּאַלטאָ און, טרייסלענדיג איהם, ווייטער געשריען:

— נידעריגער מענש! איהר זאָגט עס מיר אונמיסטען, ס'זאָל מיר וועה טאָן!...

---

ער האָט זיך ניט געוועהרט. ער האָט מיר נאָר הינטען מיט איין האַנט אָפּגעשטופּט די פיס, איך זאָל איהם ניט צוטרעטען. די פּענסנע, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלען, טרייסלענדיג איהם, אויך דער קאַפּעליוש איז אַראָפּגעפאַלען און האָט זיך אַוועקגעקייקעלט אויף דער מיט צימער...

נאָך אַ לאַנג שווער־דריקענדער פּויזע האָט ער זיך פּאַמעליך אויפגעהויבען, האָט געמאַכט אַ פּאָר ניט־דרייסטע שפּאַן, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ געוואָלט אַהינטאָן, נאָר ניט געוואוסט וואוהין. אויף לעצט איז ער צוגעגאַנגען צו דער קושעטקע, האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט, אָנגעשפּאַרט די עלענבויגענס אויף די ליטקעס, איינ־געגראָבען דאָס פּנים אין די הענד און איז אַזוי אַ לאַנגע צייט געזעסען מיט אַן אויסגעבויגענעם, איינגעגראָבענעם רוקען. פּלוצים האָבען זיך די אַקסלען אָנגעהויבען צו באַוועגען אַרויף און אַראָפּ און שפּעטער אַ ווײַלע האָט זיך דערהערט אַ שטיל איינגעהאַלטען כליפּען...

איך בין אַ פּאָר מינוט געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער. קאַלטע

שטראָמען האָבען זיך ווי שלענג געוואָרפען און געפּאַסעוועט די פּלייצעס מיינע. דער שאַרבען האָט געגליווערט, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז איין האָר פון דעם אַנדערען טיילט זיך אָפּ און קיצעלט, ווי דאָרטען אויפ'ן קאָפּ וואָלט קיין האָר ניט געווען, נאָר ווערעמלאַך, קאַלטע ווערעמלאַך וואָלטען זיך גערויהעט. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, האָב ניט געוואוסט, מיט וואָס איהם צו באַרוהיגען... מיר איז אַלץ קלאָר געוואָרען. דערפאַר האָב איך אפילו קיין דרייסט ניט געהאַט צוגעהן צו איהם... מיינע ליפּען האָבען זיך אונזיניג געשאָקעלט, נאָר קיין איין וואָרט האָט זיך ניט געהערט... לאַנג בין איך אַזוי געשטאַנען, זעהר לאַנג, און פּלוצים, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, בין איך אויף די קני געפאַלען, האָב פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אויף זיינע פיס און האָב זיך אויך צוואויינט...

— — — — — — — — — — — —

גענעכטיגט האָט ער ביי מיר. און כאָטש ער איז שטיל גע־לעגען, האָט ער מיך דאָך רוהען ניט געלאָזט.

— איהר מוזט אודאי ניט קאָנען שלאָפען איבער דער לאָמפּ?

— האָב איך אַ פרעג געטאָן...

— ניין, מיך אַרט ניט! — איז געווען אַ קורצער ענטפער.

איך האָב אַוועקגעטראָגען די לאָמפּ אויפ'ן טיש, אַביסעל איינגעדרעהט און זיך אַריינגעוואָרפען אין בעט אַריין.

— אויב איהר ווילט, קאָנט איהר אויסלעשען די לאָמפּ! — האָט ער געזאָגט אין אַ פּלוצעהן מינוט אַרים.

— עס שטערט אייך?...

— ניין, מיך אַרט ניט... איך מיין, אפשר האָט איהר עס געלאָזט פון מיינטוועגען ברענען...

— ביי מיר ברענט תמיד די לאָמפּ, — האָב איך געזאָגט אַ ליגען און, כ'לעבען, איך וויים ניט פאַרוואָס. איך האָב מורא געהאַט אויסצולעשען די לאָמפּ, און כדי צו ווייזען איהם, אַז איך האָב קיין מורא ניט, האָב איך דרייסט צוגעגעבען: אויב איהר ווילט, קאָן איך אויסלעשען...

— ניין, מיר מאַכט ניט אויס... אַלץ איינס... ס'אַרט מיך ניט... און דאָס קול זיינס האָט מיר געקלונגען עפּעס אַזוי ווייט, אַזוי פרעמד, אַזוי ניט היימליך...

יאָך בין די נאַכט זעהר אומרוהיג געשלאָפען... קאַלטע, אומ־רוהיגע, שיטערע חלומות האָבען מיר זיך געדרעהט אין קאָפּ און אין די אַלע חלומות האָט פיגורירט עפּעס איינע, אַ לאַנג־אויס־געצויגענע פיגור, פאַרהילט אין אַ געדיכטער פינסטערניש. און מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען קאָנצענטרירט אויף דער געהיימניספולער פיגור... איך האָב ניט געוואוסט, ווער זי איז, וואָס זי איז, איך האָב זי נאָר געפיהלט נאָהענט נעבען זיך. און געווען איז מיר פון איהר אַזוי שרעקליך!... איך האָב מיך אַ פּאָר מאָל דורך דער נאַכט אויפגעכאַפּט און בין געווען צופרידען, וואָס איך האָב איהם אַלע מאָל געטראָפען שלאָפען...

איינמאָל, שוין טיף אין דער נאַכט, האָט ער ביי מיר געבעטען אביסעל וואַסער, וואָס איך האָב איהם באַלד מיט אַ געוויסער צופרידענהייט צוגעטראָגען. איך בין געשטאַנען נעבען איהם און געוואַרט ביז ער האָט אויסגעטרונקען און, אַוועקשטעלענדיג דאָס גלאָז אויפ'ן טיש, בין איך לאַנג געשטאַנען און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. עפּעס האָב איך געפיהלט, אַז איך דאַרף עפּעס טאָן פאַר דעם אומגליקליכען, נאָר ניט געוואוסט וואָס... איך האָב מיך דערפיהלט צוגעבונדען צו איהם, צו אָט־דעם פרעמדען, און האָב געזוכט עפּעס איהם צו זאָגען אַזעלכעס, איך זאָל ניט זיין צוגעבונדען צו איהם, און האָב דאָך ניט געפונען...

ענדליך האָט אָנגעהויבען צו טאָגען. דאָס פענסטער איז בלאַס געוואָרען. און געדאַכט האָט זיך, אַז אַ שטומע אומעטיגע בענקשאַפט האָט דאָס צימער פאַרגאָסען... עפּעס האָט וועה גע־טאָן... עפּעס האָט שטום־פיינליך באַנג געטאָן... עס האָט זיך געבענקט נאָך יענע זומער־נעכט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט דעם מיידעל אין פּראָווינץ־שטעדטעל... ניט געגלויבט האָט זיך, אַז איך האָב אַמאָל אַזעלכע גוטע, גליקליכע מינוטען איבערגע־לעבט. ווי אַ חלום, ווי אַ לאַנג־פאַרגאַנגענער חלום, איז דאָס מיר

געשטאַנען פאַר די אויגן און צוזאַמען מיט די וואַקסענדע ער־אינערונגען איז מיר דער מענש, אָט־דער פרעמדער, וואָס איז דאָ נעבען מיר געלעגען, געוואָרען אַלץ נעהענטער און נעהענטער...

— איהר שלאָפט ניט ? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

ער האָט מיר מיט אַ באַוועגונג געגעבען צו וויסען, אַז ער שלאָפט ניט.

אין עטליכע מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען אויף די פיס. ער איז געווען אַזוי געל, האָט געהאַט אַזאַ פאַרמאַטערט אויסזעהן, אַז מיר איז טרויעריג געוואָרען צו קוקען אויף איהם. ער האָט גע־מאַכט אַ פּאָר טריט אהער, אַ פּאָר טריט אהין, די הענט זיינען איהם נאָכגעהאַנגען, ווי פרעמדע, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט טאָן, נאָר ניט געוואוסט, וואָס. איך האָב מיך אויך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— הערט, געהט ניט אַוועק, איך וועל מאַכען טיי.

ער האָט ניט געענטפערט און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— וואוהין ?... איהר וועט ניט געהן !

עס האָט מיך געשוידערט... אַ מיסטיש געפיהל האָט דורכ־גענומען דאָס גאַנצע וועזען מיינס... און געוואָלט האָב איך איהם וועגען עפּעס בעטען... איהם פאַרהאַלטען דאָ ביי מיר אין צימער... איהם אוועקזעצען דאָ... ער זאָל זיצען לאַנג, לאַנג... נאָר ער האָט מיט אַ האַרטער שטילקייט געעפענט די טיר. איך האָב קיין דרייסט ניט געהאַט איהם צו פאַרהאַלטען און בין איהם נאָכגע־גאַנגען פוס־טריט. ער האָט געעפענט די צווייטע טיר אין קאָ־רידאָר אריין און איך האָב איהם שטום נאָכגעקוקט, ווי ער האָט זיך פּאַמעליך פון די טרעפּ אַראָפּגעלאָזט. בין אַזוי לאַנג געשטאַ־נען, ביז איך האָב געהערט די טריט זיינע אויף די טרעפּ — — —

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך באַגעגענט אין די צייטונגען צווישען דער שטאָדט־כראָניק פאָלגענדע שורות:

„אין אַלעקסאַנדער־פּאַרק האָט מען געפונען אַ פאַרגיפטעטען

איינעם א יונגענמאַן, נאָכ׳ן פּאַס — שמואל לאַנדסמאַן. די סבות פונ׳ם זעלבסטמאָרד זיינען אומבאַוואוסט. דעם טויטען קערפּער האָט מען אריבערגעפיהרט אין פּראָזעקטאָריום, מעלניצקאיא 5, עס ווערען געבעטען פאַרוואַנדטע אָדער באַקאַנטע צו דערקענען איהם און ברייגנען צו קבורה".

איך בין באַלד אַוועקגעלאָפען אהינצו און — איך האָב איהם דערקענט.

# אין איין טאָג.

א נאכטיגער פריהמאָרגען מיט א פייערדיגער, גליהענדער זון האָט זיך אויסגעשניטען פון האָריזאָנטאַלער ווייטקייט, פון ברייט טטעפּישען געגענט, וואָס איז געווען גערעקט באוואקסען מיט פאר־שידענע פארבען און קאָלירען פון פארשידענע געוויקסען. צווי־שען די גרינע זאנגען איז נאָך די נאכט געזעסען, האָט געראָהט דאָרטען אזוי זאפטיג און קיהל, ווען אויבען האָבען שוין ווי נע־דעלאך געגלאנצט זייערע גרינינקע שפּיצעלאך אנטקעגען די משופּע'דיגע שטראהלען פון דער זון, וואָס האָבען נאָך ניט גע־ווארעמט, נאָר געלויכטען, און פון יעדען פינטעל וואָס איך האָב געגעבען מיט די אויגען, האָבען זיך פון ווערסטען־ווייט, פונ'ם האָריזאָנט, וואו די זון האָט זיך ארויסגעשניטען, געצויגען לאנגע גאָלדענע פעדים.

ס'איז געווען האלב דריי אזייגער. האלב דריי ביינאכט איז די זון געקומען עפּעס אזוי גלייך און פּלוצלונג אָהן א פארטאָג... ניט ווי א בייטאָגיגע האָט זי, די זון, זיך געוויזען, נאָר ווי א נאכטיגע און האָט אזוי איבעררּאשט מיט איהר ליכט... די נאכט האָט נאָך ניט באוויזען צו פארשווינדען, איז נאָך פארבליבען אויפ'ן שוים פון דער ערד צווישען גראָזען און זאנגען מיט שאָ־טענדלאך, וואָס האָבען זיך אָפּגעשלאָגען פון יעדער קלייניגקייט.

ס'איז געווען איינע פון די קלענסטע זומער־נעכט, און איך בין אזוי איבעררּאשט געוואָרען, ווען איך האָב מיך פון מיין זי־צענדיגען דרעמעל אויפגעכאפּט און דערזעהן פאר זיך א ים מיט ליכט צוגאָסען און ס'האָט אין מיר אויפגעריסען אזא בענקשאפט. מיט אמאָל האָט זיך מיין הארץ צועפענט און איך האָב געפיהלט

ווי צוזאַמען מיט די משופּע׳דיגע שטראַהלען פון דער זון, וואָס איך ציה צו זיך מיט יעדער פּינטעל פון מיינע אויגען, אַז מיט יעדער סעקונדע וואַקסט דאָס האַרץ מיינס, ווי די ליכטיגע שטראַהלען וואָלטען געפאַלען אהינצו אין מיין האַרץ אריין... איך האָב געפיהלט גלייך ווי צו מיר וואָלט אַ צווייטע יוגענד געקומען, אַ צווייטע און אַ נייע, אַן אומבאַקאַנטע, פול מיט לוסט און פרייד, פון אַ ניי־געבוירען און רייף לעבען, וואָס האָט גלייך און איינצייטיג מיט׳ן געבוירען ווערען דערפיהלט אַלע זיסקייטען פון ניי־געבוירענער רייפקייט...

איך בין געפאָהרען פון איין גרויסער שטאָדט אין אַ צווייטער, אין נאָך אַ גרעסערער, און דאָס וואָס איז פריהער מיט אַ צעהן שעה, ווען איך בין פון יענער שטאָדט אַרויסגעפאָהרען, פאַר מיר געווען אַזוי פאַרשטענדליך און נויטיג, האָב איך איצט אָט די נויטיגקייט ניט געקענט באַנעמען און באַגרייפען... נאָך וואָס און צוליב וואָס?... דאָס גאַנצע שטאָדטישע לעבען האָט ביי מיר אין גאַנצען זיין זין פאַרלאָרען.

אין לאָמטערן האָט געברענט און דערברענט אַ שטיקעל ליכט, ס׳איז שוין כמעט ווי ניט געווען וואָס ס׳זאָל דאָרטען ברענען און דער קאָנדוקטאָר האָט ניט געהאַט וואָס אויסצולעשען, האָט ער אַזוי, פון ווייטענס, אַ קוק געטאָן אויף דעם לאָמטערן און איז זיך ווייטער אַוועק זיין גאַנג, דרעהען זיך פון איין וואַגאָן אין אַ צווייטען. און מיט זיך אַליין און מיט זיין גאַנג עפּעס אַזוי ווי געהאַלטען צונויפגעשמאָלצען די צייט פון פאָהרען, צייט־פאַרנעם פון נאַכט און טאָג, ווי גלייך ס׳וואָלט אַזעלכעס פאַר איהם ניט עקזיסטירט... איך האָב איהם אַזוי נאָכגעקוקט און באַטראַכט דעם לאַקירענעם פּאַסיק, וואָס האָט איהם העלפט אויף העלפט צוטיילט אויף הינטערשטער און אויף אויבערשטער, און עפּעס אַזוי נעבעלדיג אריינגעטראַכט וועגען איהם און ניט געוואוסט וואָס... יאָ, איך האָב איהם, דאַכט זיך, געוואָלט פרעגען צו וואָס פאַר אַ סטאַנציע מיר דערנעהנטערען זיך. איך האָב געוואוסט, אַז ערגעץ דאָ נאָהענט דאַרף איך פאַרבייפאָהרען מיין געבורט־שטעד־

טעל, און איך האָב אויף קיין פּאַל ניט געוואָלט דורכלאָזען די געלעגענהייט כאָטש פון ווייטען, פון וואַגאָן־פענסטער, א קוק גע־בען אויף דער סביבה און באַקאַנטע געגענט וואָס איך האָב שוין ביי פינף־און־צוואָנציג יאָהר ניט געזעהן... יאָ, פינף־און־צוואָנציג יאָהר... ווען ס'וואָלט ניט געווען קיין צייט־רעכנונג, וואָלט איך ניט געגלויבט, אז ס'איז שוין אזאַ לאַנגע צייט אוועק. פערצעהן, דאָס פופצעהנטע יאָהר בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב דאָס שטעדטעלע מיינס פאַרלאָזט. צו יענער צייט האָב איך געהאַט א פריינדעלע, וואָס ווען איך האָב גערעדט פון פאָהרען, האָט עס ניט געוואָלט הערען. דאָס פריינדעלע מיינס, וואָס איז געווען אין מיינע יאָהרען און אפשר ווינציגער מיט א יאָהר פון מיר אַלט...

און איך האָב זיך אזוי אריינגעטראַכט וועגען איהר. זי האָט אזוי גענומען ארויסשווימען אין מיין זכרון נאָך פינף־און־צוואָנציג יאָהר, וואָס איך האָב אין גאַנצען געהאַט אָן איהר פארגעסען, און דערמאָנט האָב איך זיך ווי עפּעס איינמאָל בין איך אריין צו זיי אין שטוב און זי געטראָפען אין בעט ליגען, זי איז געלעגען קראַנק און ס'האָט מיך געוואונדערט, וואָס די מאַמע איהרע נעהמט זיך גאָר ניט צום הארצען די קריינק איהרע... עפּעס איז יאָ גע־ווען א שטימונג א שטילע, אָן אָנגעצויגענע, אָבער ניט קיין אר־מעטיגע, און ווען איך האָב געפרעגט ביי איהר, ביי דער מוטער, וואָס לאה'לען איז, האָט זי זיך צושמייכעלט און זי, לאה'לע, דער חולה אַליין, האָט פאַרגראָבען דאָס פּנימ'ל איהרס אין קישען אריין. די מוטער האָט גלייך אויף איהר אָנגעשריען און האָט זי אַליין אויסגעדרעהט צוריק און זי אוועקגעלייגט מיט'ן פּנים ארויף, און דאָס מיידעלע האָט געקוקט אויף מיר און געשמייכעלט א פאַר־שעמטע, און אין די אויגען איהרע האָט עפּעס געבלאַנדזשעט א פרעמדער „אויסקוק", אָבער אָט־דאָס פרעמדע, אָט־דאָס נייע, האָט אזוי געצויגען און געשלעפּט צו זיך... אַליין איז דאָס גע־ווען אזוי בלאַס מיט בלויע רעדער אונטער די אויגען, אָט־די בלוי־קייט, וואָס גיט צו אזוי פיל יוגענד און אומשולד ביי דערוואַקסענע מיידלאך און יונגע פרויען, און ביי יונגע מיידלאך מאַכט עס א

פאַרקעהרטען איינדרוק... איך האָב באַמערקט (און ניט געקענט באַגרייפען אָן וואָס איך באַמערק עס), ווי עפּעס איז פון איהר פאַרשוואונדען און אַז עפּעס איז איהר צוגעקומען, באַמערקט אַן אומבאַמערקבאַרע פאַרענדערונג... כ'האָט צייטענווייז אַזוי דורכגעבליקט עפּעס אַ מיידעלשער אויסדרוק...

איך האָב פּלוצלינג דערשפּירט ווי דער צוג שטעלט זיך אָפּ, און נאָך איידער איך האָב מיך געכאַפּט אַ קוק צו טאָן אויף וואָס פאַר אַ סטאַנציע איך בין, האָב איך צו מיין גרויסער איבעראַשונג דאָס באַקאַנטע וואָקזאַלכעל מיט די צוויי לאַנגע טאָפּאָלען דער־זעהן... ביי מיר האָט זיך באַקומען אַזאַ באַגריף, אַז איך האָב עס דערזעהן, דאָס וואָקזאַלכעל, נאָך איידער איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם, און ניט געטראַכט, האָב איך געכאַפּט מיין רענצעל און אַרויס פון וואַגאָן און אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע... צו וועמען? נאָך וואָס? איך האָב ניט געטראַכט וועגען דעם. נאָר ס'האָט מיך אַ ציה געטאָן, בין איך אַראָפּ און אליין ניט געוואוסט צי בין איך אַראָפּ נאָר אויף די פּאָר מינוט וואָס דער צוג דאַרף דאָ שטעהן, צי? ... און איך האָב שוין גאָר פאַרוואונ־דערט אָנגעקוקט דעם בעל־עגלה וואָס איז גלייך אויסגעוואַקסען לעבען מיר מיט דער בייטש אין האַנט און געפרעגט צי איך פאָהר אין שטאָדט אריין.

און פּונקט אַזוי ווי איך האָב מיר ניט געקענט אָפּגעבען קיין רעכנונג, וואָס איך וועל דאָרטען טאָן אין שטעדטעל, אַזוי, פאַרקעהרט, האָב איך ניט געקענט משיג זיין, וואָס איך וועל דאָר־טען ניט טאָן.

---

ערשט מיט אַ דריי שעה שפּעטער האָבען מיר זיך אויפגע־זעצט אויפ'ן וואָגען און אַוועקגעפאָהרען אין שטעדטעל אריין. דער בעל־עגלה האָט געוואַרט אויפ'ן צווייטען צוג, ווייל מיט מיר אליין האָט זיך איהם ניט געלוינט צו פאָהרען די צוועלף וויאָרסט וואָס זיינען געלעגען פון וואָקזאַל ביז'ן שטאָדט אריין. ער האָט געקראָגען פון צווייטען צוג נאָך אַ פאַרשוין, אַ אידען מיט אַ גרוי־

סען פאַרשמאַלצעוועטען רייזע־טאַש, וואָס האָט זיך אוועקגעזעצט און זיך פאַרנומען ברייט צו זיצען אויפ׳ן אויבענאָנעדיגען פּלאַץ אין וואָגען, און אַזוי גלייך ווי פערד און וואָגען האָבען פאַרלאָזט די וואקזאַליגע סביבה, האָט דער איד פאַרפיהרט אַ שמועס מיט׳ן בעל־עגלה און געפרעגט ביי איהם אויף איינעם, וואָס ער האָט אָנגערופען מיט׳ן נאָמען מאיר וואָלף.

— וואָס מאַכט עפּעס מאיר וואָלף, האַ?

— מאיר וואָלף? אָ־אָ, ער האָט זיך שוין לאַנג אויסגע־שלאָפען!...

— וואָס, טאַקע? — האָט מיין שכן די צוויי ווערטער ווי פון שטיין אויסגעהאַקט און מיט דערזעלבער שווערקייט פאַרטגע־זעצט: — אַזוי, געשטאָרבען? ברוך דיין אמת! אַ וואוילער איד געווען, ניט געוואָלט שטאַרבען, אי האָט ער ניט געוואָלט שטאַרבען! אויף איהם קען מען טאַקע זאָגען דעם פּסוק: בעל כרחה אתה מת! — און ווי ער וואָלט ערשט נאָר וואָס דער־פיהלט, אַז נעבען איהם זיצט עפּעס אַ לעבעדיגער פּאַרשוין, האָט ער אַזוי אויסגעדרעהט צו מיר דאָס פּנים זיינס און זיך אַזוי פאַר זיך, און איך זאָל אויך הערען, אַ זאָג געטאָן — סוף כל אדם למות!

און דאָ איז געשעהן איינע פון די מערקווירדיגסטע זאַכען, וואָס עס איז מיט מיר ווען געשעהן. איך האָב חרטה געקראָגען אויף דעם גאַנצען אויפטו אויף מיינעם. פריהער האָב איך גאָר ניט געזעהן קיין קרומקייט אין דעם, וואָס איך האָב איבערגעריי־סען מיין וועג און פאָהר אויף עטליכע שעה אָנקוקען מיין געבורט־שטעדטעל. דאָ אָבער האָב איך פּלוצלונג דערפיהלט, אַז איך טו עפּעס אַ נאַרישע, זינלאָזע זאַך, עפּעס ווי דער גאַנצער ציל פון מיין פאָהרען וואָלט געווען אָנצוקוקען מאיר וואָלפ׳ן, וואָס איך האָב געדאַרפט אָנשטרענגען מיין זכרון צו דערמאָנען זיך ווער דער מאיר וואָלף איז געווען. אָבער ניט אָן דעם האָט עס זיך געהאַנדעלט. ווי יעדער איינער, וואָס פאָהרט נאָך אַ לאַנגער אָפּ־וועזענהייט אין זיין געבורט־שטאָדט, מעג עס זיין אין צעהנדליגע יאָהרען ארום, פאַרגעסט ער גאָר אין גאַנצען אָן די צעהנדליגע

יאָהרען, וואָס זיינען אוועק, און מיינט, אַז ער וועט טרעפען דאָס־זעלבע שטעדטעל, דיזעלבע מענשען פּונקט אַזוי און פּונקט אַזעלכע ווי ער האָט געלאָזען דאָס שטעדטעל און זיי, די מענשען, מיט יאָהרען צוריק... מען פאַרגעסט אַז די אייגענע יאָהרען, וואָס מען האָט אָפּגעלעבט און וואָס מ'איז אַלט, מען דערפיהלט זיך אריבערגעוואָרפען אין גאַנצען צו דער פאַרגאַנגענהייט, און ס'דוכט זיך דיר, אַז דו ביזט דאָס זעלבע אינגעלע, אין דיזעלבע יאָהרען, ווי ווען דו האָסט דאָס שטעדטעל אוועקגעוואָרפען, און פון דעם האָט מיר דער טויט פון דעם יאָ באַקאַנטען און ניט באַקאַנטען, געשטאָרבענעם מאיר וואָלף, אויסגעניכטערט... איך האָב מיך גע־כאַפּט און מיט ביטערניש און יאוש אריינגעטראַכט, אַז איך בין דאָך שוין אַליין ביי פערציג יאָהר אַלט, און יענע, אָט־די לאה'קעלע, אַ דאַנק וועלכער איך האָב אונטערגענומען אָט־די גאַנצע נסיעה אין דער שטאָדט אריין, איז דאָך שוין אויך אַ פערציג־יאָהריגע אידענע, מעגליך שוין אַ באָבע. די אַלטע זיינען זיכער שוין אויס־געשטאָרבען, און די יונגע זיינען אַלט געוואָרען, אַז איך וועל אריינ־פאַלען אין אַ ווילד־פרעמד שטעדטעלע, וואו קיינער וועט מיך ניט דערקענען און איך קיינעם ניט...

איך האָב מיך לכתחילה געוואָלט לאָזען דערקענען צו דעם אידען און געוואָלט ביי איהם פרעגען ווער ער איז אַליין, ווייל ער האָט מיר אויסגעזעהן ווי באַקאַנט צו זיין, אָבער אַ דאַנק אָט־דעם פאַרשטאָרבענעם מאיר וואָלף'ן, האָב איך צו דעם דעם גאַנ־צען חשק פאַרלאָרען און באַלד דערפיהלט, אַז פון דעם פריהמאָרגען, וואָס האָט זיך מיר פּלוצלונג פאַר מיינע אויגען צועפּענט ווי אַ פרישע נייע יוגענד, און פון פריהער מיט עטליכע שעה ביז איצט בין איך געעלטערט געוואָרען אויף גאַנצע צוויי צעהנדליג יאָהר.

דער איד האָט שפּעטער געוואָלט מיט מיר פאַרפיהרען אַ שמועס, און ווי דער שטייגער פון אַ אידען, האָט ער זיך אָנגע־הויבען ביי מיר אויסצופרעגען פון וואַנען איך פאָהר, וואוהין איך פאָהר און נאָך וואָס איך פאָהר, און צו וועמען איך פאָהר. איך

האָב זעהר ניט גערן און ניט אויף אַלע פראַגעס זיינע געענטפערט... איינציייטיג מיט מיין שלעכטער שטימונג און מיינע פעסימיסטישע געדאַנקען האָט זיך רחבות'דיג צוואוואקסען און צושפּרייט דאָס פעלד, דאָס זעלבע פעלד און דערזעלבער זאַמדיגער שליאַך, וואָס האָט זיך געצויגען מיט טיף־איינגעשניטענע „קאָלייעס" איצט פונקט אַזוי ווי אַמאָל, ניט געענדערט... און איך האָב גלייך דערפיהלט, אַז איך געפין זיך אויף היימישער ערד. איבער דער גאַנצער זאַמדיגער ברייט און לענג האָבען אַרויסגעקוקט קרעמע־ניעס און יעדער קרעמען האָט פון זיך אָפּגעשלאָגען מיט בינטע־לאַך שטראַהלען, וואָס האָט באַצירט און באַשיינט אָט־די זאַמ־דיגע איינטאָניגקייט, און ס'איז געוועזן ליב און אנגענעהם צו הערען ווי די פערד האָבען פון צייט צו צייט ווייך און היימיש אָנגעקלאַפּט מיט זייערע באָרוועסע (ניט געשמידטע) פיס אין די קרעמענעס, אָט פונקט אַזוי ווי מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק. איך האָב געטראַכט, אַז ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק, ווען איך בין אָפּגעפאָהרען פון שטעדטעל, האָבען מיך אפשר געפיהרט די טאַטעס און מאַמעס אָדער די זיי־דעס און באָבעס פון די פערד, וואָס פיהרען מיך איצט...

די זון האָט זיך אַלץ העכער און העכער גערוקט און ס'איז געוואָרען אַלץ הייסער. און, מערקווירדיג, וואָס איך האָב געהאַט אַזאַ נעבעלדיגען באַגריף, אַז דאָס איז ניט דיזעלבע זון וואָס איך האָב געזעהן ביים אויפגאַנג, און מיר האָט זיך גערדאַכט, אַז ווען ניט די צייט־רעכנונג, ווען עס וואָלט אויף דער וועלט קיין זייגערס ניט געווען, וואָלט איך פעסט געווען איבערצייגט, אַז פון יענעם פריהמאָרגען איז אַוועק אַן אייביגקייט... אַלעס האָט זיך אַזוי ראַדיקאַל געענדערט אַרום מיר און אין מיר, עפּעס אַזוי ווייט און אַזוי אַנדערש... גאַנץ פריה האָב איך געזעהן אַן אַנדער וועלט און איצט זעה איך אַן אַנדערע... אין פריהמאָרגען בין איך געווען סענטימענטאַל און יונג, פול מיט ענערגיע און גלויבען, און איצט בין איך אַזוי אַלט, בייז און טרוקען, און אין די געדאַנקען דרעהט זיך עפּעס אַ געשטאָרבענער מאַיר וואָלף, וואָס איך וויים און ווייס

ניט ווער דער לעבעדיגער און פאַרשטאַרבענער מאיר וואָלף איז געוועזן. מיר ווילט זיך עס וויסען, אָבער פויל מיך צו פרעגען, און צוזאַמען מיט איהם דרעהט זיך איינע אַ לאה׳קע, וואָס האָט שוין אפשר אַן איניקעל אָדער צוויי, און זי שטעהט מיר דאָך פאַר די אויגען, ווי זי איז אין בעט געלעגען...

די פערד זיינען געגאַנגען מיט אַ לויפעלע אָדער געלאָפען מיט אַ געהעלע, אָט ווי קלוגע פערד טוען עס אָפט אָפצונאַרען די בייטש, וואָס פלאַטערט איבער זייערע רוקענס, און פון צייט צו צייט האָבען זיך די פיס זייערע אָנגעקלאַפט אָן די האַרטע קרעמעניעס, וואָס זיינען אונטער׳ן דרוק פון פערדישען פוס ווייך זיך באַהאַלטען אונטער׳ן זאַמד, און ערגעץ־וואו און אין ערגעץ ניט, אָדער אומעטום, האָט זיך אין ריינעם דורכזיכטיגען אויר געלאָזט הערען אַן אָפגעריסענער און אָפגעהאַקטער זונג, קוויטש און פיטשט פון אַ פויגעלע, וואָס מ׳האָט עס ניט געזעהן וואו דאָס איז און פון וואַנען דאָס קול׳כעל לאָזט זיך הערען, נאָר עפּעס אַזוי ווי פון דער ריינער לופט איז דאָס געקומען, פון גרויסער און ברייטער פעלד־שטילקייט און פון גרויסען יום־טוב פון זומער, פון ווארימקייט און פון נאַטור, וואָס לעבט און קוועלט הינטער׳ן הויכען בלויען הימעל און הינטער דער ליכטיגער ברענענדער זון...

אך, ווי גוט עס וואָלט געווען ווען מאיר וואָלף וואָלט געלעבט און ווען לאה׳קע וואָלט נאָך קיין באָבע (אַ מאַמע דאָך זיכער) ניט געווען; ווען איך וואָלט זי געטראָפען אָט אַזוי ווי דאַמאָלס, אַזאַ פאַרשעמטע, אַזאַ בלאַסינקע... גאָט מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו אַזוי אַוועקגעשטעלט דאָס לעבען, פאַרוואָס?... איך בין יונג, איך פיהל מיך אַזוי יונג, אָבער דער געדאַנק וועגען די פאַרגאַנגענע יאָהרען... אָבער וואָס איז דאָ גאָט שולדיג? ניין, גאָט איז דאָ גאָרניט שולדיג, נאָר מענשען וואָס האָבען צומאָסטען די צייט... פון וואַנען וואָלט איך עס געקענט וויסען, אַז איך בין אַלט, ווען איך פיהל מיך נאָך אַזוי יונג? — — — — — — — —

מערקווירדיג, ווי פון ערשטען אויגענבליק האָט זיך מיר גע

דאַכט, אַז ס'האָט זיך גאָר ניט געענדערט, דיזעלבע הייזער, דיזעל־בע געסלאַך און דיזעלבע מענשען. איך האָב פיל זייעריגע דער־קענט, אָבער מיט אַ שטיקעל טעות: די אַלטע אידען, וואָס איך האָב דערקענט, זיינען ניט געוועזן דיזעלבע אַלטע אידען, וואָס איך האָב געלאָזט צוריק מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר, נאָר קינדער פון יענע, און די קינדער האָבען פונקט אַזוי אויסגעזעהן ווי זייערע טאַטעס. און יונגע מענשען האָב איך ווידער געזעהן און דערקענט, אָבער ס'איז ניט געוועזן די יונגע, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט צוריק מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר, די יונגע וואָס איך האָב דאַמאָלס געלאָזט, זיינען עס איצט געוועזן די אַלטע, און די איצ־טיגע יונגע זיינען דאָס געוועזן קינדער פון די אַלטע, און אַלע עפּעס אַזוי נאָהענט און באַקאַנט, נאָר וואָס די נעמען זייערע זיי־נען פאַרשוואונדען פון מיין זכרון... איך האָב מיך געפיהלט אין אַ היימיש־באַקאַנטער אַטמאָספערע, מיט באַקאַנטע פּנים'ער, און דאָך האָב איך קיינעם פון זיי ניט געקענט. און אָט אַזוי גע־הענדיג און באַטראַכטענדיג דאָס שטעדטעל, די געסלאַך און היי־זער, האָב איך אויף איינעם אַ בריקעל דערזעהן אַ באַקאַנטען אַלטען אידען זיצען אין די זאָקען. די שטוב און דאָס בריקעל האָב איך געדענקט און אויך דעם בעל־הבית פון דער שטוב — דאָס איז געוועזן מאיר וואָלפ'ס שטוב, און איך בין ערשטוינט גע־בליבען, ווען איך בין צוגעקומען נעהענטער און דערזעהן דעמזעל־בען מאיר וואָלפ'ן זיצען אין די זאָקען... אין מח איז ביי מיר פאַר־געקומען אַ צומישונג. איך האָב ניט געוואוסט וואָס מיט מיר טוט זיך... איך האָב געהערט פאָהרענדיג, אַז מאיר וואָלף איז גע־שטאָרבען. און געדענקט, אַז אין שטעדטעל איז געוועזן איין מאיר וואָלף. און דאָ, זעה איך, זיצט מאיר וואָלף שבעה, הייסט עס, אַז פאַר דער צייט איז דאָ אויסגעוואַקסען, געלעבט און געשטאָר־בען אַ צווייטער מאיר וואָלף, אָבער, מערקווירדיג, וואָס איין מאיר וואָלף איז געשטאָרבען און אַ צווייטער זיצט שבעה...

איך בין גלייך צוגעגאַנגען צו דעם אידען און געפרעגט:

— איז דאָ ניט מאיר וואָלפ'ס שטוב?

— יאָ, — האָט דער איד אין די זאָקען געענטפערט — וועד זייט איהר דען?

— זייט איהר ר' מאיר וואָלף?

און דאָ האָב איך ווידער אַ טעות געהאַט, ס'הייסט אי געהאַט אַ טעות, אי געטראָפען. ער אַליין איז ניט געווען מאיר וואָלף נאָר דער פאָטער זיינער. אָבער איך האָב פון טאַטען ביז'ן זוהן קיין אונטערשיד ניט געזעהן. פאַר מיינע אויגען איז געזעסען דער זעלבער מאיר וואָלף מיט זיין גאַנצען אויסזעהן און אויסקוק, פונקט דערזעלבער, אָבער דאָך ניט דער... יאָ, מאיר וואָלף איז צוריק מיט אַ פּאָר טעג ערשט געשטאָרבען, און דאָ איז איינער פונקט אַזעלכער געבליבען אַ לעבעדיגער מאיר וואָלף, וואָס זיצט שבעה נאָכ'ן טויטען מאיר וואָלף.

איך האָב אָפּגעצויגען פון איהם מיט אַ שווער געדריקט גע־מיטה. און גיך אָפּגעצויגען, ווייל איך האָב געזעהן, אַז ער באַ־טראַכט מיך אַזוי מיט אַזאַ באַטראַכטעניש, ווי איך וואָלט איהם עפּעס באַקאַנט אויסגעזעהן...

כ'האָב איהם פאַרלאָזט און בין אוועק ווייטער בלאָנדזשען אויף גאַסען און געסלאַך, וואו איך האָב זיך אָנגעטראָפען מיט פילע נייע אומבאַקאַנטע הייזער, אָבער אין דער מעהרהייט זיינען דאָך געבליבען דיזעלבע שטיבער, און פאַרקוקט אין יעדער אָפּע־נער טיר און אין יעדען אָפענעם פענסטער. און וואו און וועמען איך האָב פון טיר און פענסטער געזעהן ארויסקוקען, האָט מיר אויסגעזעהן באַקאַנט, און אריבערגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און אריינקוקענדיג פון איין אָפענעם פענסטער אין אַ צווייטען, האָט זיך מיר פּלוצלונג אַ וואָרף געטאָן אַ באַקאַנט און נאָהענט באַ־קאַנט געזיכט אין די אויגען אריין... די באַקאַנטקייט איז געווען פּלוצלונג, שנעל און גלייך פאַרשוואונדען געוואָרען אין דעם אומ־באַקאַנט פּנים פון אַ מיטעל־יאָהריגער צופלאָסענער פרוי, ווי די ליכטיגקייט פון בליץ ווערט פאַרשלונגען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. אָבער אוועקגעהן ווייטער, זי פאַרבייגעהן און אוועקגעהן, האָב איך שוין ניט געקענט, אָבער שטעהן אַזוי און

קוקען האָט דאָך ניט געפּאסט, און דאָ איז מיר גלייך איינגעפאלען צו פרעגען ביי איהר אויף... אויף לאה'קען...

איך האָב מיך טריט ביי טריט געלאָזט צוגעהן צום פענסטער, און פאר דער צייט האָב איך באמערקט ווי די אומבאקאנטע פרוי האָט אוועקגעשטעלט אויף מיר איהר בליק, א פארטראכטען און שטארען בליק, וואו ס'איז געווען אויסגעמישט עפּעס א מין אור־מעט און אָנשטרענגונג... אין דערזעלבער צייט האָט זיך נעבען איהר און ביים פענסטער א איד מיט א שווארצער באָרד באוויזען, און איהר אָנגעוואָרפען א וויינענדיג קאפּריזנע קינד אויף די הענט און צוריק פארשוואונדען געוואָרען. די פרוי, וואָס איז זיכער געווען די מוטער פון קינד, האָט עס זעהר ניט גערן און ווי אָן איבריגס גענומען איינצושטילען און האָט אַלץ געקוקט אויף מיר. איך האָב געוואָלט זיך אוועקרוקען ווייטער, אָבער איך האָב ניט געקענט. איך האָב מיך געפּיהלט עפּעס ווי צוגעבונדען אָט טאקע מיט דעם, וואָס איך האָב געקוקט אויף איהר און זי אויף מיר. האָב איך געפּיהלט, אַז עס פּאסט ניט אַזוי אוועקצוגעהן און האָב שוין געמוזט ביי איהר עפּעס וואָס אָדער אויף וועמען פרעגען...

— אפשר ווייסט איהר וואו ס'וואוינט דאָ איינע א לאה'קע?

א ראָזע פארב האָט זיך צוגאָסען אויף איהר פּנים און די אויגען האָבען מאָמענטאל באקומען אַזאַ גלאנץ, ווי ביי א היציג קראַנקען.

— לאה'קע? — האָט זי שטאמלענדיג געפרעגט — לאה'קע, איין לאה'קע איז דאָ... אָט היים איך אויכעט לאה'קע...

און מיט א מאָדנעם קרענקליך שמייכעלע פון בענקשאפט און נייגעריגקייט, וואָס האָט מיר דערמאָנט אָן יענער, וואָס כ'האָב געטראָפען דאמאָלסט אין בעט... האָט זי ביי מיר געפרעגט אויף וואָס פאר א לאה'קע איך פרעג, ווי אַזוי הייסען איהר עלטערען... דער מאַן... איך האָב דוקא גערענקט די נעמען פון איהרע על־טערען, נאָר איך האָב זיך געמאכט, אַז איך ווייס ניט, אַז איך האָב פארגעסען... איך האָב שוין געזעהן, אַז דאָס איז זי, אָט־די צופלאָסענע אידענע, טאָ נאָך וואָס דארף איך זי און צו וואָס טויג

זי מיר? און דאָ האָט זיך ווידער באַוויזען דער איד מיט דער שוואַרצער באָרד און מיט די ווייסע סוף־וואָכעדיגע קויטיגע אַר־בעל און אַ פרעג געטאָן ביי איהר, קוקענדיג אויף מיר:

— אויף וועמען פרעגען זיי, אויף וועמען?

איך בין געשטאַנען אַנטקעגען זיי און אַנטקעגען פענסטער ווי אַ קליין־שטעדטעלדיגער יאָלד און ניט געוואָלט איבער׳חזר׳ען די פראַגע מיינע און זי האָט איבער עפּעס פאַר מיר אומפאַרשטענד־ליכעם ניט געענטפערט דעם מאַן, און געפיהלט האָב איך ווי זי איז אין גאַנצען אוועק, אַריבער צו מיר מיט איהר פּאַרזונקענעם בליק אין מיר אַריין, און ס׳איז מיר געוואָרען אַזוי אומעטיג און ענג, אַז איך האָב דאָרטען ווייטער שטעהן ניט געקענט און אוועק־געהן איז פונקט אַזוי אוממעגליך געוועזן.

— וועמען באַדאַרפט איהר? — האָט דער איד גראָבליך גע־פרעגט דירעקט ביי מיר.

איך האָב געמוזט ענטפערען, און ער האָט זיך צושמייכעלט ווי איינער ביי זיך אין דער היים, ביי זיך אין שטוב און נעבען דער ווייב, וואָס פיהלט זיך אין אַלע פאַלען און אין אַלע צייטען פעסטער, זיכערער און קליגער פון אַ פרעמדען, וואָס פאַלט אַראָפּ אין שטאָדט און דרעהט זיך אַרום פרעמדען קיבוץ פון אַ פרעמדער שטוב, ביי אַ פרעמדען נעסט און געזאָגט און געלאַכט פון מיר:

— לאה׳קע? איך זעה, אַז איהר זייט ניט קיין קליין־שטעד־טעלדיגער, טאָ ווי פאַלט עס איין אַ מענשען צו פרעגען גלאַט אין דער וועלט אַריין וועגען אַ לאה׳קע? אָט הייסט מיין ווייב אויכעט לאה, און דאָרטען אין דער דריטער שטוב איז דאָ נאָך אַ לאה, ניט צו פאַרזינדיגען, און דאָ אַנטקעגען, זעהט איהר די שטוב מיט די געפאַרבטע לאָדענס? דאָרטען איז אויך דאָ אַ לאה. איך קען אייך אַליין אויסרעכענען ביי אַ צוויי צעהנדליג לאה׳ס, און יעקב אבינו׳ס ווייב האָט אויך געהייסען לאה...

איך האָב עפּעס געפּלאָנטערט מיט דער צונג איינגעלש און נאַריש זיך פאַרענטפערט און האָב זיך אָפּגערוקט עפּעס אַזוי הילפלאָז און אָנגעפילט, אָנגעשטאָפּט דאָס גאַנצע וועזען מיינס

מיט אומגעלומפּערטקייט און נאַרישקייט. איך האָב געשפּירט ווי מ׳קוקט מיר נאָך, ווי צווייען באַגלייטען מיך מיט פיר אויגען פון פענסטער אַרויס, און איך בין זיך טריט ביי טריט אויף היימי־שער ערד געטראָטען צווישען פרעמדע און אייגענע מענשען. ס׳איז געווען פאַרנאַכט, די זון, אָט דיזעלבע זון, וואָס האָט מיר אַזוי פאַרנאַרט, פון שכל און פון עלטער אַראָפּגעפיהרט אינ׳ם הייני־טיגען פריהמאָרגען, האָט זיך שוין אַריבערגערוקט אויף מערב־זייט. און, באמת, איך האָב פאַרלאָרען דעם באַגריף אין דער צייט... איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז פאָרגעקומען היינט, אָבער דאָס אומבאַוואוסטע וועזען אין מיר האָט עס ניט געקענט אויפנעהמען, אַז היינט האָב איך עס געזעהן אָט־דעם יעניגען פריהמאָרגען... איך האָב געהאַט אַזאַ באַגריף, אַז דאָס איז שוין עפּעס זעהר, זעהר לאַנג... עפּעס אַזוי ווייט און ווייט אָפּגעשיידט פון מיר... אַן אויסברוך פון אַ טאָג אין מיטען דער נאַכט מיט אַ זון און מיט עפּעס נייעס און יוגענד, וואָס האָט אין פלאַמען און אין בענקשאַפט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע וועזען מיינס, און דאָס אומבאַטראַכטע און זינלאָזע איבערצורייסען דעם וועג און זיך אַריינשלעפּען אין דעם שטעדטעל אַריין, וואו קיינער האָט מיך ניט דערקענט און איך קיינעם, חוץ איין און איינציגער לאה׳קע — לאה, איבער וועלכער כ׳האָב אומבאַוואוסטזיניג זיך אַראָפּגעלאָזט אַהערצו און זי דערקענט, זיך ניט וויסענדיג געמאַכט... כ׳האָב מיר עפּעס געפיהלט צובראָכען און צוואָרעהטאָגט.

אידען זיינען שוין געגאַנגען, זיך געשלעפּט מיט פאַרנאַכ־טיגען מנחה־שטימונג צו מנחה. דאָ און דאָרטען זיינען ווייבער און מינדעריעהריגע מיידלאַך געזעסען אויף די בריקלאַך און גע־שאָבען יונגע קאַרטאָפּליעס און די פאַסטוכער האָבען געטריבען די טשערעדעס פון דער פּאַשע און געקנאַקט מיט די בייטשען אין דער פאַרנאַכטיגער קיהלער לופט אַריין, דאַכט זיך אַלס דאָסזעלבע ווי געווען, און דאָך... אָך, וואָס פאַר אַ חילוק, וואָס פאַר אַ שפּרונג אין איין טאָג פון פריהמאָרגען ביז פאַרנאַכט... איך האָב געהאַט אַזאַ געפיהל, אַז איך האָב אין דעם איינעם טאָג איבער־

געלעבט און אָפּגעלעבט אָט־די גאַנצע מיינע אָפּגעלעבטע יאָהרען פון קינדוויז ביז איצט... מיר האָט זיך געדאכט, אז איך האָב אין דעם איינעם טאָג פון זון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג אָפּגע־לעבט א גרויס, גרויס שטיק לעבען, נאָך מעהר ווי איך בין אין גאַנצען אַלט געווען. — — — — — — — — — — — — — —

און אָט וואָס ס'האָט פּאַסירט:

אין אבענד איז צו מיר אויף מיין אבסניא אריינגעלאָפען א קליין מיידעלע פון א יאָהר פערצעהן־פופצעהן, און גלייך ווי זי איז אריין און זיך באַוויזען, בין איך געבליבען א פארשטיינער־טער און אויסגעשריען:

— לאה'קע!

די מיידעלע האָט מיר א ווייַלע אָנגעקוקט צומישט און צו־שראָקען, נאכהער שטאַמלענדיג געזאָגט:

— די מאַמע מיינע האָט אייך געבעטען איהר זאָלט צוקו־מען צו אונז...

איך האָב ארומגעכאפּט דאָס שעהנע געלאָקטע קעפּעל איהרס און צוגעדריקט צו מיין ברוסט, זי מיט ציטער און פלאַטער גע־גלעט, געקושט איהרע אויגען און אין די טונקעלע בעקעלאך... די מיידעלע האָט זיך געצויגען פון מיינע הענט און איך האָב זי אַלץ פעסטער און פעסטער געדריקט צו זיך.

— לאה'קעלע, לאה'קעלע!

— מיין מאַמע הייסט לאה! — האָט דאָס מיידעלע ברוגז און אָנגעבלאָזען געזאָגט, גלייך ווי זי וואָלט מורא געהאט דערפאַר, וואָס איך רוף איהר ביי דער מוטער'ס נאָמען...

— ניין, דו ביזט ביי מיר איצט לאה'קע, דו, דו!... זאָג דער מאמען דיינער... אז, אז...

זי האָט זיך אַזוי דראָטיג יונג־קערפּערדיג מיט א הענטעל און מיט צוויי און מיט איהר גאַנצען יוגענד־וועזען באפרייט פון מיר, פון דעם פרעמדען פערציג־יאָהריגען מאַן, און געוואָרפען אויף מיר אַזא ניט־פאַרשטענדליכען, ניט־צופרידענעם בליק און מיט א ברוגז'ער מינעלע און ברוגז'דיג קול'כעל געפרעגט:

— נו, איהר וועט קומען?

איך האָב געקוקט אויף איהר מיט אַ וועהטאָגדיגער בענק־שאַפט אויף דער נאָהענטער און ווייטער פון מיר, אויף דער איי־גענער און פרעמדער... פאַר מיינע אויגען איז געשטאַנען פונקט דיזעלבע לאה'קע, וואָס איך האָב געקענט צוריק מיט זיבען, זעקס און פינף־און־צוואַנציג יאָהר. יאָ, דיזעלבע, פונקט דיזעלבע, מיט איין־און־איינציגען אונטערשיד, וואָס יענע האָט אויף מיר אַנדערש געקוקט און די אַנדערש פון יענער...

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי אָפּגעזאָגט און איז פאַר־שוואונדען געוואָרען.

איך האָב איהר נאָכגעקוקט דורכ'ן פענסטער און געזעהן ווי דאָס לויפט אַזוי פּיסעלדיג, לויפט און לויפט פון מיר אַלץ ווייטער און ווייטער, ווערט פון ווײַלע צו ווײַלע אַלץ דינער און שמע־לער און איז ניט געבליבען...

איך האָב מיך אַ צושרויפטער פאַרפריה אריינגעלעגט אין בעט אריין און פאַר'ן לעגען זיך אָנגעזאָגט אין שטוב, די שטוב־מענשען, מ'זאָל מיך פאַרפריה אויפוועקען צום פּאָסט־צוג, צו דעם זעלבען, וואָס האָט מיך אַהער געבראַכט... איך בין זעהר שלעכט געשלאָפען. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געדרעהט אין קאָפּ דאָס קליינע מיידעלע „לאה'קעלע", דער געשטאָרבענער מאיר וואָלף און דער „מאיר וואָלף וואס איז געזעסען שבעה"...

# אין די בערג.

דאָס באָרדינג־הויז „סאָן־שיין" איז פון אַלע זייטען ארומ־גערינגעלט מיט בערג, מיט בערג נאָהענטע און ווייטע און מיט בוימער נאָהענט און ווייט ארום זיך. דאָס באָרדינג־הויז געפינט זיך אין א טאָל, און אין טאָל אַליין געפינען זיך ערטער נידעריגע און ערטער העכערע; שטעהט עס אויף א העכערען אָרט און צו־צוקומען צו דעם דארף מען ארויפגעהן אויף א צעהן טרעפּלאך, וואס זיינען איינגעטרעפּעלט אין הויכען פארנעם פון העכערקייט; פון הינטען, פונ'ם שליאך, וואָס ליגט אנטקעגען פראָנט פון דעם הויז און ציהט זיך אויך הארט און שטויביג אויף רעכטס און אויף לינקס.

דאָ, ארום באָרדינג־הויז, איז אַלעס קולטיווירט. דער פּאָרטש איז באוואקסען און באהאנגען מיט בלומען. אין פראָנט און ביי די זייטען קוסטעס, דין־שטעקעלדיגע בוימלאך, וואָס בליהען אין פארשידענע פארבען. דאָס גראָז איז געשוירען; וואקסט — און וואקסט קיינמאָל ניט אויס; און ווייטער אביסעל פון הויז אי־בער'ן גאנצען פארנעם פון פּלאַץ, וואָס געהערט צו די אייגענ־טימער פון „סאָן־שיין", שטעהען צוואָוואָרפען פרוכטען־בוימער, איי־ניגע פון זיי מיט געהאקטע צווייגען, אָן וואָס ס'איז קענטיג די השגחה פון א מענשען־אויג און פון א מענשען־האנט; און וויי־טער, ביי א הונדערט פוס ווייטער פון דעם הויז, הויבט זיך שוין

אָז צו באַווייזען די ווילדקייט: דאָ אַ בוים, דאָרט אַ בוים, ברייט צואַוואָרפען מיט בוימער־צווייגען, וואָס פאַרנעמען אַ גרויסען פאַרנעם אין דער לופט רוים, און הינטען, הינטער שאָטענס פון בוימער, זיצען און דרעמלען זייער האַרטען טויזענד־יעהריגען דרע־מעל, שטיינער, דאָ אַ קליינער, דאָרט אַ גרויסער, און דאָך ניט צו באַגרייפען, וועלכער פון זיי אין עלטער און ווי לאַנג זיי זיצען דאָ אָט־די שטיינערדיגע משפחה; און וואָס ווייטער אין איין זייט און וואָס ווייטער אין אַ צווייטער, ווערט ווילדקייט געדיכטער, געדיכטער מיט בוימער, געדיכטער מיט שטיינער אויף באַרגיגער הויכקייט, וואָס ציהט זיך אַוועק מיילען־ווייט העכער און נידע־ריגער, און ערטערווייז זעהט מען גאָר כמעט ווי קיין בוימער ניט אַרוים, נאָר אַ גרין ווילד וואַלדיג געדיכטע באַוואַקסענקייט, באַ־וואַקסען און זיך אַליין אַרומגעוואַקסען מיט בלעטער און גרינס אין הויכקייט און אין ווייכקייט פון ערד, ווי פריש אָנגעשאָטען און דורכגעוואָרצעלט אַזוי ווי מיט געדערים און מיט אָדערען דורך און דורך, דעם גאַנצען פאַרנעם פון באַרג און ער, עפּעס אַזוי ווי אין פאַרגליווערטער קאָנוואולסיע שטעקען פאַרדרעהטע וואָרצלען ווי קני אַרויס... וואָרצלען צוזאַמען מיט צווייגען און בלעטער, און ס'דאַכט זיך, אַז אַלעס וואַקסט אין דער ערד אריין... איז שטילען און אין גרינעם משוגעת פון ווילד וואַקסען, אין האַרט־נע־קיגען שטילען קאַמף וואָס איין וואָרצעל פיהרט מיט'ן צווייטען פאַר זיין עקזיסטענץ, פאַר עפּעס, וואָס האָט איבער זיך פון אויבען און עס ווייסט ניט וואָס, און צוזאַמען מיט האַרטע שווערע שכנים צווישען זיך, וואָס זיצען דאָרטען ווער ווייס וויפיל צעהנדליגע טוי־זענדע יאָהרען און שיטען זיך און ברעקלען זיך שוין פון אַלט־קייט און פאַרשטיינערען מיט שטיקלאַך שטיין מיט האַרטקייט און שפּיציגקייט, באַרג, ערד און טרוקענע בלעטער און צווייגען,

וואָס פאַלען יאָהר איין, יאָהר אוים. אָן שטיינער וואָס שיטען זיך און ברעקלען זיך דערקאָנט מען, אז די וועלט איז שוין זעהר, זעהר אַלט... טונקעל־גרוי זיינען די שטיינער פון ערדיגען יסוד, האַרט געוואַקסען, זיהן פון דער ערד מיט'ן זעלבען קאָליר וואָס די מאַמע, און אָפּגעלעבט אַ לאַנג לעבען קעהרען זיי זיך אום צוריק צו דער ערד אַ שטיקעל נאָך אַ שטיקעל, אַ פּלאַסט נאָך אַ פּלאַסט, און די שטיינער זעהען אוים ווי באַשאָטענע, מיט ליפּען פאַרשלאָסענע.

צווישען די קעשענעם פון די בערג נעצט זיך אָן אַ נעצעלע אָן אַ נעצעלע, אָהן וואַסער, שטיל, אָהן געַרויש ,נעצט עס און ווייסט ניט וואו דאָס נעצעל הויבט זיך אָן און וואו עס ענדיגט זיך, תמיד בלאָטיג און קיינמאָל ניט וואַסערדיג, עפּעס ווי אַ שטענדיגע וואונד וואָס פּאַסעוועט ווייך און בלאָטיג בערג אַדורך און ווידער פאַראָן שמאָלינקע, גיך־גיך לויפענדע ווי אין שליחות פון הויך אַראָפּ צו דער נידעריגקייט צו וואַסער־שטיינגעלאַך, און גאָר הינטען צווישען בערג און צווישען טאָל שורשעט און מורמעלט טאָג און נאַכט און אייביג מיט לויפעניש און איילעניש אַ טייכעלדיג וואַסערעל. עס לויפט מיט אימפּעט און האַרבעט זיך פון שטיינדלאַך אין גרעסערע שטיינער וואָס ליגען דעם אין וועג. דאָס וואַסערעל לויפט, דאָס וואַסערעל יאָגט, און ס'שטעהט אויף איין אָרט, ס'שלייענגעלט זיך מיט לויפעניש און איילעניש צווישען שטיינער און אויף שטיינער, עס רייבט זיך ביי שטאַמען פון בוימער, און ס'שווייַנקט דין שטעט־קעלדיגע ווילדע געוויקסען, און זיי באַוועגען זיך און שאָקלען זיך אָהן אויפהער פון לויפענדיג וואַסערעל.

אין פאַרשידענע צייטען פון זומער, ווען פאַרשידענע געוואוקסען וואַקסען און בליהען און שטאַרבען איינצייטיג איינס לעבען דאָס אַנדערע, און פונקט ווי יעדעס געוואוקס בליהט מיט זיין פאַרב, אַזוי שטאַרבט זיך יעדעס געוואוקס מיט אַ באַזונדער

פאַרב, יעדעס געוואוקס מיט פאַרשידענע בלעטער און קאָלירען, פון וואַקסען, פון בליהען און פון שטאַרבען, און דאָס טייכעל ווערט באַשאָטען מיט בליהעכץ, מיט בלעטער און פאַרבען, און כ'לויפט און ס'טראָגט זיך אַ געבלעטערט, אַ געבלומט, געפאַרבט אין פאַרשידענע קאָלירען דאָס וואַסערעל ווי אַ פיל־פאַרביג צינגעל, אַ פיל־שפּראַכיגס פון דער שטומער און רייכער נאַטור, אַ שטילע, שוויינעדיגע שורה פון רייכער אייביגקייט און פון אייביגער רייכקייט, פון אַ שעהנער וועלט, פון אַן אייביגער וועלט, וואָס האָט זיך דיסהאַרמאָניש און האַרמאָניש צונויפגעגאָסען, אַ וועלט פון בערג, אַ וועלט פון שטיינער, אַ וועלט פון בוימער, גרינס און בלומען, מיט נעצערלאַך, ריטשקעלאַך און טייכעלאַך, וואָס נעצט, פליסט, רינט אין שטראָמען דאָ און דאָרטען, וואו מ'זעהט און וואו מ'זעהט ניט.